STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00772

UNZER LID FUN SHPANYE

Israel Jacob Schwartz

Permanent preservation of this book was made possible by
J. William Julian

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אונזער ליד פון שפּאַניע

אונזער ליד פון שפאניע

(די גאלדענע שפאנישע - העברעאישע תקופה)

שלמה אבן-גבירול
משה אבן-עזרא
יהודה הלוי

איבערזעצט מיט איינלייטונגען
און באמערקונגען פון

י. י. שווארץ

ארויסגעגעבן פון אידישער קולטור געזעלשאפט
פילאדעלפיער צווייג - ניו-יארק. — הת ר צ"ב

Copyright, 1931
by
I. J. Schwartz, New York

עזעצט און צעבלעטערט:
פון
יעקב לייזעראָוויטש

געדרוקט אין דער אָריאָם פּרעס, 129 לאַפּאַיעט גאַס, ניו יאָרק

צום ליכטיקן אנדיינק
פון מיין פאטער
הרב יצחק אייזיק בר׳ דוד, ז״ל.

אַרײַנפֿיר

די שפּאַניש־העברעאישע פּאָעזיע האָט מיך שטענדיק צוגעצויגן און אָנגערעגט.

צו צוועלף אָדער דרייצן יאָר איז מיר אַרײַנגעפֿאַלן אין האַנט אַ קליין ביכל געבונדן אין בלויע טאָוועלאַך — יהודה הלוי׳ס שירים. דאָס איז געווען זייער אַ האַרבער ענין, — נאָר איך האָב געלייענט און בין באַלד פֿאַרטראָגן געוואָרן אין דער שטימונגס־וועלט פֿון דער אידיש־שפּאַנישער ראָמאַנטיק. עס איז געווען שווער צו פֿאַרשטיין, אָבער איך האָב זיך אַרויס־געהאָלפֿן מיט די קורצע טרעפֿלאַכע קאָמענטאַרן פֿון שמואל דוד לוצאַטו. דאָס איז געווען מײַן ערשטע פּאָעטישע ליבע.

זינט דאַן זײַנען אוועק אַפּולע יאָרן, און מיט די יאָרן איז די ליבע שטאַרקער און רײַפֿער געוואָרן. עס זײַנען געווען צײַטן, וואָס איך בין אָפּגעריסן געוואָרן פֿון דידאַזיקע שטימונגען, אָבער אָפּגעפֿרעמדט בין איך צו זיי קיינמאָל ניט געוואָרן. דאָס אײביקע ליכט פֿון יענע גרויסע פּאָעטן, דער מעכטיקער שוואונג פֿון זייערע ליכטיקע גייסטער — האָבן נישט אויפֿ־געהערט מיך צו באַגײַסטערן, ביז איך האָב מיך מיט צוויי יאָר צוריק פֿאַרטאָן אין דער אַרבעט איבערצוגעבן די מיטלאַלטערלאַכע העברעאישע ליריק אין אידיש. אין די צוויי יאָר האָב איך מיך פֿולשטענדיק געפֿונען אונטערן שאָטן פֿון די דריי גרויסע גייסטער: שלמה אבן־גבירול, משה אבן־עזרא און יהודה הלוי. און דאָס בוך „פֿון דער שפּאַניש־העברעאישער ליריק” אין אידיש איז דער רעזולטאַט פֿון מײַנע לעצטע צוויי יאָר אַרבעט.

* * *

איך וויל דאָ אונטערשטרײַכן, אַז איך בין לחלוטין ניט אויסן געווען צו געבן אַ שטרענג־וויסנשאַפֿטלאַכע, קולטור־היסטאָרישע אַרבעט. איך האָב בלויז געזוכט אין די לידער דאָס אמת־אײביקע, דאָס ליכטיקע, די רע־גונגען און שטימונגען, וואָס ווערן קיינמאָל ניט אַלט. דעריבער האָב איך זיך דערלויבט אַרויסצולאָזן דאָס, וואָס איז הײַנט־צו־טאָג פֿרעמד פֿאַרן געשמאַק פֿון מאָדערנעם מענטשן: די אַלטע אָפּגעשמאַקטע מליצות, דאָס גוזמאדיקע, די אויפֿגעבלאָזענע היפּערבאָלן, וואָס זיי האָבן אײַנגעזאַפּט אין זיך פֿון דער אַראַבישער פּאָעטיק. איך האָב געזוכט בלויז דאָס אינער־לאַכע, דעם אינדיווידועלן פֿרישן אויסדרוק פֿון פּאָעט. עס איז מיר ניט אָנגעגאַנגען, אויב איך האָב פֿון בן־גבירול אָדער יהודה הלוי גענומען

בלויז די ערשטע צוואנציק שורות פון א ליד, וואס באשטייט אין אריגי־נאל פון הונדערט, אדער מער, שורות, צי גאר אנגעהויבן א ליד פון סאמע מיטן, ווייל די ערשטע העלפט איז געשריבן צו א פריינט אדער מעצענאט און זאגט אונז גארנישט. אן אויסנאם האב איך געמאכט מיט די שירי־קודש. דארט האב איך זיך געפלייסט איבערצוזעצן דאס ליד כמעט ווערטערלאך, ווייל די שירי־קודש זיינען קאנצענטרירט און ניט צע־צויגן ווי א סך פון זייערע שירי־חול. איך וויל אויך באמערקן, אז פון דער גרויסער פאעמע „כתר־מלכות" האב איך בלויז גענומען די ערשטע העלפט — דארטן, וואו עס רעדט דער שטאלצער באוואוסטזיניקער דיינקער, און ארויסגעלאזט די צווייטע העלפט, וואו דער פאעט, מיט קליינע אויסנאמען, פאלט־אריין אין טאן פון ודוי־הגדול.

* * *

די טעקסטן, וועלכע איך האב באנוצט פאר מיין ארבעט, זיינען פאלגנדיקע:

ביאליק און רבניצקי: שירי שלמה בן־יהודה אבן־גבירול.
א. א. הרכבי: יהודה הלוי.
חיים בראדי: דיוואן יהודה הלוי.
ביאליק און רבניצקי: רבי משה אבן־עזרא.
דוד גינזבורג: ספר־התרשיש לרבי משה אבן־עזרא.
חיים בראדי: מבחר השירה העברית.
י. ל. דוקעס: רבי משה אבן־עזרא.
משה אבן־עזרא: שירת־ישראל.

* * *

צולעצט וויל איך אויסדריקן מיין דאנק צו די חברים פון פילאדעל־פיער צווייג פון דער „אידישער קולטור־געזעלשאפט" פאר זייער אונ־טערנעמונג דאס בוך ארויסצוגעבן; דעם פאעט אברהם ליעסין, איינער פון די גייסטיקע יורשים אין אידיש פון יענע פאעטן, וואס האט א גרויסן טייל פון די לידער געדרוקט אין „צוקונפט"; דעם טייערן ליבן פריינט און חבר משה קאץ פון פילאדעלפיע, וואס האט מיך דערמונטערט מיט ווארט און טאט; ווי אויך אלע חברים און פריינט פון פילאדעלפיע, טרענטאן, אלענטאון און ניו יארק, וואס האבן מעגלאך געמאכט, אז דאס בוך פון דער אלטער העברעאישער ליריק זאל דערשיינען אין אידיש.

י. י. ש.

יולי 30, 1931, ניו יארק.

שלמה אבן-גבירול

שלמה אבן־גבירול

.. און די וועלט האָט פאַרטרויט מיר איר סוד,
ווי זי וואָלט מיט איר ווײַן מיך באַטרונקען...

א.

ווייניק זיינען די ביאָגראַפישע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען צו אונז דער־גאַנגען פון שלמה אבן־גבירול׳ס לעבן. עס איז געלונגען פעסטצושטעלן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן בערך אין יאָר 1021 אין דער שטאָט מאַלאַגע. אין זיין פריאיקער קינדהייט איז דער פּאָעט געבליבן אַ יתום. אויפגעהאָ־דעוועט און דערצויגן איז ער געוואָרן אין סאַראַגאָסע. פרי איז זיין גרויסער טאַלאַנט רייף געוואָרן, און צו זעכצן יאָר איז ער שוין ווייט־באַרימט איבער אַלע גרויסע אידישע ישובים פון יענער צייט: מצרים, בבל און שפּאַניע. דער יונגער פּאָעט געפינט שוץ ביי אַ געוויסן אידישן שטאַטסמאַן און גע־לערנטן מיטן נאָמען רבי יקותיאל אבן־האַסאַן. נאָכדעם ווי יקותיאל איז צוליב אַ בלבול אומגעקומען בלייבט דער יונגער פּאָעט ווידער עלנט אויף דער גרויסער וועלט. צוליב זיין שאַרפער צונג און פּען — ווערט דער פּאָעט אַריינגעצויגן אין אַ נעץ פון מחלוקות מיט די חכמים און געלערנטע פון סאַראַגאָסע. אויפן פיר־און־צוואַנציקסטן יאָר פון זיין לעבן באַזעצט ער זיך אין גראַנאַדע, און דער גרויסער געלערנטער און עלטערער פּאָעט רבי שמואל הנגיד איז אים מקרב. דאָ אַנטוויקלט זיך דער יונגער פּאָעט אין זיין פולער מעגלאַכקייט און זיין פּאָעטישער שוואונג דערגרייכט ביז צו זיין העכסטער מדרגה. ער שרייבט אויך העכער צוואַנציק ספרים פון וויסנשאַפטלאַכן און פילאָזאָפישן כאַראַקטער, ווי ער דערציילט מיט גאוה אין איינעם פון זיינע לידער. בלויז איינער פון זיי איז צו אונז דערגאַנגען: זיין ספר „מקור־חיים״, געשריבן אָריגינעל אין אַראַביש, וואָס איז שפּעטער פון אַ לאַטיי־נישער איבערזעצונג צוריקגעקומען אין העברעאיש.

דאָס איז אומגעפער אַלץ, וואָס אונז איז באַקאַנט פון שלמה אבן־גבירול׳ס לעבן. מיר ווייסן אפילו ניט גענוי אין וואָסער יאָר ער איז גע־

שטאַרבן. לויט גרעצס רעכענונג זאָל ער האָבן געשטאָרבן אין יאָר 1070, ד. ה. אויפן ניין־און־פערציקסטן יאָר פון זיין לעבן. נאָך משה אבן־עזרא. וואָס איז געבוירן געוואָרן, לויט גרעצן, אין איינענעם יאָר וואָס בן־גבירול איז געשטאָרבן, דערציילט אין זיין בוך „אידישע פּאָעזיע״, אַז אבן־גבירול איז געשטאָרבן, ווען ער איז נאָך קיין פולע דרייסיק יאָר ניט אַלט געווען. דאָס איינענע זאָגט אויך דער לעצטער פּאָעט פון דער שפּאַנישער עפּאָכע, יהודה אלחריזי. הגם עס איז מעגלאַך, אַז אלחריזי האָט דעמדאָזיקן פאַקט גענומען פון דעם שוין אויבנדערמאָנטן קוואַל.

די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט שלמה אבן־גבירול׳ס טויט, אַזוי ווי דעם טויט פון איר ליבלינג יהודה הלוי, איינגעהילט אין לעגענדע. די לעגענדע דערציילט, אַז ער איז געטויט געוואָרן פון דער האַנט פון זיינעם אַ חבר, אַן אַראַבישן פּאָעט, וואָס האָט זיך מתקנא געווען אין שלמה׳ס געטלאַכן טאַלאַנט. ממש די פּושקינשע געשיכטע פון מאָצאַרט און סאַליערי.

ב.

פרי איז שלמה אבן־גבירול געבליבן אַ יתום. דאָס האָט בלי־ספק געמוזט לייגן אַ שטעמפּל פון פאַרביטערטקייט אויף דעם עמפּפינדלאַכן דיכטער. נאָך אין זיינע ערשטע לידער, געשריבן צו זעכצן יאָר, ווענדט זיך דער עלנטער דיכטער צו זיין פאַרשטאָרבענער מוטער מיט די ווערטער:

און ווי איז מיר, מוטער, וואָס דו האָסט מיך געבוירן,
וואָלסט בעסער שוין געשטאָרבן אַן עקרה —

אין אַ שפּעטערדיקן ליד, געשריבן, ווען ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון סאַראַגאָסע צוליב זיין מחלוקה מיט די פירער און לומדים פון שטאָט, גיסט ער אויס זיין ביטער הארץ אין די פערזן:

איך וואוין צווישן מענטשן
אַן עלנטער, פאַרלאָרן;
באַגראָבן — ניט אין מדבר —
די ווענט פון הויז מיין ארון.
קיין טאַטע און קיין מאַמע —
דאָ טו איך עלנט צאַנקען;
קיין ברודער, פריינט און גואל —
אחוץ מיינע געדאַנקען.

פון געפיל פון עלנט, וואָס דאָס איז דער גורל פון אַלע גרויסע גייסטער, האָט ער זיך ניט געקענט באַפרייען אפילו דאַן, ווען ער איז געוואָרן באַרימט און אָנערקענט. ער האָט פרי דערשפּירט דעם אינערלאַכן שאַפונגס־דראַנג און די גרויסע קרעפטן זיינע, וואָס האָבן זיך געריסן צום אויסדרוק, און אין זיין יוגנטלאַכער שטאָלץ האָט ער זיך געהאַלטן אַז אַן ערך העכער פון זיין סביבה. עס איז דאַריבער קיין וואונדער ניט, וואָס זיינע מיטמענטשן האָבן רעוואָלטירט אַנטקעגן דערדאָזיקער באַציאונג זיינער, און האָבן אים ביטער באַקעמפט. ער האָט זיי ניט געקענט מוחל זיין זייער גרינגשעצונג, און האָט זיך אין זיי נוקם געווען מיט זיין פּען. איינמאָל און נאָכאַמאָל הערן מיר דעם אָפּקלאַנג פון דידאָזיקע מלחמות זיינע, אַז „זיין ליפּ אין געפּעכט איז זיין פּאַנציר, און זיין שווערד און זיין שפּיז — איז די צונג". אין זיין אויבן־ציטירט ליד רעדט דער פּאָעט ווייטער וועגן זיינע בעלי־מחלוקה פון סאַראַגאָסע, און זאָגט:

איך וועל ווי ליים זיי טרעטן,
מיין שפּיז אויף זיי אויסשטרעקן;
אויב טויב איז אייער אויער —
ווי קען מיין גלאָק אייך וועקן?
צו דיק זיינען די העלדזער
מיין פּערלשנור צו טראָגן;
צו טעמפּ זיינען די מוחות,
איך זאָל מיין וואָרט אייך זאָגן.

דאָס איז איינגנטלאַך געווען די אייביקע קיינמאָל ניט־איינגעשטילטע מלחמה: די קעגנזייטיקע מלחמה צווישן דעם יונגן ווייט־זעענדיקן גאון מיט דער טעמפּער קורצזיכטיקייט און מיטלמעסיקייט פון המון. ער האָט אויף זיי אַראָפּגעקוקט פון אויבן־אַרונטער און זיי באַשפּיגן מיט פאַראַכטונג, און צו דער אייגענער צייט האָבן אים זייערע רייד אַז אויסלאַכן פאַרביטערט און פאַרסמט דאָס לעבן.

דערצו איז צוגעקומען דער פאַקט, וואָס דער פּאָעט האָט געדאַרפט כל־ימיו אָנקומען צו דער גוטהאַרציקייט און חסדים פון זיינע מעצענאַטן. דער שטאָלצער גייסט האָט זיך געמוזט בויגן צו זיי מיט פאַרדינטע, און גאַנץ אָפט, מיט ניט־פאַרדינטע ליבגעזאַנגען. דאָס אַלץ האָט דעם פּאָעט געמוזט נאָך מערער פאַרביטערן און פאַרסמען. פונדאַנען נעמט זיך זיין בייסנדיקער סאַרקאַזם און טויטלאַכער שטאָך. ער האָט זיך פאַר קיינעם ניט

אָפּגעשראָקן און, צייטנווייז, אפילו ניט פאר זיינע אייגענע בעלי־טובה און ברויטגעבער. דער איינציקער, צו וועמען ער האָט געהאַט אַ פיינע, הארציקע באַציאונג איז געווען יקותיאל אבן־האסאַן. אין טאָן פון יענע לידער, וואָס זיינען געשריבן לכבוד אים, פילט זיך אַ הארציקייט און אַ גייסטיקע נאָענטקייט. און שפּעטער, ווען יקותיאל ווערט דערהרגעט — באַוויינט ער אים מיט אמתע אויפריכטיקע טרערן.

אנדערש אָבער זיינען די באַציאונגען זיינע מיטן באַרימטן שטאַטס־מאַן און פּאָעט רבי שמואל הנגיד. עס שפּירט זיך אַ קעלט און אַנגעצויגנ־קייט אין זיינע אָדן, וואָס זיינען געשריבן לכבוד דעם נגיד. ער באַזינגט זיין גרויסקייט אַלס שטאַטסמאַן, אַלס געלערנטער, אַלס גרויסע פּערזענלאַכקייט. נאָר ווי עס קומט צו פּאָעזיע — פאַלט ער אריין אין אַ ליבגעזאַנג צו זיך אַליין און צו זיין אייגענעם שאַפן. דער פּאָעט קען זיך אָפּטמאָל ניט צוריק־האַלטן פון מאַכן עפּיגראַמאַטישע באַמערקונגען אויפן חשבון פון שמואל הנגיד'ס לידער. אין אַ פראַגמענט פון אַ פּאָעמע, וואָס איז צו אונז דער־גאַנגען, רעדט דער פּאָעט וועגן אַ נאַכט און זאָגט:

זי איז קאַלט ווי דער שניי אויף באַרג־שניר,
צי ווי שמואל דעם לוי'ס אַ ליד...

פאַרשטייט זיך, אַז דעראַזיקער קאַלטער קאָמפּלימענט איז אַנגעקומען צו שמואל הנגיד, און אבן־גבירול האָט זיך געמוזט בויגן און קומען זיך פּאַרענטפערן פאַרן נגיד מיט נייע ליבגעזאַנגען. עס זיינען אויך דערגאַנגען צו אונז זיינע עטלאַכע עפּיגראַמען, אין וועלכע עס ברויזט אַ וועלט מיט ביטערניש און אַנמעכטיקן צאָרן, ווי אַשטייגער:

וועל די שטיינער צוריק דיר ניט וואַרפן,
און דיין פייל, וואו געפאַלן — פאַרבליבן;
האָסט אַמאָל דאָך מיט גנאָד מיך באַשאָנקען,
פון דיין טיש האָב איך ברעקלאַך געקליבן.

צו דערזעלבער צייט קלינגט דער קרינגערישער אַרויסרוף פון דעם שטאָלצן גייסט, וואָס שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר דעם שטאַרקסטן און מעכטיקסטן שונא:

ווילסטו שלום — בין גרייט דיר צו דינען,
זוכסטו קריג — דאַן בין איך דיין געביטער.

משה אבן־עזרא, אין זיין אָפּשאַצונג פון שלמה אבן־גבירול, טאַדלט אים דערפאַר און זאָגט: „אַז הגם ער איז געווען אַ פילאָזאָף לויט זיינע איינגעבוירענע אייגנשאַפטן און בילדונג — האָבן דאָך זיינע אויפגערייצטע אינסטינקטן גענומען די אויבערהאַנט איבער זיין שכל. ער האָט ניט גע־קענט באַהערשן זיין כעס און פאַרטרייבן דעם שטן, וואָס איז אין אים געזעסן. עס איז ביי אים געווען אַ גאַנץ לייכטע זאַך אָפּצולאַכן פון גרויסע מענטשן און זיי מאַכן צו שאַנד און שפּאָט. די אמתע פילאָזאָפיע מיינט: אונטערדריקן די נידעריקע אינסטינקטן פאַר די העכערע, ד. ה. דער שכל דאַרף זיין דער הערשער איבער די מיאוסע אינסטינקטן. דערדאַזיקער יונ־גער איז געשטאָרבן אין אָנהויב פון ניינטן יאָרהונדערט (לויט דער אידישער ציימרעכענונג — י. י. ש.) אין וואַלענציע, און דאָרטן געפינט זיך זיין קבר, נאָכדעם ווי ער איז צוגעקומען צו זיין דרייסיקסטן יאָר. די קריטיקער האָבן געשטודירט זיינע זאַכן און געפונען פעלערן — אָבער דער מבין וועט געפינען דערפאַר אַ פאַרענטפערונג אין זיין יוגנט און יוגנטלאַכער פאַר־בלענדעניש".

ג.

פאַרטיפן מיר זיך אין שלמה אבן־גבירול'ס ווערק — דערפילן מיר די גרויסע פערזענלאַכקייט און שאַפנדיקן גייסט פון דיכטער. זיין אוממיטל־באַרער דראַנג פון שאַפן, זיינע גרויסע פלאַמיקע שטימונגען — זיינען אַזוי שאַרף און בולט, אַז מיר קענען זיי, דאַכט זיך, אָנטאַפּן מיט דער האַנט. ער באַזיצט דעם גרויסן כח פון איבערצייגונג, מיט וועלכן עס זיינען באַ־גאַבט בלויז די עכטע גרויסע פּאָעטן פון יעדן דור. ער איבערצייגט אונז מיט דער וואָרהאַפטיקייט פון זיינע געפילן־שטימונגען און מיט זיין עכטן רעליגיעזן ציטער. עס דערשיינט די ריטערלאַכע טראַגישע פיגור פון דעם יונגן מיסטיקער פאַר אונזערע אויגן — און דידאַזיקע פיגור איז אונז אַזאַ נאָנטע, אַן אייגענע. מיר פילן זיין איינזאַמקייט און שטאָלצע אָפּגעשלאָסנ־קייט פון די אַרומיקע, און די שטענדיקע מלחמות זיינע, וואָס דער שטאָלצער גייסט האָט געהאַט צו פירן מיט זיין סביבה. דער צער פון דער וועלט שרייט אַרויס פון דעם יונגנס פאָעטס האַרצן. זיינע פערזענלאַכע לידער — ווי זיי ווערן אָנגערופן אין העברעאיש „שירי־חול" — זיינען אַ קרינגערישער אַרויס־רוף, אַ שרייענדיקער פּראָטעסט צו דער וועלט, פאַר דער טעמפּער, בלינדער באַגרעניצטקייט, אין וועלכער זי האָט דעם מענטשן איינגעקלאַמערט פון זיין געבוירן־אָן, און פון וועלכער עס איז ניטאָ קיין אויסוועג. פון זיינע

ערשטע לידער אָן זעען מיר דעמדראַזיקן קאַמף זיינעם אנטקעגן דער „צייט" און די „זין און טעכטער" פון דער צייט, ד. ה. די לייד און הילפלאָזיקייט, וואָס זיינען דעם מענטשנס גורל.

דער גרונד־טאָן פון דער שפּאַניש־העברעאישער פּאָעזיע אַלס א כלל — איז דורך־און־דורך פּעסימיסטיש. דאָס איז אַ פולשטענדיקע פאַרנויגונג פון לעבנלוסטיקייט און אַלע ערדישע פריידן. עס איז אייגנטלאַך שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי — ווייל דאָס גייט להיפך דער גאַנצער אידישער לעבנס־אַנשויאונג. סיידן מיר זאָלן אָננעמען, אַז דער אָריענטאַלער פאַטאַלער בליק פון די אַראַבישע און פערזישע קולטורן האָט אויסגעאיבט זיין השפעה אויף דער נאָר־וואָס אַנטשטאַנענער העברעאישער פּאָעזיע. נאָר אויף קיינעם פון די גרויסע פּאָעטן פון יענער עפּאָכע — ניט אויף זיין צייט־חבר ר' שמואל הנגיד, און ניט אויף די שפּעטערדיקע משה אבן־עזרא און יהודה הלוי — ליגט ניט דער שטעמפּל פון פּעסימיזם אַזוי טיף און אַזוי עכט ווי אויף דעם יונגן בן־גבירול. דער פּעסימיזם איז מיט אים צוזאַמען אויף דער וועלט געקומען און איז געוועזן איינגעבוירן אין זיינע בלוטן. אין זיינע פּערזענלאַכע לידער דאָמינירט בלויז אַן איינציקער קאָליר, און דאָס איז דער שוואַרצער. נאָך אַלס זעכצניעריקער אינגל זאָגט דער אינגל־פּאָעט אויף זיך:

מיין ליד ווערט פאַרשטומט פון טרויער,
און מיין פרייד ווערט אַנטשווינגן פון לייד;
הער איך לאַכן — פאַרנעמט מיר דאָס האַרץ
אויפן לעבן, וואָס שווינדט און פאַרגייט.

און אין אַן אַנדער ליד, געשריבן אומגעפער אין דערזעלבער עלטער, רעדט דער פּאָעט וועגן דער נישטיקייט און הבל־הבלים פון דער ערדישער עקזיס־טענץ, אַז זיין נשמה —

האָט פאַרמיאוסט די ערדישע גליקן,
ווייל בלויז אומגליק איז ס'לעבן פון ערד:
ס'איז די פרייד פון דער וועלט לויטער טרויער,
און איר קראַפט האָט קיין האַפט און קיין ווערט.
וואָרים גליק ווערט צערונען, צעפלאָסן,
און בלויז אומגליק בלייבט אייביק אין איר — — —

און וואָס מער דער פּאָעט ווערט רייפער אין יאָרן און אויסדרוק, — אַלץ שטאַרקער און עכטער קלינגט דערדאָזיקער מאָטיוו אין זיינע פערזן.

עס איז יענער מאָטיוו פון וועלט־פאַרלייקענונג, וואָס נערט זיך ממש אויף זיינע בלוטן. ער שליידערט אין דער „צייט" זיין „אייזערנעם פערז, וואָס איז באַגאָסן מיט גיפט און גאַל":

און די וועלט האָט דעם בעבער פון לייד מיר דערלאַנגט:
איך זאָל טרינקען דעם וויין מיטן הייוון ביזן דעק —

אָדער:

וואָס ציטערן מיר פאַרן טויט נאָך,
וואָס וואַרפט אונז זיין נאָמען אין שרעק?
דער טויט איז דאָך טרייער דערלייזער,
ער פירט דאָך אונז שטיל צו זיין שלאָס —
ניט פלוכן — מיר דאַרפן אים בענטשן,
און גליקלאַכע טרינקען זיין כוס.

און דאָ, ווען דער פּאָעט שטייט פּנים־אל־פּנים מיט דער אייביקער מיסטעריע פון לעבן־און־טויט — און נאָכדעם ווי זיין פּעסימיזם האָט שוין דערגרייכט זיין העכסטע פאָרם — ווערט דאָסדאָזיקע געפיל געלייטערט און גייט־אויף אין דערלייזונג. ווייבאַלד, אַז די מורא און יסורים פאַרן טויט זיינען פאַר־טריבן און דער חומר, דער גוף, האָט ניט וואָס מורא צו האָבן פאַרן טויט — האָט דער גייסט, דאָס אייביקע וואָס אין מענטשן, זיך באַפרייט, זיך אויס־געטאָן פון ערדישן לבוש און זיך אָפּגעגעבן צום עולם־האצילות. דער פּעסי־מיזם זיינער, אַ געלייטערטער, האָט זיך אויפגעלייזט און זיך איבערגעגאָסן אין אַ לויטערן קלאָרן אָפּטימיזם פון גייסט, אַז דער עיקר זין פון מענטשנס לעבן איז דאָס פאַרשן, דער שטענדיקער דראַנג פון לויטערן גייסט אריינ־צודרינגען און זיך פאַרטיפן אין די אייביקע סודות פון וועלט און מענטש. און דערדאָזיקער שאַפנדיקער דראַנג שפּירט זיך ביי קיינעם ניט אַזוי איינ־טענסיוו ווי אין שלמה אבן־גבירול.

ד.

פון ניין־הונדערטיעריקן נעבל טרעט־אַרויס די גרויסע קאָמפּליצירטע פּערזענלאַכקייט פון יונגן דיכטער אין איר גאַנצער רייכקייט און פילפאַר־ביקייט. ער איז געווען אַסקעטיש, צוריקגעצויגן פון אַלע ערדישע פאַרגעניגנס, עס האָט אין אים געברענט אַ הייליקער פייער נאָך חכמה און וויסן. דאָס איז דער הויפּט־מאָטיוו אין צענדליקער פון זיינע פּערזענלאַכע לידער:

איז מיין מוטער — דער שׂכל דער קלאָרער,
און מיין שוועסטער — דאָס ליכט וואָס באַהעלט — — — —

אָדער:

איז די חכמה געוואָרן מיין שוועסטער,
האָט דערהויילט מיך איר איינציקן פריינט —

און ווידער — אין איינס פון זיינע לידער, וואו דער פּאָעט פירט אַ חשבון־הנפש מיט זיך אַליין אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג, ווי זיין שטייגער איז אָפט געווען, רעדט ער צו זיין נשמה:

נשמה וואָס ברויזט און וואָס שטורעמט —
וואָס ציט דיך צו הויכקייטן הויך?
געגליכן צום ברויזיקן פייער,
וואָס רייסט זיך דורך זיילן פון רויך.

און ער ענטפערט זיך אַליין מיט די ווערטער:

באַשוואָרן בין איך ניט צו רוען,
ביז איך וועל דערזען איר געזיכט.

ד. ה. דאָס געזיכט פון חכמה.

און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס דער קליינער שלמה (שלמה הקטן — ווי ער התמעט זיך אויף פילע פון זיינע לידער) איז אַזוי יונג געשטאָרבן. ער איז פשוט פאַרברענט געוואָרן אויף זיין אייגן פייער. נאָך אין זיינע פריאיקע לידער קלאָגט ער זיך, אַז

זיין לייב איז אים פון טראַכטן אויסגעצערט,
ווען ס'ווערן אַנדערע פון לוסט פאַרצערט —

ער קלאָגט זיך, אַז ער איז אַזוי אויסגעצערט פון קריינקען, אַז „אַ פליג קען אים אוועקטראָגן". ער דערציילט, ווי ער וואַלגערט זיך אויף זיין געלעגער ווי אויף שפּיציקע שטעכיקע דערנער. נאָר דער אומגעהויערער, אומשטילבאַרער דורשט נאָך חכמה און דאָס שטענדיקע פייער אין האַרצן — האַלטן אין איין רעגן דעם פּאָעט צום נייעם שאַפן.

און משה אבן־עזרא, וועלכער האָט די פערזענלאַכקייט פון יונגן דיכטער ניט ליב געהאַט, ווי עס איז קענטיק פון זיינע פאַרשיידענע באַמערקונגען, רעדט דאָך וועגן אים מיט באַגייסטערונג און יראת־הכבוד: „ער

האט פארבעסערט זיינע מידות, האט דיסציפּלינירט זיין נאטור, האט ארויס־געיאָגט פון זיך אַלע ערדישע ליידנשאַפטן, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך גערייניקט פון דער שמוץ פון תאוות — האָט ער אויפגענומען לויט זיינע פעהיקייטן די העכסטע פילאָזאָפישע חכמות, נאטור־וויסנשאפט און אסטראָ־נאָמיע. בן־גבירול, נאָט זאָל זיך אויף אים דערבאַרעמען, איז געווען דער איננגסטער אין יאָרן פון דער גרופּע פּאָעטן פון זיין דור — אָבער ער האָט זיי אַלעמען איבערגעשטיגן. ער איז געווען דער ריטער פון פּאָעזיע און מייסטער פון ליד. ער האָט באַוויזן גרויסקייט מיט זיין פּאָעטישן פּאַרנעס, ער האָט געצילט ביז צום העכסטן ציל, און דערגרייכט צו דעם געהויבנסטן געדאַנק".

עס איז ניט באַקאַנט, צי ער איז געווען פאַרהייראַט. די פאַרשער פון יענער עפּאָכע זיינען אַלע מסכים, אַז ניין. קיין ליבע־לידער, מיט דער אויסנאַם פון אַ צוויי־דריי אומבאַדייטנדיקע קליינע פראַגמענטן, זיינען פון אים ניט געבליבן. נאָר זיין גאַנצע אונטערדריקטע, איינגעצוימטע עראָטיק איז ליידנשאַפטלאַך אריינגעגאַסן געוואָרן אין זיינע תפילות און רעליגיעזע לידער, וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער גאַנצער העברעאישער פּאָעזיע.

ח.

איבער דריי הונדערט לידער זיינען צו אונז דערגאַנגען פון שלמה אבן־גבירול׳ס ירושה, און אומגעפער אַ העלפט פון זיי געהערן צו דער אידיש־רעליגיעזער פּאָעזיע, אָדער, ווי זיי ווערן אָנגערופן אין העברעאיש: שירי־קודש. אין דידאָזיקע לידער האָט דער לעכצנדיקער מיסטיקער געפונען זיין שטאַרקסטן אויסדרוק אין זיין רעליגיעזן עקסטאַז. די שירי־קודש זיינען אַ סינטעז פון צוויי עלעמענטן: פון נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן. עס איז פאַראַן ביי אים אַ גאַנצע שורה משיח־שטימונגען, אין וועלכע דער פּאָעט גיסט זיך אוים עד כלות־הנפש. אַ פאַרליבטער, באַטרונקען פון זיין אייגענער וויזיע, אַן אויפגעלייזטער אין זעאונגען, וואָס גרעניצן זיך כמעט מיט נבואה — אַנטפּלעקט ער זיך אין דידאָזיקע מיסטישע זעאונגען אין זיין פולער גרויס. עס קלינגט אין זיי די פאַרצערנדיקע בייזנקשאַפט און ליידנשאַפטלאַכער ציטער פון דעם פאַרליבטן, וואָס שמאַכט און גייט־אוים נאָך זיין הארצנס געליבטער.

דידאָזיקע קליינע דיאַלאָגן, געבויט אויף פּסוקים פון שיר־השירים, זיינען אמתע פּלאַמפּייערדיקע באַהעפטונגען פון דיכטער מיט דער שכינה

פון זיין פאָלק. עס פאָלט־אָוועק דער חומר, דאָס ערדישע — און דער פּאָעט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ליכטיק, גלויביק קינד. דער טרויער אויפן צער פון זיין אומה, דער ווייטיק אויף אירע פיזישע און גייסטיקע ליידן, און דאָס זיכער־עשנותדיק גלויבן אין אַ באַלדיקער גאולה — דאָס אַלץ, און מער, שטראָמט־אַרויס פון דידאָזיקע קליינע לידער. די פאָרם — אַ צאַרטע, אַ פליסנדיקע, כמעט אַ פאָלקסטימלאַכע, פאַרוויקלט אין אַ מיסטישן שלייער. עס קלאַפּט אין זיי דער דופק פון אַ שטאָלצן פאָלק, אַ פאָלק, וואָס איז נאָך ניט דורכגעגאַנגען די שפּעטערדיקע שבעה מדורי גיהנום. דאָס שפּאַנישע אידנטום פון בן־גבירול׳ס צייט איז נאָך געגאַנגען מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, עס האָט נאָך געשטעקט מיט די וואָרצלען אין באָדן פון נעכטיקן איי־גענעם לאַנד — און דער פּאָעט, דער גרויסער משיחישער טרוימער, האָט געגעבן אויסדרוק צום דאָזיקן געפיל.

עס איז שווער זיך צוריקהאַלטן פון ציטירן פאַרן לעזער איינס פון דידאָזיקע משיח־לידער:

ליגסט אין מיין פּאַלאַץ אין גאָלדענער בעט —
וואָס גרייטסטו זיך ניט פאַר משיח? — ס׳ווערט שפּעט.

וואָס שלאָפסטו, געטרייער, פרימאָרגן קומט־אָן,
און פלאַטערט אויף חרמון און שניר ווי אַ פאָן.

פאַרגעס אָן די פרעמדע, איך גיב זיך צו דיר —
און ברייננג דעם געהאַרטן דערלייזער צו מיר.

ביי מיר אין מיין פּאַלאַץ איז צוגעגרייט פיין
דופּטיקע איילן און מילגרוים און ווײַן.

און דאָ קומען מיר צו בן־גבירול׳ס סוביעקטיווע רעליגיעזע לידער — צו דער קרוין פון זיין שאַפן. דידאָזיקע לידער זיינען דער מיסטיש־רעלי־גיעזער אויסדרוק פון דעם אידישן יחיד, וואָס ציט זיין שורש פון דער אַלטער טראַדיציע, אַ פאַרזעצונג פון די זינגער פון תהלים מיט אַ צוגאָב פון די עלעמענטן פון ספר איוב, אויף דעם הינטערגרונט פון די פילאָזאָ־פישע באַגריפן און אָנשויאונגען פון שלמה אבן־גבירול און זיין עפּאָכע.

די פייערדיקע רעליגיעזע שטימונג־לידער זיינען קורץ און שאַרף. די פערזן — אין קעגנטייל צו די שירי־חול — זיינען געצײלט און געמאָסטן. און אין עטלאַכע שורות גערינגט אָפט דעם דיכטער אַריינצופּרעסן זיין גאַנצע פילאָזאָפיש־רעליגיעזע אָנשויאונג. דאָס זיינען מיניאַטורן, וואָס

אנטהאלטן אין זיך א גאנצע וועלט; זיי זיינען, לויטן אויסדרוק פון דער אגדה, געשריבן מיט שווארצן פייער אויף ווייסן.

דריי שטייען מיר אלע פאר די אויגן,
און האלטן דיין נאמען פאר מיר:
ארוף, ווען איך קוק צונם הימל —
איז הימל זאגט עדות אויף דיר.
די ערד, ווען איך בויג זיך ארונטער,
דערציילט, אז דו האסט זי געשמידט;
און גייסט, ווען איך קוק אריין אין זיך —
לויב גאט, מיין נשמה, אין ליד.

נאר דאס מייסטערווערק פון אלע זיינע רעליגיעזע לידער — איז די גרויסע פאעמע „כתר־מלכות". די פאעמע איז אן אפשפיגלונג פון דער מיטל־אלטערלאכער אידישער קבלה פון געטלאכקייט און וועלט. דאס איז אן אפגעשלאסענע וועלט פאר זיך, וואס דרייט זיך אויף איר אייגענעם אקס און שטראלט ארויס מיט אירע אייגענע אינערלאכע שטראלן. עס איז דאך סוף־כל־סוף ניט וויכטיק, צי די אסטראנאמישע אויסרעכענונגען זיינען ריכטיק צי ניט — וויכטיק איז די גראנדיעזע וועלט, וואס דער פאעט בישופט ארויס פאר אונזערע אויגן, דאס אייביק־רעליגיעזע אין דעם מענטשנס הארצן, און דעם פאעטס בייגייסטערטע נשמה, וואס עמאנירט מיט אינערלאכן ליכט. דאס אידיש־רעליגיעזע געפיל ווערט אויסגעברייטערט, אויסגעשפרייט, און באקומט אן אוניווערסאלן כאראקטער. עס שפרייט זיך אוים איבער אלע קלימאטן, איבער אלע פעלקער און לענדער, איבער אלע רעליגיעס, און אפילו איבער געצנדינער:

דען די כונה פון זיי אלעמען איז צו גרייכן צו גאט,
אבער זיי זיינען ווי די בלינדע, וואס זייער מיין
איז צו גיין מיטן קיניגלאכן וועג,
און האבן ניט געזען, און ארונטער פון שטעג.

און פירנדיק אונז דורך די צען ספערן, שילדערנדיק זייערע אייגנשאפטן און סגולות — דערגרייכט ער צו דער לעצטער, דער צענטער ספער, צו דער ספער פון שכל, וואס

פון זילבער פון אמת איז זי געגאסן און אויסגעגלעט,
און מיט גאלד פון שכל איז זי געפלאסטערט און אויסגעבעט;

און אויף זיילן פון שכל איז איר אָנלען געמאַכט,
און איר עקזיסטענץ איז פון גאָט'ס כח און מאַכט;
און פון גאָט און צו גאָט איז איר ציל און שטרעבן —
און צו אים איז איר גלוסטונג געגעבן.

דאָס איז דאָס רעליגיעזע ליד פון יחיד, וואָס איז דורכגעגאַנגען און געלייטערט געוואָרן אין דעם טיפן לאַבירינט פון דעם פּאָעט־מקובל שלמה אבן־גבירול, און איז געוואָרן די ירושה פון גאַנצן אידישן פאָלק. דאָס איז דאָס געטלאַכע ליד פון דער מיטלאַלטערלאַכער אידישער פּאָעזיע.

איך בין האַר...

אני השר...

איך בין האַר — און דאָס ליד איז מיין קנעכט,
כ'בין פּאַר זינגער און דיכטער די האַרף;
און מיין ליד איז אַ דימענט אין קרוין
פון אַ מלך, — געשליפן און שאַרף.
און מיין גוף גייט־אַרום אויף דער ערד,
און עס שוועבט אין די הימלען מיין גייסט:
זעכצן יאָר בין איך אַלט, און מיין האַרץ
איז פאַרשטענדיק, ווי ס'האַרץ פון אַ גרייז.

ש ל מ ה א ב ן־ג ב י ר ו ל

מיין ליד

מליצתי בדאגתי...

מיין ליד ווערט פארשטומט פון טרויער,
און מיין פרייד ווערט אנטשוויגן פון לייד;
הער איך לאכן — פארנעמט מיר דאס הארץ
אויפן לעבן, וואס שווינדט און פארגייט.
— פאעט, אויף דער שוועל פון יוגנט
איז רעכט דען צו ליידן דערפון?
און געזאלט האט דיין יוגנט בליען
ווי א רויז, וואס בליט אויף דער זון.
— מיין הארץ איז מיין קלעגער און ריכטער,
בין איך אומעטיק, שטיל, דארום:
וואו איז זין און ציל פון לעבן —
און איך בין געערגערט און שטום.
— וואס העלפט דען דיין ערגערניש, זינגער?
ווארט און האף און ווייטיק נישט מער —
וואס העלפן דיין לייד און דיין טרויער.
און וואס העלפט דיין שווערע טרער?
— אויף וואס זאל איך ווארטן און האפן —
אז גרוים איז דער טאג און זיין פיין.
און נאך איידער די רפואה וועט קומען,
וועל איך אויף דער וועלט שוין ניט זיין.

י. י. שווארץ

נאַכט

ורוח שלחה בו...

... און דער ווינט האָט צונויפגעיאָגט וואָלקנס,
ווי די מיאוסע, פינצטערע ראָבן;
און זיי האָבן אין דעקטוך אין שווארצן
די לבנה די קלאָרע באַגראָבן.

אויפן טויט פון דער בלאַסער לבנה
נעמט דער הימל מיט טרערן שווער גיסן;
און די נאַכט טראָגט אַ פאַנצער אַ שוואַרצן,
און דער דונער וואַרפט בליציקע שפיזן.

און דער בליץ רייסט דעם הימל אין שטיקער,
וויל דעם פינצטערן דעקטוך צעפליקן;
און די וואָלקנס, ווי פלעדערמייז שווארצע,
נעמען טראָגן זיך פאַר זיינע בליקן.

און ס'האָט איינגעצוימט גאָט מיין נשמה,
און מיין הייסן באַגער רויט-געצונדן;
און מיט שטריק פונם חושך געפלאָכטן,
מיר פאַרוויקלט דאָס האַרץ און געבונדן.

און איך האָב מער אויף גאָרנישט צו האָפן,
אַז די נאַכט זאָל ווען ווערן צעגאַנגען:
ס'האָבן וואָלקנס מיין טרויסט נישט פאַרגונען,
און מיין מלכה גענומען געפאַנגען.

שלמה אבן־גבירול

וואָלקנס

עבי שחקים...

די וואָלקנס האָבן זיך צעברומט ווי אָקסן,
דער ווינטער האָט געבייזערט זיך צעיאָגט —
ווי זעגלשיפן, וואָס דער שטורעם טרייבט זיי,
מיט הערנער־שאַלן, וואָס אין נעבל קלאָגט.

דער הימל ליגט פאַרהוירט אין גרויען נעבל,
די מאָרגנשטערן זיינען אָפּגעמעקט.
דער ווינט טראָגט וואָלקן אָן אויף זיינע פליגלען,
און האָט דער זון אין פינצטערניש פאַרשטעקט.

ער האָט די וואָלקנס אויסגעקלאַפּט אין בלעכן,
אין פּעדים זיי געשניטן און געשפּרייט;
זיי האָבן דורכגעווייקט די ערד די האַרטע,
די בייטן אויף־צום־זייען צוגעגרייט.

דאַן האָבן זיך אַנטפּלעקט די יונגע גראָזן,
ווי וואונדער אומבאַקאַנטע איינגעוועבט.
געוויינט האָבן די וואָלקנס דורכן ווינטער,
ביז אַלעביימער האָבן אויפגעלעבט.

י. י. שוואַרץ

פרילינג

ראה כי צחקה תבל...

... זע, ס'האָט די וועלט זיך צעשמייכלט,
און די ערד האָט זיך פריידיק צערירט;
ליגט דאָס פעלד אין אַ העמד, אַ פילפאַרביקס,
און אין בליציקן שימער קאָלירט.

דאָס האָבן די וואָלקן פון הימל
געהאַפּטן דאָס העמד פאַרן פעלד:
אַ גרינער שמאַראַגד אַ צעשטראַלטער
איז מיט גאָלד דורכגעלויכט און באַהעלט.

און די טויב, און דער שוואַלב, און די לערכע —
זיי שוועבן אַרונטער צום קוואַל;
מיט אַ חנ'דלען זיך איינס צו דעם צווייטן,
מיט אַ פלי און געפלאַטער און פאַל.

און זיי בויגן און נויגן די קעפּלאַך
אין געמאָסטענעם קליינטשינקן טאַנץ.
און די זון שלאָגט אויף זיי און באַגלעט זיי:
ברעקלאַך לעבן פון שימער און גלאַנץ.

ש ל מ ה א ב ן־ג ב י ר ו ל

עלעגיע

אויפן טויט פון רב האי גאון.

א.

וויין, מיין פאָלק, גורט־אָן זעק אויף די לענדן,
צעברעך וויינקרוג און האַרף, און באַדויער:
אַז רב האי, אונזער האַר, איז געשטאָרבן,
אונזער טרויסט אין אַ לעבן פון טרויער.
און באַוויינען וואָס זאָלן מיר פריער,
און אויף וואָס אונזער הספד ערשט האַלטן:
אויף דעם ארון פון גאָט, וואָס אין ציון,
צי אויף דעם, וואָס אין בבל באַהאַלטן?

ב.

איר, קינדער פון גלות, וויינט העכער
אויף ציון, דער הייליקער שטאָט.
זאָל ברויזן, זאָל שטראָמען דאָס קלאָגליד
אַריבערן לאַנד פון גאָט.
פאַרביטערט קלינגט ס׳ליד אין מיין אויער,
וועקט טרויער אין איטלאַך געזינט;
דאָס צאָל איך פאַר נישטיקע מעשים,
דאָס האָט מיך דערפונען מיין זינד.
און ווי זאָל איך, קינדער, היינט שווייגן,
מיין האַרץ זאָל אין מיר נישט צעגיין —

ווי זאָל איך מיין יאָמער פאַרשטיקן,
מיין ביטער, מיין ציטער-געוויין?
אַז מיין שטענדיק בוים איז פאַרטריקנט,
מיין פירער, מיין קיניג, איז טויט;
די קרוין פון מיין קאָפּ איז געפאַלן,
און וואַלגערט זיך איצטער אין קויט.
דער לעצטער פון דוד'ס משפחה,
די פאָן פון די גאונים זי פאַלט —
דעם קרוג מיטן זאַלב-אייל צעבראָכט היינט,
די קרוין פון מיין קיניג באַהאַלט.
נאָך אים — ווער איז מאָן צו רעגירן
און ווער קען פאַרנעמען זיין שטאַנד;
ווער וועט מיט גערעכטיקייט פירן
דאָס אָרימע פאָלק פונם לאַנד?
ווער וועט מיט זיין וואַסער דעם קלאָרן
איצט שטילן מיין דורשט, וואָס איז שטאַרק —
וואו מענטש, וואָס זאָל זיין ווי רב האי,
וואו באַרג, ווי באַרג-סיני, דער באַרג?

ש ל מ ה א ב ן־ג ב י ר ו ל

פאַרלאָזנדיק סאַראַגאָסאַ

נחר בקראי גרוני...

מיין האַלדז איז טרוקן פון שרייען,
מיין צונג באַהעפט צום גומען;
פון גרויסן שמאַרץ און ווייטיק
איז מיר דאָס האַרץ פאַרנומען.
דער עלנט האָט פאַרכאַפּט מיך,
און לאָזט מיין אויג נישט שלאָפן —
מיך ברענט אַ העליש פייער:
אויף וואָס נאָך זאָל איך האָפן?
אויף וועמען זיך פאַרטרויען,
פאַר וועמען ס'האַרץ אָפּריידן?
וואָלט איך איין פריינט געהאַט דאָ,
דערציילט אים מיינע ליידן
וואָלט אפשר גרינג געוואָרן,
וואָלט אפשר לייד פאַרשוואומען —
אָ, פריינט, מיין פריינט, קום נענטער,
און האָרך, מיין האַרץ טוט ברומען.
און איז דיין האַרץ פון אייזן,
צעגייט'ס פון מיינע טרערן;
מיינסטו, אַז דאָס הייסט לעבן,
אַז דו וועסט אַלץ אויסהערן.
איך וואוין צווישן מענטשן
אַן עלנטער, פאַרלאָרן;

י. י. שוואַרץ

באַגראָבן, ניט אין מדבר,
די ווענט פון הויז — מײַן ארון.
קיין טאַטע און קיין מאַמע —
דאָ טו איך עלנט צאַנקען;
קיין ברודער, פרײַנט און גואל,
אַחוץ מײַנע געדאַנקען.
פאַרגרעבט און טעמפּ די מענטשן
און גאוה'דיק געהויבן:
דער גיט מיר גיפט צום טרינקען,
דער רעדט צו מיר פון אויבן.
דער חנפה'ט מיך, און שטעכט מיר
אַ מעסער אין מײַן רוקן —
זיי זײַנען מיר פאַר'מיאוס'ט,
איך קען אויף זיי נישט קוקן.
פאַרלוירן יעדע בושה —
אָך, וואָלטן זיי געשוויגן!
זיי האַלטן זיך פאַר ריזן,
נאָר איך האַלט זיי פאַר פליגן.
דערגייט צו זיי מײַן ליד נאָר,
איז הויבט זיך אויף געפּילדער:
„אַזוינס איז אומפאַרשטענדלאַך,
„זײַן לשון איז אַ ווילדער!"
איך װעל װי ליים זיי טרעטן,
מײַן שפּיז אויף זיי אויסשטרעקן:
אויב טויב איז אייער אויער,
ווי קען מײַן גלאָק אײַך וועקן?
צו דיק זײַנען די העלדזער
מײַן פּערלשנור צו טראָגן;

צו טעמפּ זײַנען די מוחות
איך זאָל מײַן וואָרט אײַך זאָגן.
ווײ מיר און ווינד צו חכמה,
אַז דאָס פֿאָלק איז מײַן שכן;
דעריבער טו איך וויינען
פֿאַרפֿינצטערט און צעבראָכן.
אויף וואָס נאָך זאָל איך האָפֿן,
און וואו זאָל איך מיך קערן?
מײַן בליק נעמט־דורך די וועלטן,
געפֿין נישט מײַן באַגערן.
דער טויט איז מיר שוין ליבערשט,
די ערד איז מיר דערווידער;
איך זוך קיין רום און כבוד
פֿאַר מײַנע שטאָלצע לידער.
וועל זיך מיט איר ניט פֿרײען,
ניט האַלטן הויך די אויגן;
די ערד — אַ יאָך אַ שווערער —
זי האַלט מײַן קאָפּ געבויגן.
וואָס האָב איך אויף דער וועלט מער
ווי ביטערניש און לײַדן?
מײַן זעל וועט פֿרײדיק זינגען,
זיך מיטן גוף צו שיידן.
איך האָס און פֿלויך דאָס לעבן,
וואו לייב טויט זעל צעדריקן —
מײַן טאָג פֿון גליק איז אומגליק,
און טאָג פֿון אומגליק — גליקן.
נאָך מי פֿון פֿאָרשן ווייס איך:
ווען ס'קומט די שעה פֿון שטאַרבן:

י. י. שווארץ

דער סוף פון פיין איז אפרו,
דער סוף פון לעבן — דארבן.
נאר לעב איך — וועל איך היטן
ס'געבאט פון שלמה מיין זיידן:
זוכן פארשטאנד און חכמה
זיינען די איינציקע פריידן.

ש ל מ ה א ב ן־ג ב י ר ו ל

אין קאַמף

אמור לאומרים...

זיי זאָגן: אַוועק איז זיין יוגנט,
און זיין גאָרטן קומט אַלץ ניט צום לעבן.
קליין די וועלט זיין געדאַנק צו פאַרטראָגן,
און די צייט קען זיין וואונטש גאָרניט געבן.
רום איז נישטיק ביי אים אין די אויגן,
שטערן ליגן ביי אים צופוסנס;
ער איז האַר איבער אוצרות פון חכמה,
דרינגט אַריין אין דער טיפקייט פון וויסן.
און זיין וואָרט דעקט די וועלט מיט זיין אמת,
און זיין ליכט טוט צום הימל דערלאַנגען,
דאַרום קוקט ער אויף יעדן אַרונטער,
איז מיט מענטשן און צייט זיך צעגאַנגען —
לייגט קיין וואָג נישט אויף בעסטע און קליגסטע,
און די פריינט זיינע נענטסטע פאַרשטויסן.
— אַך, ווי לאַנג וועט איר פייניקן איינעם,
וואָס גייט אוים אין זיין עלנט דעם גרויסן?
וואָס פאַרנעמט נישט זיין אייגענעם ווייטיק,
האָט פאַרגעסן אין עסן און טרינקען —
נאָר פאַרגעסט נישט דעם בוים פון זיין ליבע
מיט זיין רעגן, זיין וואָרט, אָנצוטרינקען.
ער באַצאָלט מיט זיין ליבע פאַר ליבע,
נאָר זיין פיינט וועדט מיט פייער באַשפּיגן.

י. י. שווארץ

װען זיין הארץ ברענט אין גרימיקן צאָרן,
טוט זיין דונער דעם הימל באַקריגן.
און דער אומפרייינט, װאָס האָט אים פאַרראַטן,
װערט פאַרשלעפּט אין זיין שטראָם דעם שווערן;
אויב צו גרוים איז זיין זינד און פאַרברעכן
װעט אים קיינמאָל פאַרגעבן ניט װערן.
ניט קיין שװאַכלינג װאָס רעדט זיסע װערטער,
בויגט פון לאַסט זיך מיט ציטריקע קנאַכן —
איך בין הארט, װי דער טראַציקער פריסטער,
װאָס האָט זיינע געטער צעבראָכן.

שלמה אבן־גבירול

וואָלט מײַן נשמה...

לו היתה נפשי...

וואָלט מײַן נשמה ווינציקער באַגערט —
דאַן וואָלט זי טאָג ווי נאַכט זיך ניט געמיט.
ווי קען איך אויפגעלייגט און גליקלאַך זײַן,
אַז יעדע האָפנונג, יעדע טרייסט פאַרפליט?

מײַן לײַב ווערט מיר פון טראַכטן אויסגעצערט,
ווען ס'ווערן אַנדערע פון לוסט פאַרצערט.
זאָל איך זיך נאָכיאָגן נאָך ווייב און ווײַן —
אַז מיר צו וויסן בעסערס איז באַשערט.

נאָך חכמה און נאָך וויסן גאַרט מײַן זעל —
וואָלט איך אפילו ווי קהלת זײַן.
איך וואַרף פון זיך אַראָפּ מײַן ערדיש קלייד,
און וויקל זיך אין קלייד פון לויטער שײַן.

מײַן גײַסט האָט מיך פון כבוד אָפּגעפרעמדט,
און האָט מיך אויף אַן אַנדער וועג געבראַכט:
די טיר פון טרויער ברייט פאַר מיר צעשפּאַנט,
און טויער פון דער יוגנט מיר פאַרמאַכט.

י. י. שווארץ

וואָס טאַדלען מענטשן מיך: איך בין פאַרפירט,
זוך כבוד, וואָס פאַרשווינדט מיט דער מינוט;
באַגער אַזוינס, וואָס אויף דער וועלט נישטאָ —
דאַריבער פּעכט איך מיט דער צייט ביז בלוט?

איר זאָגט צו די פאַרלוימדער מיינע: שווייגט!
דען פאַלש איז אייער וואָרט און אייער מיין.
ווייל אויב די וועלט פאַרשטייט ניט שעצן מיך,
דאַן קען די וועלט מיין ליבע ניט פאַרשטיין.

איך האָב בלויז איינזען מיט מיין פראַכט, דערפאַר
וועט גאָט אויך איינזען האָבן מיט מיין זעל:
ס'האָט ער אַן איידלשטיין צו מיר אין מויל געטאָן,
און ווי אַ קויל צעפלאַקערט קלאָר און העל.

ש ל מ ה   א ב ן־ג ב י ר ו ל

לויטן וואָרצל פון בוים...

כשורש עץ...

לויטן וואָרצל פון בוים איז די לייגג פון זיין צווייג,
לויטן שכל פון מענטשן אַזוי איז זיין וואָרט;
און ווי גרויס ס'איז דאָס האַרץ, אַזוי גרויס איז זיין לייד
פאַר די שרעקן פון צוקונפט, פאַר צייט און פאַר אָרט.

אין מיין האַרצן האָט טרויער געשטעלט זיין געצעלט,
אים פאַרקניפּט מיט די סטרונעס פון האַרצן מיט שטריק;
און דער טרויער אין מיר האָט באַשוואָרן מיין זעל,
זיך נישט שיידן מיט פיין און נישט זוכן קיין גליק.

און די וועלט האָט דעם בעכער פון לייד מיר דערלאַנגט,
איך זאָל טרינקען דעם וויין מיטן הייוון ביז דעק.
און די צייט האָט אין מיר — דער נשמה פון וועלט—
פאַרבאַהאַלטן, פאַרגראָבן איר גרויל און איר שרעק.

און מיין קאָפּ האָט אַן וואָלקנדעק אָנגעקלאַפּט שווער,
און עס האָט מיך דער שטראָם פון זיין רעגן פאַרפלייצט;
און די שלאַנג פון דער צייט, ווען כ'האָב שפּילן געגלוסט,
האָט מיין פוסטראָט געריסן, געביסן צערייצט.

י. י. שוואַרץ

פון ליד: כשורש עץ...

... און מיין אויג נעמט די וועלט דורך, און זעט
דאָס פאַרבאָרגנס פון האַרצן, פון טיפן;
און מיין זעל דרינגט אַריין ביז די גרונטן,
און מיין ליד איז אַ מעסער געשליפן.
און מיין האַנט מיט דער צייט איז פאַרבונדן,
פלעכט איך נעכט מיט די טעג איין צוזאַמען;
וויקל־איין זיך אין נאַכטיקער שוואַרצקייט,
און אין טאָגיקן ליכט, ווי אין פלאַמען.
שטאַרבט די זון, און די נאַכט פאַלט אַרונטער
און פאַרוויקלט די וועלט מיט איר טרויער —
ווערט מיין האַרץ פאַר דער וועלט ברייט צעעפנט,
וויקלט־אויס זיך פון פינצטערן שלייער.
אין גרין־גאָלדיקן קראַנץ איז די לבנה,
וואָס זי האָט פונם זונליכט געליען;
ווי איר ליכט פאַר מיין ליכט וואָלט זיך שרעקן,
נעמט זי וואָלקן ווי שלייערן ציען.
און זי שטעלט זיך איר חיל מושטירן,
רופט צונויף אַלע היציקע שטערן —
און די ליכטיקע האָרדן זיי פאָלגן
און זיי גרייטן צום קריג זיך צום שווערן.
זי צעשיקט זיי אַרום, ווי דער שעפער
שיקט זיין שאָף אינם פעלד זיך צו פיטערן —

אָבער זעען זיי, ס'בליצט דער פרימאָרגן,
איז צעלויפן זיי, הויבן־אָן ציטערן.
און די נאַכט נעמט אין טויען זיך וואַשן,
אירע פינצטערע לאָקן צעפּאַלן;
ס'נעמט זיין קלייד דער פרימאָרגן צעוויקלען,
ווי געוועב אויפן וועבשטול פון שטראַלן.
און דערפאַר, וואָס איך גיב מיך בלויז אָפּ מיטן פאָרשן —
איז דערפאַר בין איך פרעמד דעם פרימאָרגן.
האָב איך זוכן פּרובירט מיר חברים —
נאָר וואָס קען איך פון פריינטשאַפט מיר באָרגן?
האָב איך עלנט צוריק זיך געצויגן,
און מיט ליידיקע הענט — נישט געראָטן;
ווי דער שניטער אין פעלד, ווען דער שטורעם
האָט די קערנער פון זאַנג אויסגעשאָטן.
פון מיין דור ווילסטו קויפן אַ חבר —
אויף דיין מי, אויף דיין גאָלד איז אַ שאָדן.
האָב איך אָפּגעמאַכט מער נישט צו פעכטן —
סיי־ווי וועלן זיי פאַלן צוזאַמען.
ווייס, ס'איז קיינער נישט זיכער ווי יענער,
וואָס די צייט האָט געלייטערט אין פלאַמען.
בין שוין דורך אַלע גיהנום'ס פון ליידן,
ביז דאָס ביטערניש זיס איז געוואָרן —
נאָר ווי קען איך גיין קעגן מיין הארצן
און זיך בויגן צום שטעכיקן דאָרן?
ווי קום איך צום נאַראָנים־געזינטל,
אַז פאַרשטאַנד איז זיין הויז האָט געפירט מיך?
און וואָס טו איך מיט קליינלאַכע זאַכן,
אַז דער געטלאַכער פונק האָט באַרירט מיך?

י. י. שווארץ

אַז דאָס פאָלק פון מיין דור האָט קיין האַרץ נישט,
און זיין אָקס האָט קיין הערנער צום שטויסן —
און דער נאַר, און דער זויגלינג און שמייכלער
טוען פראַלן זיך, הויבן און גרויסן.
אָבער גאָט האָט אַ טאָג — דאָס געזינטל
וועט ווי שטרוי פאַרן ווינט זיין צעטריבן;
דער גערעכטער וועט ווערן דערהויבן,
און דער פאַלשער — צעדראָשן, צעריבן.

ש ל מ ה   א ב ן־ג ב י ר ו ל

צו אַ פֿריינט

תבכה אחי־מוסר...

דו וויינסט, מיין ברודער, אויף די בייזע צייטן,
דו וויינסט ניט אָבער אויף דער יוגנט, וואָס פֿאַרשוואונדן;
די טעג די ליכטיקע, וואָס זעען־אוים פֿון וויטן
געשניצט פֿון דימענט, און ווי דימענט העל געצונדן.

ווי שוואַרץ זיינען די טעג, פֿון נעכט נישט אָפּצושיידן —
און זיינען ליכטיק דאָך די נעכט אַמאָל געווען.
און האָבן ווען אַמאָל מיך צוגעדריקט די ליידן,
פֿלעג איך מיך ביים קרוג ווייַן מיט פֿריינט פֿאַרגעסן.

אַ בליענדיקער גאָרטן איז געווען דער הימל,
די שטערן — קווייטן ליכטיקע פֿון שטראַלן;
אין טונקל־בלויען אַטלעס איינגעוועבט, געשימערט,
געפֿינקלט היים, ווי די רובינען און אָפּאַלן.

די שטערן ווינקען שטיל, און איטלאַכער באַזונדער
דערציילט דעם סוד פֿון אייביקע און גרויסע וועלטן;
אַנטפּלעקן פֿאַרן אויג גאָט׳ס גרויסע וואונדער
אין גאַנג פֿון זייער וועג דעם פֿעסטגעשטעלטן.

פֿון זייער ערשטן גרויסן טאָג און ביזן לעצטן
שטום היטן זיי ס׳געזעץ פֿון גאָט און זיינע וועגן;

י. י. שווארץ

זיי היטן־אָפּ דעם מענטשנ׳ס גורל, פעסטגעזעצטע
און פירן אים און רירן אים און רעגן.

און טראַכסטו זיך אריין — דאַן זעסטו: שאָף די מענטשן,
און וועלט — אַ גרויסע לאָנקע זיך צום פיטערן;
פיל דאַנקען פאַר אַ קלייניקייט און בענטשן,
פיל בלייבן מיט דאָס העכסטע נישט צופרידן.

ווען וועסטו, קאַרגע צייט, אָן מיר זיך שוין דערמאַנען,
ווען וועסטו שוין דערפילן מיין באַגערן?
ווי האָסטו גאָר מיין קראַפט געמאָסטן און פאַרשטאַנען,
האָסט מיר אַזויפיל לייד געטאָן באַשערן.

ביז וואַנען לערנען דיך, און דו ווילסט ניט באַנעמען,
איך שפרייט דיר ליכט, און ס׳אויג דיינס איז געשלאָסן —
ווי קענסטו פראַכט פאַרוואַרפן און דאָס ליד פאַרשעמען,
ווי לאָזסטו ס׳זאָל דיין הימל זיין מיט בליי פאַרגאָסן?

עס וויסן נישט פּאָעטן היינט דעם סוד פון זינגען,
זיין לויטער וואַסער איז צו טיף פאַר זיי געוואָרן;
פאַרמעסטן זיי זיך שווימען — הויבן זיי אָן זינקען
און מאַכן מוטנע בלויז דעם שטראָם דעם קלאָרן.

אויב וויסן איז מיין זינד — מעג איך זיך איבערנעמען,
וואָס איר זייט טעמפּ, און ווילט מיך נישט פאַרגעבן.
ווי לאַנג, פאַרנאַרטע, וועט איר זיך ניט שעמען,
און וואו וועט איר אַנטלויפן פונם לעבן?

ש ל מ ה א ב ן־נ ב י ר ו ל

צי זאָל איך האַלטן מויל, אַז הינט צערייצטע
אין הייזעריקן בילן טוען זיך צעגיסן?
דעם מענטשנ׳ס מוט ווערט אין זיין נויט באַנומען,
די טויב פון ראָב האָט אין איר שליחות זיך באַוויזן.

וואָס ווילסטו, מענטש, די זון זאָל אויפהערן צו לויכטן,
צי אויסגעלאָשן זאָלן ווערן אַלע שטערן?
איך וועל ניט שווייגן, ביז איך וועל מיין ליד פאַרקריצן
אין האַרצן פון דער וועלט — ס׳זאָל אָפּגעמעקט ניט ווערן.

י. י. שווארץ

דער פּאָעט

בפי הרבי...

ס'איז מיין ליפּ אין געפּעכט ווי אַ פּאַנציר,
און מיין שווערד און מיין שפּיז — איז מיין צונג;
און מיין ליד איז אַ מעכטיקער האַמער,
שמעטערט פעלזן אויף שטויב אין זיין שוואונג.
איך בין האָניק און מילך פאַר פאַרטרויטע,
אָבער גאַל פאַר אַ שונא און גיפט;
מיינע אויגן און האַרץ זיינען אָפן
פאַר אַלץ, וואָס פאַרהוילן, פאַרטיפט.
איז מיין מוטער דער שכל דער קלאָרער,
און מיין שוועסטער — דאָס ליכט וואָס באַהעלט;
זיינען טייערער מיר פון רובינען —
און די דינסט די פאַרהאַסטע, די וועלט —
איז נישט מער ווי אַ ווייב אַ פאַרשייטע —
היינט מיינס, מאָרגן יענעמס, איר שטעל:
און מיין איינציקער אוצר אין לעבן
איז מיין האַרץ און מיין ליכטיקע זעל.

ש ל מ ה א ב ן־ג ב י ר ו ל

לייד

עזב הגיון...

איז מיין האַרץ פון שטיין, צי פון אייזן,
אַז עס זאָל זיך פון לייד נישט צערייסן?

איך בין קראַנק פון מיין אייביקן וויטיק,
און פון טרויער צעקלאַפּט און צעשלאָגן.
ס'ווערט מיין לייב מיר פאַרצערט פון יסורים,
מיין געדאַנק איז צום שטאַרבן דערשראָקן.
איך בין מיד פון מיין זיפץ און מיין אומגליק —
אַז איך קען שוין דאָס מער נישט דערטראָגן.
און די צייט האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר,
און אין ברוזיקן שטראָם מיך פאַרטראָגן,
און זי האָט אין איר נעץ מיך פאַרפּלאָנטערט —
און איך בין געפאַלן דערשלאָגן.
פאַלשע צייט, דו באַלוינסט יעדן פאַלשן,
האָסט דיין ליכט אים אַנטקעגן געטראָגן,
און זיין בוים איז צעבליט און באַפרוכפּערט,
נאָר מיין בוים איז פאַרדאַרט און געשלאָגן.
דאַרום בין איך פאַרביטערט, דערציטערט,
און ס'האַרץ מיינס טוט וויינען און קלאָגן.
אַז דער קוואַל, וואָס געווען איז מיר אָפן,
מיט קרישטאָלענעם וואַסער געשלאָגן —

איז געוואָרן פאַרדאָרבן, פאַרשימלט,
איז געוואָרן מיט זאַמדן פאַרטראָגן.
אַז דער גאָרטן, וואָס שטייט אַ צעבליטער
מיט די גאָלדיקע הענגלאַך, וואָס לאַקן —
איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין גרינע,
אין גיפטיקע טויטלאַכע שטאָקן.
און מיין טייערסטן פריינט אינם לעבן,
וואָס פאַר אים האָט מיין האַרץ געטאָן שלאָגן —
בין אים מיאוס ווי אַ דאָרן געוואָרן ,
און ער האָט קיין גוט וואָרט מיר צו זאָגן.

ש ל מ ה א ב ן ־ ג ב י ר ו ל

אין געראַנגל

נפש אשר עלו שאוניה...

נשמה וואָס ברויזט און וואָס שטורעמט —
וואָס ציט דיך צו הויכקייטן הויך ?
געגליכן צום ברויזיקן פייער,
וואָס רייסט זיך דורך זיילן פון רויך.
ביסטו אין דער הויך פון די ספערן,
וואָס רינגלען אַרום אונזער וועלט ?
ביסטו אין דער טיף פון די ים'ען,
וואו גרונט פון דער ערד איז געשטעלט ?
ווי וועסטו דיין האָפנונג דערגרייכן,
ווען הימל איז דיר נישט גענוג ?
דו ווייסט דאָך דעם גורל פון יענע,
וואָס רייסן זיך איין צו זיין קלוג.
וואַרף חכמה אוועק — וועט די וועלט דיך
באַלוינען מיט פריידן און גליק.
— אָ, פריינט מיינע, טרייסט מיך פון טרויער,
וואָס בינדט מיין נשמה מיט שטריק.
מיין גייסט זוכט אַ מענטשן פון חכמה,
פון וויסן און ריינעם פאַרשטאַנד,
צו לעשן מיין דורשט מיט זיין וואַסער —
איז אייך נישט אַזעלכער באַקאַנט ?
אויב וועלט האָט פאַר מיר זיך פאַרזינדיקט,
שפּיי איך איר אין פּנים אַצינד ;
איר אויג קען מיין ליכט נישט פאַרנעמען —
איז זי דאָך, די וועלט, אַזוי בלינד ;
נאָר אויב זי וועט מאָרגן זיך שעמען —
וועל איך איר פאַרגעבן איר זינד.

י. י. שווארץ

אָך, גרויזאַמע וועלט, האַלט דיין צאָרן,
דעם גייסט פון פאַרשטאַנד נישט צעדריק;
געננוג דיר שוין ברעכן די צעדער
די שטאָלצע אין שפּליטער און שטיק.
וואָס בלוטיקט איר מיך פאַר מיין חכמה,
איר שטעכיקע דערנער פון ערד —
אויב קליין איז זי אייך אין די אויגן,
זייט איר דאָך ביי איר גאָרנישט ווערט.
אויב חכמה פאַר אייך איז פאַרשלאָסן,
ווייל ס'הארץ איז אייך טעמפּ און פאַרמאַכט —
דאַן בלייב איך איר איינציקער שומר,
וואָס היט איבער איר און באַוואַכט.
קען איך זי פאַרלאָזן — אַז גאָט האָט
פאַרקניפּט אונז אין אייביקע בינט;
קען זי מיך פאַרלאָזן — זי איז דאָך
אַ מאַמע צו מיר, צו איר קינד.
איך בין דאָך איר האַלדזבאַנד פון פּערל,
איך בין דאָך איר קרוין אויפן קאָפּ —
היינט ווי קענט איר זאָגן, כ'זאָל נעמען
צוריק גאָר מיין צירונג, מיין גאָב?
מיין הארץ און מיין גליק זיינען אירע,
איר וואַסער איז קלאָר ווי קרישטאָל;
אַ ליכטיקע זון איז מיין נשמה,
וואָס וואָלקן פאַרדעקן אַמאָל.
נשמה דו מיינע, פּלי העכער,
דערשלאָג זיך דורך וואָלקן צום ליכט —
באַשוואוירן בין איך נישט צו רוען,
ביז איך וועל דערזען איר געזיכט.

שלמה אבן־גבירול

עלעגיע

אויף זיין פאטער׳ס טויט

דער ווייטיק, וועלכער לאזט זיך נישט פארהיילן,
פארטרינקט מיין הארץ אין שטראם זיינעם, פארשלעפט.
אין טריבער אונט־שעה ווער איך א פאדים
אין זיין געוועב פון טרויער איינגעוועבט.

וואס מער איך בעט מיין אויג, עס זאל נישט וויינען,
אלץ הייסער קאכט מיין טרער און ברענט און זידט;
איך וויין און וויין — און האלט די טרער ביים שטארבן,
דער ווייטיק האלט זי לעבעדיק צעגליט.

א, פאטער מיינער, צירונג פון דער וועלט,
ווי האט די ערד איר שיינקייט בייז צעדריקט.
ווי האבן אים די ליידן בייגעקומען,
ווי האט די צייט איר שטארקסטן לייב באזיגט.

זיין הארץ און גייסט געדעכטער זאגן עדות,
ער וועט ביים ליבן גאט געפינען רו. —
זאלסט מער שוין אין דער וועלט, מיין הארץ, נישט גלויבן,
דען מערער ווי זי גיט אונז, נעמט זי צו.

זיי וויסן, ס׳איז די ערד נישט מער ווי מערדער,
וואס שעכט די מענטשן מיט איר שארפער קלינג;

י. י. שווארץ

זי דריקט, ווי ס'דריקט אַ רינג אַרום אַ פינגער,
ווען קלענער פון דעם פינגער איז דער רינג.

און ווי דעם יעניקן, פאַרבלענדט פון שיינקייט
און רייץ פון אונזער וועלט, וואָס גאַרט און זוכט.
איך וויקל זיך אין קלייד פון טרויער, זעענדיק:
די וועלט איז ווי אַ בוים, דער מענטש — זיין פרוכט.

דאָך וועל איך פרואוון איינשטילן דאָס פייער,
ס'איז קראַנק מיין האַרץ פון וויטיקלאַכן פיין.
גענוג — דאָס ערגסטע איז מיך שוין באַפאַלן,
און ערגער קען שוין אויף דער וועלט נישט זיין.

ש ל מ ה א ב ן־ג ב י ר ו ל

אַן ענטפער

עטה הוד...

„וויקל־איין זיך אין שטאָלץ און אין רום,
„לאָז דיך טרויסטן, גענוג שוין פון לייד.
„לייגסט זיך שלאָפן אין פּיין, אָבער האָף,
„דו וועסט אויפשטיין פרימאָרגנס מיט פרייד.
„ווייס, אַז דו ביסט איינאיינציק אין דור —
„און דיין ליד ווי אַ פּערל איז קלאָר".

ווי אַזוי זאָל איך ליידן און שווייגן,
ווי אַזוי זאָל מיין האַרץ זיין געשטילט —
אַז די לייד האָט פאַרשווינקט מיך, באַדריינגט מיך,
און די צייט האָט אין מיר זיך געצילט.
און די קינדער פון צייט, אירע ליידן,
האָבן מיך פאַר אַ צילברעט געמאַכט —
מיר צעבראָכן די מעכטיקע פליגל,
און אין שטויב מיך אַרונטערגעבראַכט.
און די ליידן — זיי האָבן אַליין גאָר
ניט געוואוסט, אַז מיין האַרץ איז פון שטאָל:
אַז עס שרעקט זיך נישט אַפּ פאַר קיין וואונדן,
אַז עס גייט אים נישט אָן זייער צאָל.
איך בין דער, וואָס פון פריאיקער קינדהייט
בין געוועזן שוין דערפאַרן און אַלט;

בלויז מיין גוף האָט געשפּאַנט אויף דער ערד,
נאָר מיין גייסט האָט דורך וואָלקן געפּראַלט.
און מיין זעל האָט געלעכצט שוין נאָך וויסן,
האָט פון רייכקייט און זאַטקייט געלאַכט;
האָב געמיט זיך פון פּריאיקער יוגנט,
ווייל די חכמה, דאָס וויסן, איז פּראַכט:
איז די חכמה געוואָרן מיין שוועסטער,
האָט דערוויילט מיך איר איינציקן פריינט;
און געוואָרן איז שיין מיין נשמה,
האָט זיך ליכטיק צעשטראַלט און צעשיינט.
האָט פאַר׳מיאוס׳ט די ערדישע גליקן,
ווייל בלויז אומגליק איז ס׳לעבן פון ערד:
ס׳איז די פרייד פון דער ערד לויטער טרויער,
און איר קראַפט האָט קיין האַפט און קיין ווערט.
וואָרים גליק ווערט צערונען, צעפלאָסן,
און בלויז אומגליק בלייבט אייביק אין איר;
און די וועלט, ווי אַ יונגע מכשפה,
רייצט דעם נאַרן צו זיך מיט איר ציר.
און די צייט טראָגט זיי אַלעם אין אָרעם,
און זי האָדעוועט זיי, מאַכט זיי גרויס:
זי באַטיילט זיי מיט ליידן און פריידן,
אָבער לאַכט זיך פון אַלעמען אויס.
איצטער זע און באַטראַכט נאָר, מיין ברודער,
ווי זיי וועלן פאַרשווינדן פון לאַנד:
זייער נישטיקייט וועט זיך אַנטפּלעקן,
איטלאַך איינער וועט זען זייער שאַנד.
און מיין כעס שטראָמט אַריבער די ברעגן,
אַז אַ מבין אויף מיר איז דער נאַר;

כ׳האָב פאַרשוויגן דאָס נידריק געזינטל,
זיך געהאַלטן אַליין מיט מיין צער.
און זיי נעמען זיך איבער מיט לידער —
ווען זיי וואָלטן זיך לערנען געמעגט;
וואָלט די זון איבער מיר זיך באַרימען,
וואָלט איך זי, ווי אַ וואָלקן, פאַרדעקט.
און זיי זוכן צו מיר זיך פאַרגלייכן,
דער פאַרגלייך אָבער זייער צעפאַלט:
קען מען גלייכן דעם בוים פון גן־עדן
מיט די פשוטע ביימער פון וואַלד?
און צי קען זיך מיט מיר גאָר פאַרמעסטן
אַט־דאָס מילבן־געזינטל, דאָס דרויב,
אַז דאָס ליד זייערס מיטן געבוירן
ווערט צעפלויגן מיט רויך און מיט שטויב.
זיי באַגרייפן נישט אָבער, די נאַרן,
וויל איך, דעק איך די זון און מאַך נאַכט:
איך אַנטפּלעק פון געזאַנג אַלע וואונדער,
און צעעפן דעם טויער פון פּראַכט.
און איך קלייב פון דעם כאַאָס די ריימען,
זיינע פערזן ווי פּערל אַן פלעק:
זיינע בערג ווערן אויסגעגלייכט פאַר מיר,
און עס שפּרייט זיך אַ ליכטיקער וועג.
דרינג אריין אין די סודות פון היכל,
וואו ס׳קען קיינער נישט צוקומען דאָרט;
און מיין ליד איז אַ פרייד פאַר די מענטשן,
און עס לויכט און באַשטראַלט זיי מיין וואָרט.
און עס שווייגן פאַרקלעמט נישט־פאַרגינער,
און זיי קריצן די ציין, ווערן שטום;

י. י. שװאַרץ

זיי צעפּליען ווי שטרוי פאַרן פייער,
אין די שטראַלן און גלאַנץ פון מיין רום.
און דאָס מויל פונם ליגנער זאָל שווייגן,
זאָל נישט וואָגן מער ריידן געזאַנג;
עס איז טויט שוין דאָס ליד ביי זיין לעבן,
און עס טוט אויף דעם קיינעם נישט באַנג.
אונזער ליד איז אַן ערלאַכס, אַ כשר׳ס,
אָבער זייערס — אַ ממזר, נישט מער,
ווייל ס׳איז ערדיק און רוי זייער נשמה,
האָבן זיי עס געקנאָטן פון ערד.
אָבער אונזער נשמה איז פּערל,
און דעריבער איז פּערל מיין ליד;
און עס וועט איבער וועלט, איבער דורות,
זיין פאַרהייליקט, באַרימט און געהיט.

עלעגיע

ראה שמש...

זע, די זון איז בלוט־רויט ביים פֿאַרגיין,
און זי וויקלט זיך, לויכט אין פּיאַלעט;
ס׳זיינען צפון און דרום צעשפּילט,
ס׳זינקט די זון אין איר פּייעריקער בעט.
און די ערד בלייבט פֿאַר׳יתומ׳ט אַצינד,
האָט צום שאָטן פֿון נאַכט זיך פֿאַרטרויט;
און דער הימל פֿאַרציט זיך אין טרויער
אויף דעם שווערן פּריצייטיקן טויט.

י. י. שווארץ

עלעגיע

אויפן טויט פון יקותיאל אבן־האסאן.

אז דאָס לעבן יקותיאל׳ס איז געוואָרן פאַרשניטן —
איז אַ סימן: דער הימל וועט ווערן פאַרביטן.

באַטראַכט זיך נאָר גוט, וועט איר איינזען: די צייט
גראָבט קברים דעם מענטשן נאָך פאַר זיין געבאָרן.
די צייט האַלט אין וועגן און מעסטן דאָס לעבן:
ביי דעם נעמט זי אָפּ, דעם פאַרלענגערט זי יאָרן.
איך ווייס נישט דעם סוד פונעם טויט, ווי דאָס האָט
קיין איינציקער מענטש נאָך ביז היינט נישט דערגאַנגען:
דער גייסט שיידט זיך אָפּ, ווייל דער גוף ווערט אים נמאס,
צי גאָר, ווייל עס גלוסט אים צום הימל דערלאַנגען?
ווי נאַריש צו זאָגן: די וועלט איז אַ חלום —
ווי האָט דאָס דער מענטש אַזוי ווייניק געלערנט!
ס׳איז וואָר, ס׳איז אַ חלום — נאָר פאַלש איז דער חלום,
קען קיינמאָל באַשיידט און דערקלערט גאָר נישט ווערן:
די ערד האָט נאָר ליידן פאַר מענטשן פאַרבאָרגן,
וואָס זיינען פון אונזערע אויגן באַהאַלטן;
עס איז נישט קיין מלך פון קבר באַוואָרנט,
און פירשטן און פרינצן, וואָס שאַלטן און וואַלטן.
זיי האָבן געערדט — און די וועלט האָט פאַרנומען,
נאָר רופט זיי דער טויט — און זיי פאָלגן און גאָפן.

געבראָכן איז שטאָלץ, און די האָרן פאַרשטומען,
פאַרקויפטע צום גרוב ווי די אָרימסטע שקלאַפן.
זיי נידערן פּלוצים אין פינצטערן קבר,
און האָבן קיין קראַפט זיך צו שטעלן אַנטקעגן;
קיין פריינט, וועמעס וואָרט זאָל זיך איינשטעלן פאַר זיי,
מיט גאָר זייער רייכקייט און גאַנצן פאַרמעגן.
זיי גייען מיט ליידיקע הענט פון דער וועלט איצט,
און גאָרנישט ניט דאַרפן זיי מערער שוין האָבן;
פאַרנעמען פון גאָר זייער צירונג און קליידונג
בלויז שמאַטעס, אין וועלכע זיי ליגן באַגראָבן.
אָך, טויט, וואָרט אַ רגע, און האַלט דיינע הענט איין,
וואָס טוסטו די אָרימע מענטשן נישט שוינען!
זיי מיינען, גערעכט איז דיין משפט צו יעדן —
עס איז אָבער גאָרנישט אַזוי ווי זיי מיינען:
דען אומגליק ביסטו פאַר דעם גליקלאַכן מענטשן,
און גליק פאַר דעם ליידנדן, וואָס איז פאַרביטערט.
אויב מוטיקע, פריילאַכע ווייצלען זיך פון דיר,
דערנענטערסטו זיך נאָר — און זיי בלייבן פאַרציטערט.
פאַרכאַפּט האָט דאָס פייער די צעדער די שטאָלצע,
הייגט וואָס זאָלן טאָן שוין די קליינינקע גראָזן?
דאָס פנים פון וועלט איז פאַרוואָלקנט געוואָרן,
ווילד־פרעמד איז איר פנים, פאַר׳ברוגז׳ט, געשלאָסן.
אָ, פריינט מיינע, לאָזט מיך אַליין מיט מיין טרויער,
נישט זייט אויף מיר אויפגערעגט, זייט נישט אין צאָרן —
נישט פרעגט מיך, וואָס בין איך פאַרביטער, דערציטערט,
מיין שאָטנדיק בוים איז פאַרשניטן געוואָרן.
פאַרלאָרן דער מענטש יקותיאל, ביי וועמען
פאַרלאָרענע האָבן געפונען בטחון;

י. י. שווארץ

צעריסן די שווען, פארלאשן די לאמפן,
דער מעכטיקער זייל איז געפאלן צעבראכן.
דאס ליכט פונם טאג איז געווארן פארטונקלט,
די טעג פון דער צייט זיינען נאך אים פארשאלטן;
ביז היינט האט מיין זעל גאר אליין נישט פארשטאנען,
צי מיאוס, צי שיין האבן צייטן געגאלטן.
נאר היינט, ווען זיי האבן דעם בעסטן פארשלונגען —
היינט טו איך די פאלשקייט פון צייטן באנעמען;
זיי שטייען פאר מיר מיט א פנים א פינצטערס,
און טוען מיט גאר זייער זינד זיך נישט שעמען.
דער קוואל פון די טרערן ווערט אויסגעשעפט, טריקנט,
מיין זודיקע טרער ווערט צעקלאפט און צעשלאגן —
נאר שטארק זיינען הערצער ווי שטיינערנע פעלזן,
וואס קענען אן אומגליק אזא גאר פארטראגן.
ניט וואונדערט זיך, מענטשן, אויף זון און לבנה,
וואס זיינען פון וואלקן געווארן פארשלונגען —
געשפירט ווען זיי וואלטן מיין בראך און מיין ווייטיק,
דאן וואלט זיי ווערן אין שטיקער צעשפרונגען.
אין טאג, ווען מען האט אים געשמידט אין די קייטן,
געשטומט האבן פויקן, און פריידן — געשוויגן;
דער דעמבנבוים איז מיט די ווארצלען געפאלן,
געבליבן צום גרונט מיט זיין בלעטערקרוין ליגן.
דער פירשט איז אין יאר ניין-און-ניינציק געפאלן
דורך פאלשע בלבולים פון בלוטיקע מענטשן —
געגרויסט זאל זיין גאט, און געהויבן זיין נאמען,
גערעכט איז זיין משפט, מיר דארפן אים בענטשן:
דאס בלוט פון זיין קנעכט האט געטאן פאר אים שרייען, —
און ער האט באצאלט זיי, פארדינט ווי זיי האבן —

באקומען די שטראָף אין דעם יאָר פון אכטהונדערט,
צום טאָג, ווען זיי האָבן זיין גרוב אים געגראָבן.
געווען איז אַ מעכטיקער פעלז יקותיאל,
אַן וועלכן דער שונא צעשלאָגן פלעגט ווערן;
געווען ווי אַ מאַסטבוים אויף בערג, צו באַווייזן
פאַרבלאַנדזשעטע וואָגלער וואוהין זיך צו קערן;
געווען ווי אַן איילבערטבוים זאַפטיקער, פרישער,
אַ צעדער אין וואַלד פון לבנון, צעבליטער;
דאָרט זיינען זיך פויגלען צוזאַמענגעפלויגן,
זיך נעסטן געבויט, זיך צעקלונגען אין לידער.
געווען ווי אַ מלך צווישן זיין מחנה,
און ס'האָבן זיך אַלע אַרום אים געקליבן;
דעם אַמט פון אַ קעניג אַ גרויסן געטראָגן,
ווי ער האָט באַשטימט נאָר, אַזוי איז געבליבן.
עס טרויערט מיין הארץ אויפן אומגליק פון ציון,
עס האָט מיך איר ביטער געוויין דורכגענומען.
זי קלאָגט: ס'איז געפאַלן מיין מעכטיקע פעסטונג,
אין איר האָט מיין פאָלק שוץ און שטאַרקייט באַקומען.
איצט זיינען די פליגל פון פעסטונג געזונקען,
די שטיינער צעשאָטן אין טאָל און צעשפרייטן —
דערציילט מיר, ווי לעבט זיך אַצינד מיינע קינדער,
ווי קענען זיי אויסשטיין די ביטערע ליידן?
ווער וועט מיט זיין ליבע מיין הארץ צו זיך ציען,
און ווער וועט די פיס מיינע היטן פון זינקען?
ווער וועט פאַר מיר איינשטעלן זיך פאַר באַטריגער,
וואָס האַלטן זיך עצות ווי מיך צו פאַרשלינגען?
און ווער וועט זיך אויפהויבן קעגן די שונאים
און זייערע פלענער, מיין אומשולד באַווייזן?

צעברעכן די ציין פון די לייבן, וואָס זוכן
די אָרעמע שעפּעלאַך מיינע צערייסן?
זאָל דוד׳ס הויז וויינען אויפן פּורפּורנעם מאַנטל,
אין וועלכן זיי האָבן מיט פּראַכט זיך באַצויגן;
זאָל אהרנ׳ס הויז וויינען אויפן אורים־ותומים,
וואָס האָט אויף זיין ברוסט העל געשטראַלט פאַר די אויגן.
באַוויינען זאָל לוי די גאָלדענע האַרף זיינס,
געשפּילט האָט ער אויף איר זיין געטלאַכן הימן;
זאָל וויינען דער מענטש פון דער ערד אויף דער צירונג,
מיט וועלכער זיך גרויסן פלעגט ער און באַרימען;
באַוויינען אים זאָלן די פירשטן פון בבל —
פאַראַרימטע זיינען זיי נאָך אים געבליבן;
באַוויינען דער מלך זיין טרייען שליח,
אין וועמען ער פלעגט זיך פאַרטרויען און ליבן;
זאָל וויינען דער פירשט אויפן מאַכטיקן שטעקן, —
זיך אָנגעלענט אויף אים און שטאַרקייט באַקומען;
זאָל וויינען דער זקן אויף פּראַכטיקער גרויקייט,
מיט וועלכער ער האָט זיך שטאָלץ איבערגענומען.
זאָל וויינען דער דורשטיקער מענטש נאָכן וואַלקן,
וואָס האָט אים פריש וואַסער און קוויקונג געגעבן;
זאָל וויינען מיין פאָלק אויפן אדל, מיט וועלכן
עס האָט געשטאָלצירט אין זיין פינצטערן לעבן.
זאָל ברומען דאָס האַרץ ווי אַ האַרף אָן אַן אויפהער,
און וויפיל נאָר טרערן איר האָט — טוט פאַרשווענדן;
באַטרויערט, באַדויערט, און ווערט נישט אַנטשוויגן,
מיט אַש אויף די קעפּ און מיט זעק אויף די לענדן.
דערנאָך זיצט פאַרשטומט, וואַרפט די זעק נישט אַרונטער
ביים טויער פון יושר, וואָס האָט זיך געשלאָסן,

פון ווינקלען פון ווייטסטע באַקלאָגט און באַטרויערט
דעם אומגליק, וואָס האָט זיך אויף אונז אויסגעגאָסן.
גיב גאָט, איר זאָלט מער שוין נישט טרינקען פון בעכער,
וואָס איז אייך צום טרינקען געוואָרן געגעבן. —
און טרייסט זיך, דען גאָט האָט גערעדט דורך נבואה:
נאָך שטראָף קומט די הילף אינם טרויריקן לעבן.
זיין טויט זאָל אויף אייערע זינד שוין פאַרגעבן,
פאַר גאָט, אייער קיניג, געלייטערטע קומען;
פאַררעכנט זאָל ווערן זיין בלוט ווי אַ קרבן,
וואָס גאָט האָט פון אהרן אליין צוגענומען.
און אויפשטיין וועט ער ניי־געלייטערט צום לעבן,
ווען ריין און געלייטערט די טויטע דערוואַכן — — —

ניטאָ מער קיין פרומע, גערעכטע — פאַרמיטן,
אַז ס'לעבן יקותיאל'ס איז געוואָרן פאַרשניטן.

י. י. שוואַרץ

האָרץ איז ליידיק...

ולב עמום...

הארץ איז ליידיק און ווייסן באַגרעניצט,
קענסט בלויז אַנטאַפּן גוף — און נישט מער.
יאָגסט אומזיסט דיך נאָך ערדישע גליקן,
און דאָס לעבן פון מענטשן איז שווער.
און דער גוף, וואָס איז קנעכט, טויט זיין האַרן,
און די דינסט פון איר האַרינטע שפּאָט;
און דאָס שטויב קערט זיך ווידער צום שטויב,
און דער גייסט קערט זיך ווידער צו גאָט.
מיינע פריינט, כ'האָב דאָס לעבן באַנומען,
און דערזען, עס איז גאָרנישט ניט ווערט:
ס'איז דאָס לעבן אַ קייט בלויז פון ליידן,
און זיין סוף איז: אַ בערגל מיט ערד.

ש ל מ ה א ב ן־ג ב י ר ו ל

עלעגיע

אחי־תבל...

אוי, קינד פון דער וועלט, פרעג דיין מאַמען,
דער וועלט: וואו דער סוף און די נוץ?
פאַרצערט אירע קינדער, נאָך איידער
זיי האָבן פאַרזוכט פון איר גוטס.

און וואָלט דער מענטש קליגער געוועזן —
דאַן וואָלט ער זי חרוב געמאַכט;
וואָלט איטלאַכער ווּסן וואָס איך ווייס, —
וואָלט ער זי באַשפּיגן, פאַראַכט.

די וועלט האָט מיך קיינמאָל פאַרטראָגן,
און איך האָב פאַרהאַסט איר שאַנד;
אַ נאַכט איז דאָס לעבן פון מענטשן,
און איך שטיי ביים קבר׳ס ראַנד.

און ס׳הארץ מיינס איז וואַך און עס רוט נישט,
עס נעמט מיך נישט מערער קיין שלאָף.
מיר צאַפּלען זיך אין אירע נעצן,
פאַר׳משפּט צו אויסשטיין איר שטראָף.

י. י. שווארץ

פאַרקריצט איז אויף אונזערע שטערנס
איר בלוטיקער צייכן און פלעק.
וואָס ציטערן מיר פאַרן טויט נאָך,
וואָס וואַרפט אונז זיין נאָמען אין שרעק?

דער טויט איז דאָך טרייער דערלייזער,
ער פירט דאָך אונז שטיל צו זיין שלאָס. —
ניט פלוכן — מיר דאַרפן אים בענטשן,
און גליקלאַכע טרינקען זיין כוס.

מיין געדאַנק

זממי הה...

פאַרפירט פון דער נישטיקייט בין איך,
און מיין אויג האָט פאַרבלאָנדזשעט פון וועג;
און וואָס העלפט וואָס די זון שיינט אנטקעגן,
אַז מיין האַרץ ליגט אין חושך און שרעק.

און מיין זעל, אין געפּעכט מיט די ליידן,
איז געשפּאַנט פון פרימאָרגן ביז שפּעט;
ווי פאַר'קנס'ט צו דער וועלט לאָז מיך נאַרן,
נאָר איר ברוסט ווערט פון פרעמדע געגלעט.

וועט געגנוג זיין נאָך נישטיקייט יאָגן,
שטיין מיט שונאים אין ביטערער שלאַכט,
זיך באַגיסן מיט בלוט — און פון אייביק
גייט די יוגנט מיט בלוט אָפּ און שמאַכט.

איך בין דורשטיק נאָך קוואַלן פון וויסן,
נאָר געצוימט און געקייט איז מיין מוט.
בין גע'רודפ'ט פון שאַנד און פון טרויער,
און מיין אויג פליסט מיט טרערן און בלוט.

פון געבאָרנשאַפט־אָן האָט דאָס לעבן
מיך געיאָגט און געפּלאָגט און פאַרצערט;
מיין געדאַנק פליט צום הימל און שטערן,
נאָר די לייד ציט מיך גרוויזאַם צו דרערד.

י. י. שוואַרץ

שטורעם

ואהבתי ושברי...

און די ליבע און האָפנונג אין האַרצן,
וואָס דו האָסט באַלוינען געזאָלט —
איז צום סוף האָסטו גאָרנישט באַנומען
און מיט האַס פאַר מײַן ליבשאַפט געצאָלט.
און דו האָסט מיר אַ בליק צוגעוואָרפן,
פול פאַראַכטונג — אַ שפּײַ אין געזיכט.
עס איז אמת, דו קענסט נישט באַנעמען,
און פאַרהוילן פון דיר איז מײַן ליכט.
איז דען מעגלאַך צו זען פאַרן בלינדן
אַט־די ליכטיקע זון, ווען זי לויכט?
און מײַן ליכט איז צעשטראַלט און צעשימערט,
און ביז לענדער ביז ווײַטע דערגרייכט.
כ'האָב אַ האַרץ, וואָס אין טאָג פון פאַראַכטונג
וואַקסט עס טריב און געוויכטיק און שווער;
און עס שלאָגט, גייט אַריבער די ברעגן,
און עס ברומט ווי די כוואַליעס אין מער.
איך בין ערד פאַר די פרײַנט אויף צום טרעטן,
איך בין שטויב דאָ פאַר זייערע פיס;
און מײַן וואָרט פאַלט אויף זייערע הערצער,
ווי אויף גראָז פאַלט דער שפּריירעגן זיס.
אָבער שטורעם בין איך פאַר די אומפרײַנט,
און איך שלאָג זייער פעלד מיט מײַן בליץ:

ש ל מ ה א ב ן־ג ב י ר ו ל

זייַער פרוכט ווערט פאַרברענט און צעטראָגן
פון מיין בראַנדיקער טויטלאַכער היץ.
און אַצינד האָט איך מער נישט צו זאָגן:
איך צעריים פון מיין פריינטשאַפט די קניפ.
ווײַל דיין אָנדיינק אין הארצן נישט טראָגן,
ווײַל דיין נאָמען נישט ברייַנגען צום ליפ.

י. י. שווארץ

אַ לויב-ליד

צו ר׳ שמואל הנגיד.

דער טרויער פון לוסט און פון יוגנט
געפאַנגען מיין האַרץ האָט מיין טריבע;
מיין אויג וואַכט צעעפנט און שלאָפלאָז
ביים געשלאָסענעם טויער פון ליבע.
ווי גאָט וואָלט געשטעלט מיך צו היטן
די מחנות צעפינקלטע שטערן —
פאַרזאָגט מיך די שטערן צו ציילן,
זיי קענען געציילט גאַרנישט ווערן.
אַזוי שווער און ביטער צו ליידן
וועט יונג צו מיין קבר מיך ברענגען.
די צייט האָט אין טיגל געפּרעסט מיך,
זינט קינד מיך געטאָן אַלץ באַדרענגען.
און טיילט זי מיר איין שוין איר האָניק,
ווערט׳ס גיפט באַלד ביי מיר אויף די ליפּן;
איך ציל אין איר לידער ווי פיילן,
כ׳וואָלט קרוינען זי — וואָלט זי מיך ליבן.
מיין ליד איז באַקאַנט צו מבינים,
געשעצט פון די איידלסטע גייסטער —
נאָר העכער און שענער ווי אַלע
ביסטו דאָך, געהויבענער מייסטער.
דיין נאָמען דופט בעסער פון בשמים,
לויכט העלער פון טייערע שטיינער;

דער ליכטיקסטער גלאַנציקסטער דימענט
אין קרוין פון אַ מלך דער ריינער.
פאַרלענדסט פון דיין פאָלק די פאַרלוימדער
און זייערע פלענער פאַרשטערסטו;
און פאָלגן זיי נישט דיין באַפעל אוים —
די שונאים די בייזע פאַרצערסטו.
עס טוט זיי דערשרעקן דיין בייזער,
זיי בלייבן פאַרשעמטע, דערציטערט;
איטאַליען זי בויגט צו דיין וואָרט זיך,
אַראַביען הערט־אוים דיך פאַרביטערט.
געבוירן צום אמת צו דעם הויכן,
אין שויסן פון פירשטן דערצויגן —
דיין וואָרט און דיין ליד זיינען פלאַמען,
און שימערן העל פאַר די אויגן.
דיין האַנט איז פאַר איטלאַכן אָפן,
אַזוי ווי דער וואָלקן מיט רעגן;
זוכסט־אוים דעם געדריקטן און שוואַכן
און טראָגסט אים דיין חסד אַנטקעגן.
און וואָס קען איך מערער דען זאָגן —
ס'איז קורץ מיין געדאַנק דיך צו לויבן.
ס'האָט גאָט אין זיין היכל געפירט דיך,
און ביז צו דער זון דיך דערהויבן.
נאָר ס'לאָזט דאָס געזאַנג מיך נישט רוען,
און האָט מיין געדאַנק העל געצונדן:
צו ברייגגען צום אויסדרוק געפילן,
און טיפקייט פון ליד צו דערגרונטן.
דאָס ליד האָט אַלס קינד מיך געצערטלט,
ווי פאָטער זיין קינד מיך דערצויגן;

י. י. שווארץ

עס האָט זיך צעשטראַלט און צעלויכטן ,
ווי דו וואָלסט מיט רום אים באַצויגן.
געשמאַכט נאָך מיין ליד האָבן דיכטער,
ווי ערד שמאַכט נאָך רעגן פון פריידן ;
ערשט נעכטן — און שטאָלץ ווי די לייבן,
און היינט — ווי די לעמער באַשיידן.
אָך, מענטשן פון גייסט, זייט געדולדיק,
ביז ס'וועט נאָר מיין יוגנט פאַרשווינדן :
עס וועט אייך מיין ליד איבערראַשן,
זיין פערז וועט ווי דימענט זיך צינדן.
געלייטערט ווי גאָלד און קרישטאָלן —
די לידער, די ליכטיקע קינדער ;
אין מחנה פון פאַלשע פאָעטן
בין איך ווי אַ לייב צווישן רינדער.

ש ל מ ה א ב ן־ג ב י ר ו ל

פּאָלעמיש

א.

שלף חרבך...

צי דיין שווערד, שטעך אריין אין מיין האַרצן,
האָב קיין אַנגסט ניט, באַדאַרפסט מיך ניט שוינען;
מעגסט זיין זיכער, געלאַסן און רואיק,
אַז איך וועל דיך צוריק ניט באַלוינען.

וועל די שטיינער צוריק דיר ניט וואַרפן,
און דיין פייל — וואָס געפאַלן — פאַרבליבן:
האָסט אַמאָל דאָך מיט גנאָד מיך באַשאָנקען,
פון דיין טיש האָב איך ברעקלאַך געקליבן.

ב.

הלא צוה...

ס'האָט דער פּאָטער פון אַלע חכמים
אונז פאַרזאָגט קיין מחלוקות נישט פירן;
אָבער דו האָסט אַ פייער צעבלאָזן
און די הערצער פאַר'סמ'ט און געהירן.

פאַר מיין שפּיציקער פייל זיי אין מורא,
פאַר מיין שווערד דעם געשליפענעם ציטער.
ווילסטו שלום — בין גרייט דיר צו דינען,
זוכסטו קריג — דאַן בין איך דיין געביטער.

י. י. שוואַרץ

ג.

הנגבת וכחשת...

האָסט גע׳גנב׳עט מיין ליד און געלייקנט,
דו האָסט אונטערגעגראָבן מיין פלויט;
האָסט געזוכט מיט מיין ליד זיך צו גרויסן,
און אַ הילף צו געפינען אין נויט.

קען אַ מענטש דען דעם הימל דערלאַנגען
און פאַרשטעלן די זון פאַר דער וועלט —
קען אַ טייך ווערן אויסגעשעפּט, טרוקן,
אויב אַ קריגעלע וואַסער אים פעלט?

ד.

תשובתך משובתך...

דיין ענטפער זאָגט עדות: ביסט שולדיק,
דיין וואָרט אַזוי אָרעם און פלאַך.
דו האָסט מיינע פערזן גע׳גנב׳עט,
און ס׳ציטערט דיין קני און איז שוואַך.

נאָר וואָג נישט צו גיין צום מזבח
פון ליד און געזאַנג — האָב פאַרשטאַנד:
ווי נאָר ווערסט די טרעפן באַשטייגן,
וועט באַלד זיך אַנטפּלעקן דיין שאַנד.

ה.

לך שלום...

פרידן צו דיר, גיי געזונט, זיי געזונט —
און זיי נישט פאר'עקשנ'ט און שווער.
זיי שטיל און נישט רייד הויכע ווערטער,
און נישט וואג מיך באליידיקן מער.

און גיב זייער שטארק אכט אויף דיין ליד,
קלייב־צו דיינע ווערטער און שליף זיי און שניץ.
זיי וויסן: דיין מוח איז טרוקן אין ווינטער,
היינט וואס וועט זיין זומער, אין היץ?...

י. י. שוואַרץ

דאָס ליד פון וואַסער

האָט דער ווײַן געגומען טאָגן,
האָט מײַן אויג געגומען קלאָגן —
באַכן וואַסער, באַכן וואַסער.

גאָרנישט איז פון ווײַן געבליבן,
וואַסער האָט דעם ווײַן פאַרטריבן.
לידער שטומען, ס'זײַנען מײַלער
פול מיט וואַסער, פול מיט וואַסער.

קען דען עסן מיר באַקומען,
קען דען שפּײַז זײַן זיס צום גומען —
אַז אין בעכערס פאַרן עולם
גיסט מען וואַסער, גיסט מען וואַסער?

משה האָט דעם ים געשפּאָלטן,
פּרעה'ס וואַסערן פאַרשאָלטן —
נאָר דאָס מויל פון אונזער משה'ן
שפּריצט מיט וואַסער, שפּריצט מיט וואַסער.

מיטן פראָש בין איך איצט ברודער —
קווא־קווא־קווא, און מאַך געררודער.
מײַן מויל ווײַסט אַצינד ווי זײַנער
ס'ליד פון וואַסער, ליד פון וואַסער.

ש ל מ ה א ב ן־ג ב י ר ו ל

זאָל ער שוין אָן ווײַן דאָ דאַרבן,
זאָל ער שוין אַ נזיר שטאַרבן.
זאָלן זײַנע קינדער ווערן
וואַסער־טרעגער, וואַסער־טרעגער.

האָט דער ווײַן גענומען טאָגן,
האָט מײַן אויג גענומען קלאָגן —
באַכן וואַסער, באַכן וואַסער.

י. י. שוואַרץ

נאַציאָנאַלע מאָטיוון

א.

שער פתח, דודי...

עפן דעם טויער, באַגלויבטער,
אויפשטיי, און עפן דעם טויער;
איך בין אין טויטלאַכע אַנגסטן,
ס'האַרץ איז פאַרוויקלט אין טרויער.

הגר, די דינסט פון מיין מוטער,
שפּאָט פון מיר, לאַכט אין איר צאָרן:
אירם, איר געבעט אין דעם מדבר,
איז אָנגענומען געוואָרן.

האַלבנאַכט פון פינצטערן גלות
יאָגט מיך איר זון אויסצוראָטן;
נאַכדעם ווי דער וואַלד־חזיר, אדום,
האָט מיט די פים מיך צעטראָטן.

ווען וועט שוין קומען דערלייזונג —
קיינער נישט קען דאָס מיר זאָגן.
ס'האַרץ גייט אַריבער פון ווייטיק,
טריב און פאַרשעמט און באַטראָגן.

שלמה אבן־גבירול

ב.

שחר עלה אלי...

קום צו מיר מיטן פרימאָרגן —
נעם מיך און פיר מיך ביים האַנט.
לעכצנדיק גאַרט מיין נשמה
זען שוין מיין מוטערלאַנד.

וועל אין מיין פּאַלאַץ דיר שפּרייטן
גאָלדענע בעטן, פּלאַם־רויט.
וועל דאָרט אַ טיש פאַר דיר גרייטן,
וועל פאַר דיר שטעלן ברויט.

אָנגיסן וועל איך דיין בעכער
מיט געבענטשטן וויין.
טרינק מיט אַ האַרצן אַ פריילאַכס, —
ליכטן זאָלסטו אין דיין שיין.

אָט־אַזוי וועל איך זיך פרייען,
ליבן דיין נאָמען, וואָס גרויס —
פריידיק אין פרייד פון משיח,
פּרינץ פון דוד'ס הויז.

י. י. שוואַרץ

ג.

שביה עניה...

פאַרקלעמט און פאַרשעמט אין דעם ווילד־פרעמדן לאַנד,
אַ דינסט ביי דער מיצרישער דינסט אין דער האַנט.
זינט האָסט מיך פאַרלאָזט, וואַרט איך אַלץ אויף דיין גנאָד —
לייז־אויס מיך פון קנעכטשאַפט, אַלמעכטיקער גאָט.

אַ סוף קומט צו אַלץ, נאָר מיין פיין האָט קיין סוף —
אין גאַנג פון די יאָרן ווערט שווערער מיין שטראָף.
איך טרינק מיך און זינק אין דעם גלות־זומפּ טיף —
שטייט קיינער ביים רודער צו פירן מיין שיף.

געשטיקט און געפליקט און געבויגן פון לאַסט,
געשווירן, פאַרלוירן, צעטראָטן, פאַרהאַסט.
ווי לאַנג וועל איך, גאָט מיינער, שרייען פון לייד,
און ס'האַרץ ווי דאָס וואַסער צערינט און צעגייט.

שוין באַלד טויזנט יאָר, ווי איך ליג אינם שטויב,
ישמעאל — אַ לייב, עשו — פויגל פון רויב;
לאָזט איינער צורו — שטיקט דער צווייטער מיך צו,
ווען וועסטו מיך פירן אַהיים צו מיין רו?

ד.

שש נגזרו לצאת...

זעקס יאָר דינט אַ אידישער קנעכט,
צום זיבעטן יאָר ווערט ער פריי.
נאָר ס'נעמט גאָר קיין סוף און קיין ברעג
צו די יאָרן פון מיין שקלאַפעריי.

וי לאַנג וועל איך, גאָט מיינער, זיין
אַ קנעכט ביי אַ קנעכט אין די הענט —
פון הויזיקן קנעכט פון מיין פאָטער
געיאָגט און געפּלאָגט און פאַרלענדט?

פון טאָג צו טאָג וואַרט איך און האָף —
אומזיסט נאָר, ס׳ווערט גרעסער מיין פּלאָג.
אָ, פאָטער אין הימל, באַשייד,
וואָס קענסטו מיר ענטפערן, זאָג.

אויב אויסלייזן ווילסטו מיך נישט —
טאָ נעם מיך צו זיך — כ׳וועל זיין טריי.
וועל זיין דיר אַן אייביקער קנעכט,
נישט וועלן אַרויסגיין שוין פריי.

ה.

דו פלאַמיקער, ליכטיקער, צי שוין דיין שווערד —
צעטרעט מיינע שונאים אין שטויב פון דער ערד.

צו פינצטערער נאַכט זאָל שוין נעמען אַ סוף —
שטיי־אויף, הויב זיך אויף אין נקמה און שטראָף.

— אָט גיי איך, אָט קום איך, פאַרליר נישט דיין מוט,
עס רוט ניט, עס שווייגט ניט פאַרגאָסן בלוט.

— בין קליין און געיאָגט און געפּלאָגט און אַליין —
נישט געלאָזט האָט דער שונא אַ שטיין אויף אַ שטיין.

— אָט שפּאַן איך, באַרייט איך מיין היציק פערד —
וועל מאַכן צו סדום די פאַרזינדיקטע ערד.

י. י. שווארץ

ו.

שוכנת בשדה...

— דו רוסט צווישן שווארצע געצעלטן פארלאָזן —
אַרויף־שטייג צום כרמל, אַרויס־קוק צום בשן.

אין צעטראָטענעם גאָרטן באַקוק דיינע בייטן,
און זע נאָר, זיי האָבן באַדעקט זיך מיט קווייטן.

— וואו ביסטו, געליבטער, דו האָסט מיך געמיטן,
מיין גאָרטן, אויף גערטענער פרעמדע געביטן.

איך בעט דיך, קום ווידער, וואָס ביסטו אַנטלאָפן —
אין שוים פון שיינאויגיקער רוען און שלאָפן.

ז.

שער אשר נסגר...

דעם טויער פאַרשלאָסענעם עפן געשווינד,
און שיק מיר צוריק דעם אַנטלאָפענעם אינד.

וועט קומען, וועט רוען ביי מיר אויפן ברוסט,
וועל זיין מיט זיין דופט מיט דעם זימן געקושט.

— ווי זעט־אויס דיין חתן, אָ, כלה דו פיין,
כ'זאָל וויסן צו ברייננען צו דיר אים אַריין?

— מיין פריינט איז שיינאויגיק און ליכטיק און קלאָר —
נעם זאָלב אים פאַר קיניג אויף אייביקע יאָר.

ח.

שחורה ונאוה...

איז שווארץ און באַחנ׳ט ווי אַ מדבר־געצעלט,
אַ רויז צווישן שטעכיקע דערנער פאַרשטעלט —
ווען ווען וועסטו אַראָפּ צו איר גאָרטן באַהעלט;
עס האָט זיך דער וויינשטאָק אין פאַרבן צעגליט,
און ס׳האָט זיך דער מילגרוים פאַנאַנדערגעבליט.

זי ליגט אַ צעקלעמטע אין פייניקער׳ס לאַנד
און טרינקט פון דעם ביטערן בעכער פון שאַנד.
איר אויג איז געהויבן צו דיר, אין איר טרער —
צו איר נויג דיין אויער, איר תפלה דערהער,
און עפן דיין אויג, און איר גאולה באַשער.

די שונאים און פייניקער מיינע צעדריק,
די וואָרצל האַק־אונטער און צווייגן צעפּליק,
און מיינע באַדריקער צעדריק און צעשטויב.
די פאַן פאַר די פאַרכטיקע הויב און דערהויב,
ווי דאַן פון מצרים וועל זינגען דיר לויב.

ס׳איז טרויעריק און פינצטער אצינד מיין געמיט —
דאָך האָף איך צו גאָט, וואָס באַשיצט און באַהיט.
איך וויים, אַז מיין אייביקייט איז נישט פאַרלאָרן,
מיין זינד נאָר פאַרהאַלט מיין גאולה אויף יאָרן —
און ס׳זיינען דערוויטערט מיין אויסלייזער׳ס טריט.

י. י. שווארץ

ט.

שוכב עלי מטות...

רוסט אין מיין פּאַלאַץ אין גאָלדענער בעט —
וואָס גרייטסטו זיך נישט פאַר משיח? ס'ווערט שפּעט.

וואָס שלאָפסטו, געטרייער, פרימאָרגן קומט־אָן,
און פלאַטערט און ווייט אויף די בערג ווי אַ פאָן.

פאַרגעס אָן די פרעמדע — איך גיב זיך צו דיר,
און ברייננ דעם געהאַרטן דערלייזער צו מיר.

ביי מיר אין מיין פּאַלאַץ איז צוגעגרייט פיין
דופּטיקע איילן און מילגרוים און וויין.

י.

שורש בנו ישי...

דוד'ס שטאַם, וואָס שטייסטו אויסגעפרוירן, שטום?
ווינטער איז אַריבער — בלי מיט צווייג און בלום.

לאַנג נאָך וועט ישמעאל אויסצערן מיין קראַפט,
און ווי לאַנג וועט אדום האַלטן מיך פאַרשקלאַפט?

טויזנט יאָר אין גלות גיי איך אָפּ מיט בלוט,
כ'בין אַ וואַנדער־פויגל אין דעם מדבר־גלות.

קומט וועז מיין דערלייזונג פון דער שוואַרצער נאַכט?
אונטער זיבן זיגלען איז באַשייד פאַרמאַכט.

שלמה אבן־גבירול

רעליגיעזע מאָטיוון

א.

שאל להודות...

מיין הארץ האָט דיך ליבן געוואָלט —
און גאָרנישט געקענט זאָגן.
געדאַנק איז נישט ברייט און נישט טיף
דיין ליב צו פאַרטראָגן.
ווייל איידער מיין הארץ האָט דיין רום
און דיין גרויסקייט באַנומען —
האָט מיך שוין דיין גוטסקייט און חסד
פאַרנומען, פאַרשוואומען.
אויף וועמען חוץ דיר זאָל איך שטיצן מיך,
פעלז פון מיין גלויבן,
וואָס טראָגט און וואָס הייגנט-אויף די וועלט
ווי אַ הענגל מיט טרויבן.
איך לעב אויף דיין חסד און גוטסקייט —
זאָל איך מיך צו דיר נישט באַגעבן?
אַז אין דיין האַנט איז דער נפש
און גייסט פון איטלאַך לעבן!

ב.

שדי אשר יקשיב...

גאָט, וואָס דו הערסט און פאַרנעמסט
דאָס געוויין פון געבראָכן געמיט —
וואָס האָסטו פון מיר זיך פאַרהוילן,
און ענטפערסט מיר ניט?

טאָג־ווי־נאַכט האַלט איך אין ריפן,
און ס'ווייגט מיין נשמה אַרום —
לויב איך דיך תמיד און זינג,
ווייל דיין חסד איז גרוים.
קיניג, אויף דיר איז מיין האָפנונג,
פאַרלאָז מיך אויף דיר אין מיין לייד;
איך חלום אַ טונקעלן חלום
און וואַרט אויף באַשייד.
כ'האָב איין פאַרלאַנג בלויז פון דיר,
דאָס איז: מיין בקשה דערהער.
דאָס איז מיין איינציקער וואונטש —
נישט ווינציקער, נישט מער.

ג.

שלשה...

דריי שטייען מיר אַלץ פאַר די אויגן
און האַלטן דיין נאָמען פאַר מיר:

אַרויף ווען איך קוק צו דעם הימל —
איז הימל זאָגט עדות אויף דיר.

די ערד, ווען איך בויג מיך אַרונטער,
דערציילט, אַז דו האָסט זי געשמידט;

און גייסט, ווען איך קוק אַריין אין זיך —
לויב גאָט, מיין נשמה, אין ליד.

ד.

שאי עין, יחידתי...

האלט דיין אויג, מיין נשמה, צום בורא,
אין דיין יוגנט דערמאן זיך אן גאט;
טאג און נאכט בלויז צו אים זאלסטו רופן,
און זינגען זיין לויב און זיין גנאד.
ער — די איינציקע גאב אין דיין לעבן,
און דיין שוץ אין טאג פון טויט;
דארט אונטער דעם כסא־הכבוד
האט ער פאר דיר רו אנגעגרייט.
דרום זינג איך צו גאט, וואס זיצט אויבן,
ווי אלע נשמות, וואס טוען אים לויבן.

ה.

שפל־רוח...

מיט געבראכן געמיט און געבויגענע קני —
טו איך שטיין פאר דיר, ס'הארץ איז באשווערט:
אין דיין אנגעזיכט בין איך געגליכן, ניט מער
ווי א ווארים, וואס קריכט אין דער ערד.
דען פול איז די וועלט מיט דיין גרויסקייט און ליכט,
מיט וואס קען איך דיך לויבן, און ווי?
אז עס קענען מלאכים דיין לויב נישט פארטראגן
איז וואס קען איך שוין טאן אויסער בויגן די קני —
אז דיין חסד איז טיף, און דיין גוטסקייט איז גרויס,
דארום זינגט צו דיר די נשמה ארויס.

י. י. שוואַרץ

ו.

שחי לאל...

בויג צו גאָט זיך, מיין קלוגע נשמה,
זאָלסט צו אים פול מיט אימה זיך טראָגן ;
טיף אין זיך, טאָג-ווי-נאַכט, האַלט די אויגן,
ווארף אַוועק זיך נאָך נישטיקייט יאָגן.

ביסט געגליכן צו גאָט אין דיין לעבן —
ביסט פאַרהוילן ווי ער פון די אויגן.
און ווי גאָט איז דערהויבן און ליכטיק,
ביסטו אויך דאָך מיט שטראַלן באַצויגן.

עס טראָגט גאָט אין זיין האַנט אַלע הימלען,
פונקט ווי דו טראָגסט דעם חומר דעם שטומען ;
זינג אַ לויב-ליד, נשמה, צום בורא,
וואָס ער האָט דיך פון ערד נישט גענומען.

שלמה אבן־גבירול

אַ סליחה

אדוני, מה אדם...

גאָט, וואָס איז דער מענטש?
איז דאָך נאָר פלייש און בלוט;
איז אַ שאָטן, וואָס ציט
און פאַרפליט די מינוט.
פלוצים קומט אים די שטראָף,
זינקט אין אייביקן שלאָף.

גאָט, וואָס איז דער מענטש?
איז דאָך ערד, איז דאָך שטויב,
פול מיט זינד און באַטרוג,
אומגערעכטיקייט, רויב.
שפּראָצט אַרויס אַ געוויקס
— אַ צעפּוילטס פון דער ערד
נאָר באַווייזט זיך די זון
ווערט עס תיכף פאַרצערט.
און באַפעלסטו אויף אים
— זיין פאַרבאָרגענע זינד
איז ווי קען ער דיין צאָרן
פאַרטראָגן אצינד?
זיי אים מוחל זיין שאַנד,
דען צו שוואַך איז זיין האַנט,

י. י. שווארץ

פלוצים קומט אים די שטראָף,
זינקט אין אייביקן שלאָף.

גאָט, וואָס איז דער מענטש?
איז פאַרזונקען אין שמוץ;
נעמט זיך איבער מיט ליגנס
און ווייסט נישט פון גוטס.
אָך, צי קען מען פון אומריינס
ארויסברענגען ריינס?
און צי קען מען פון מיאוס
ארויסקריגן שיינס?
אויב ווילסט אים באַשטראָפן
פאַר לוסט פונם בלוט —
איז פאַרוועלקט ער ווי גראָז
אינם פעלד אין דיין גלוט.
האָב רחמנות, אָ, גאָט,
אין דיין גרויסן גנאָד.
פלוצים קומט אים די שטראָף,
זינקט אין אייביקן שלאָף.

גאָט, וואָס איז דער מענטש?
האַלט זיך גרויס ביזן טויט.
עס איז גנבה זיין וואַסער,
און גזלה זיין ברויט.
איז צעברויזט ווי דער ים,
און צעהיצט ווי דער פלאַם.
אויב דו שטראָפסט פאַר דער זינד
פון דעם מענטשנ׳ס געבוירן —

דאַן גייט ער אין קאַמף
אין ניט־גליכן פאַרלוירן.
נעם זיין שוואַכקייט פאַר ליב,
זיינע מעשים פאַרגיב:
פלוצים קומט אים די שטראָף,
זינקט אין אייביקן שלאָף.

גאָט, וואָס איז דער מענטש?
איז דאָך נישטיק און קליין;
דורכן לעבן־לאַנג — פאַלש,
און זיין צונג איז געמיין.
און באַפעלסטו אויף אים
זיינע זינד פון דיין הויך —
ווי אַ בגד צעפאַלט ער,
פאַרשווינדט ווי דער רויך.
האָב רחמנות, פאַרגיב —
מיין געבעט זיי דערהערט —
די נשמות, וואָס וואוינען
אין שטיבער פון ערד.
פלוצים קומט אים די שטראָף,
זינקט אין אייביקן שלאָף.

גאָט, וואָס איז דער מענטש?
אַ צעפרעסענער בוים.
און באַצאָלסטו זיין לוין אים —
איז בלייבט פון אים קוים.
און פאַר אַלץ, וואָס ער האָט
זיך אין לעבן געפרייט —

י. י. שוואַרץ

וועט ער וויינען און קלאָגן
אין טאָג פונם טויט.
און באַפעלסטו אויף אים
זיין פאַרצייכנטע זינד —
איז צעגייט ער ווי אייז
און צערינט און פאַרשווינדט.
און דאַרום האָב רחמנות,
זיי ניט שטרענג מיט דיין קינד.
פלוצים קומט אים די שטראָף,
זינקט אין אייביקן שלאָף.

שלמה אבן־גבירול

כתר מלכות

וואונדערלאך זיינען די מעשים דיינע,
און די נשמה מיינע ווייסט עס גענוי.

א.

דיינס איז, גאָט, די גרויסקייט, שטאַרקייט, פּראַכטיקייט, אייביקייט
און גלאַנץ.

דיינס איז, גאָט, די קעניגרייך, דערהויבנקייט איבער אַלעם, און
רייכקייט און כבוד.

אויף דיר זאָגן עדות אַלע באַשאַפענע פון הימל און ערד,
אַז דו לעבסט אייביק און זיי ווערן פאַרצערט.
דיינס איז די גבורה, וואָס אונזער געדאַנק איז צו שוואַך מיט איר סוד
זיך צו באַהעפטן,

ווייל צו מאַכטיק ביסטו פאַר אונזערע קרעפטן.
דיינס איז דאָס באַהעלטעניש פון גבורה,
פון חומר און פון צורה.
דיינס איז דער נאָמען, וואָס איז פון מענטשן פון חכמה באַהאַלטן,
און די קראַפט, וואָס טוט דער וועלט אויף גאָרנישט האַלטן,
און די קענטשאַפט יעדע פאַרבאָרגעניש צום ליכט אַרויסצושפּאַלטן.
דיינס איז דער חסד, וואָס איז גרויס און טוט פאַר אַלע באַשעפענישן
זאָרגן,

און דאָס גוטס, וואָס איז פאַר דיינע פאַרכטיקע פאַרבאָרגן.
דיינע זיינען די סודות, וואָס שכל און געדאַנק קענען זיך צו זיי נישט
דערגראָבן,

און דאָס לעבן, אויף וועלכן פאַרניכטונג קען קיין שליטה נישט האָבן.
דיינס איז דער שטול, וואָס שטייט העכער איבער אַלע העכסטע
אויפגעהויבן,
און די וואוינונג, וואָס איז פאַרבאָרגן אין די הימלען אויבן.
דיינס איז די עקזיסטענץ, וואָס פון שאָטן פון איר ליכט איז אַלץ, וואָס
עס איז דאָ, געראָטן,
פון וועלכער מיר זאָגן, אַז מיר לעבן אין איר שאָטן.
דיינע זיינען ביידע וועלטן, צווישן וועלכע דו האָסט אַ גרעניץ
געשטעלט :
די ערשטע פאַר מעשים, און פאַר שכר די אַנדער וועלט.
דיינס איז די באַלוינונג, וואָס דו האָסט באַהאַלטן פאַר צדיקים
און פאַרבאָרגן —
האָסט געזען, זי איז וואויל, האָסטו זי פאַרבאָרגן.

ב.

דו ביסט איינער — דער הויפּט פון יעדן מנין,
און גרונט פון יעדן בנין.
דו ביסט איינער — און ביים סוד פון דיין איינקייט שטייען די קליגסטע
פאַרגאַפט,
דען זיי ווייסן נישט וואָס דאָס איז אַזוינס, און וואו ליגט דיין קראַפט.
דו ביסט איינער — און דיין איינקייט ווערט נישט פאַרמינדערט
און פאַרמערט,
נישט צוגעקומען און נישט אָפּגעצערט.
דו ביסט איינער — און נישט ווי אַזוינער, וואָס ווערט געמאָסטן און
געוואויגן,
פאַרמערונג און ענדערונג קענען דיך נישט גרייכן, נישט צונאָמען
און נישט געשטאַלט פאַר מענטשנס אויגן.

דו ביסט איינער — און דיך אין ראַמען פון געזעץ און גרעניץ אַרייַנ־
צופּאַסן,
איז מיד מיין געדאַנק אומצופּאַסן.
דאַרום, האָב איך געזאָגט, וועל איך היטן מיינע וועגן, ווען איך טו
דיין רום פאַרקינדיקן,
איך זאָל מיט מיין צונג נישט זינדיקן.
דו ביסט איינער — ביסט הויך און דערהויבן פון זינקען און פאַלן —
פאַרמיטן איז פאַר דעם איינעם צו פאַלן!

ג.

דו ביסט דאָ — און דאָס געהער פון אויער און דאָס געזע פון אויג
קענען דיך נישט פאַרנעמען.
און פאַרוואָס און פאַרוועו און ווי אַזוי — קענען דיך נישט באַנעמען.
דו ביסט דאָ — פאַר זיך אַליין ביסטו דאָ —
און קיין אַנדערער מיט דיר איז נישטאָ.
דו ביסט דאָ — און איידער צייט איז נאָך געווען — ביסטו שוין געווען,
און איידער פּלאַץ איז נאָך געווען — ביסטו שוין געשען.
דו ביסט דאָ — און דיין סוד איז פאַרהוילן פאַרן מענטשנ'ס זינען,
טיף־טיף איז דיין סוד — און ווער קען אים געפינען?

ד.

דו לעבסט — און ניט זינט אַ תקופה, וואָס איז באַוואוסט פון ווייט,
און ניט זינט אַ באַשטימטער צייט.
דו לעבסט — און נישט דורך אָטעם און נשמה,
דען דו ביסט די נשמה פון נשמה.
דו לעבסט — און ניט מיט אַ מענטשנ'ס לעבן, וואָס איז צום
גאַרנישט געגליכן,

וואָס טוט אין שימל און אין קויט צעקריכן.
דו לעבסט — און יענער, וואָס וועט צו דיין סוד דערגרייכן,
וועט געפינען אייביקן תענוג אין די הייכן —
וועט פאַרזוכן דיין פרוכט און וועט לעבן אייביק.

ה.

דו ביסט גרויס — און אַנטקעגן דיין גרויסקייט ווערט יעדע אַנדערע
גרויסקייט פאַרלאָרן,
און פון איטלאַכער מעלה ווערט אַ חסרון.
דו ביסט גרעסער פאַר יעדער מחשבה,
און שטאָלצער פון יעדער מרכבה.
דו ביסט גרעסער פון יעדער גרויסקייט דערהויבן,
און העכער פון אַלע ברכות און לויבן.

ו.

דו ביסט שטאַרק — און נישטאָ איז קיינער צווישן אַלע באַשעפענישן
דיינע, וואָס זאָל קענען באַווייזן,
נאָכטאָן די גבורות דיינע און דיינע מעשים.
דו ביסט שטאַרק — און דיינס איז די ענדגילטיקע גבורה,
וואָס וואַרפט זיך נישט אונטער טוישונג און ענדערונג פון צורה.
דו ביסט שטאַרק — און צוליב דיין גרויסער שטאָלץ ביסטו מוחל
אין צייט פון צאָרן,
און האַלטסט דיין כעס איין אויף די זינדער, זיי זאָלן נישט גיין פאַר־
לאָרן.
דו ביסט שטאַרק — און דיין רחמנות איז שטאַרק אויף אַלע
באַשעפענישן דיינע, וואָס זיינען שטויביק —
די העלדן, וואָס פון אייביק און פון אייביק.

ש ל מ ה   א ב ן־ג ב י ר ו ל

ז.

דו ביסט דאָס העכסטע ליכט — און די אויגן פון יעדער נשמה זעען
דיך אין ליכט באַצווינגן,
און די וואָלקן פון זינד פאַרשטעלן דיך פון זייערע אויגן.
דו ביסט דאָס ליכט, וואָס איז אין אונזער וועלט פאַרדעקט,
און איז אין אַ שענערער וועלט אַנטפּלעקט,
און וועט אויף דעם באַרג פון גאָט באַווייזן זיך צעשטרעקט.
דו ביסט דאָס ליכט פון דער וועלט — און דאָס אויג פון שכל גאַרט
און לעכצט נאָך דיין גלאַנצן —
עס זעט נאָר אַ ברעג פון אים, אָבער נישט אינגאַנצן.

ח.

ביסט האַר פון האַרן און דער גאָט פון געטער,
פון וועלטן אויבערשטע, און אונטערשטע געוועלטיקער און רעטער.
דו ביסט גאָט — און אַלע באַשעפענישן טוען אויף דיר עדות זאָגן,
אַז אין כבוד פון נאָמען דיינעם איז יעדער באַשאַפענער מחויב דיין יאָך
צו טראָגן.
דו ביסט גאָט — און אַלע ברואים זיינען דיינע דינער און קנעכט,
און עס ווערט דער כבוד דיינער נישט פאַרשוועכט
צוליב די יעניקע, וואָס דינען געטער אַנדערע חוץ דיר,
דען די כוונה פון זיי אַלעמען איז צו דערגרייכן צו דיר,
אָבער זיי זיינען ווי די בלינדע, וואָס זייער מיין איז צו גיין מיטן
קיניגלאַכן וועג,
און האָבן נישט געזען און אַרונטער פון שטעג.
איינער איז אין אַ גרוב געוואָרן פאַרזונקען,
דער צווייטער איז אין אַ גרוב געבליבן פאַרשלונגען;

און אַלע האָבן זיי געמיינט, אַז זיי האָבן זייער וואונטש דערוואוסט —
זיי האָבן זיך אָבער געמיט אומזיסט.
אָבער דיינע קנעכט גייען אויפן גראָדן וועג מיט אָפענע אויגן,
און האָבן אויף רעכטס אָדער לינקס זיך נישט אָפּגעצויגן,
ביז זיי קומען אין הויף פון קיניגלאַכן הויז.
דו ביסט גאָט, וואָס פירט די באַשעפענישן דיינע מיט דיין געטלאַכקייט,
און שטיצסט די ברואים דיינע מיט דיין איינקייט.
דו ביסט גאָט — נישט פאַנאַנדערצוטיילן דיין געטלאַכקייט, איינקייט,
אייביקייט און דאַאיקייט.
דען אַלץ צוזאַמען איז : איין סוד איינאַונאיינציקער, און אויב עס וועט
אין צייט זיך ענדערן איין נאָמען,
טוט אַלץ דאָך צו דעם פּלאַץ צום זעלבן שטראָמען.

ט.

דו ביסט קלוג — און די חכמה, וואָס איז קוואַל פון לעבן, טוט פון דיר
פליסן,
און דיין חכמה איז דער מענטש נאַריש זיך צו דערוויסן.
דו ביסט קלוג — דער קדמון פון אַלע קדמונים,
און די חכמה איז אויפגעקומען מיט דיר אינאיינעם.
דו ביסט קלוג — האָסט פון קיין אַנדערן נישט געלערנט, נישט גענומען;
און האָסט ביי קיינעם קיין חכמה נישט באַקומען.
דו ביסט קלוג — און פון דיין חכמה האָסטו דעם באַשטימטן ווילן
אָפּגעטיילט,
און האָסט אים ווי אַ בויער און אַ מייסטער אויסדערוויילט,
די שטרעמונג פון עקזיסטענץ פון גאָרנישט אַרויסצוציען,
ווי ס'טוט דאָס ליכט פון אויג אַרויסשטראָמען און גליען, —
וואָס שעפּט, און אָן אַן עמער, פון דעם קוואַל פון ליכט,

און אַלץ אָן בוי־געציַיג געפורעמט און איַינגעריכט.
און געהאַקט און געקריצט,
און געלייטערט און געבליצט,
און גערופן צום גאָרנישט און ער האָט זיך געטאָן שפּאַלטן,
און צום „יש" — און ער האָט זיך אַריַינגעשטעקט און געבליבן פאַרהאַלטן;
און צו דער וועלט — און זי האָט זיך אויסגעשפּרייט,
און האָט דעם הימל מיט זיַין שפּאַן צעשפּרייט;
און זיַין האַנט האָט דעם געצעלט פון די ספערן געהאָפטן און געצונדן,
און מיט די שליַיפן פון פאַטענץ די פאַרהאַנגען פון דער וועלט פאַרבונדן;
און מיט זיַין כח אָנגערירט דעם ברעג פון אויסוועַרטיקן באַשאַף —
דעם אויסווערטיקן ערדישן באַשאַף.

י.

ווער קען די וואונדער דיַינע אויסדערציילן,
ווען דו האָסט דעם ערדקוגל צעטיילט אויף צוויי טיילן:
איין העלפט יבשה און איין העלפט וואַסער.
האָסט אַרומגעכאַפּט דאָס וואַסער מיט דער ספער פון ווינט —
אַרום און אַרום גייט דער ווינט,
און קרייזט זיך און קומט רוען צו זיַין פּלאַץ געשווינט.
און דו האָסט אַרומגעכאַפּט אַרום ווינט די ספער פון פיַיער.
און דידאָזיקע פיר האָבן אַלע איין יסוד,
און זייער אָפּשטאַם איז דערזעלבער, און דערזעלבער איז זייער סוד.
זיי טוען אַלע פון איין קוואַל געדייען,
פון אים קומען זיי אַרויס און טוען תמיד זיך באַנייען.
און פון דאָרטן נעמען זיי זיך צעשיידן,
און טוען איבער דער וועלט זיך צעשפּרייטן.

י. י. שוואַרץ

יא.

ווער קען דיין גרויסקייט דערוויזן,
ווען דו האָסט די פֿייערדיקע קרייזן
אַרומגעכאַפּט מיט דער ספֿער, וואו די לבנה געפֿינט זיך איין,
וואָס שעפּט און שטראַלט־אויס מיטן ליכט פֿון דער זון און איר שיין.
און אין ניין־און־צוואַנציק טעג מאַכט זי איר קרייז אַרום איר ספֿער,
און וועלכע פֿון אירע סודות זיינען לייכט, און וועלכע שווער.
און איר גוף איז מינדער פֿון גוף פֿון דער ערד,
ווי בלויז איין ניין־און־דרייסיקט חלק פֿון דער ערד.
און מאָנאַט אין מאָנאַט רעגט זי אָן די נייעס פֿון דער וועלט און אירע
געשעענישן, איר גוטס און איר שלעכטס, ווי ס׳טוט באַוויליקן
דעם בורא׳ס האַנט,
גאָט׳ס גבורות פֿאַרן מענטשן צו מאַכן באַקאַנט.

יב.

ווער קען פֿאַרקינדיקן דיין רום, ווען דו האָסט די לבנה געמאַכט פֿאַר
הויפּט־רעכענונג פֿון יום־טובים און צייטן,
און תקופות און צייכן פֿון טעג און פֿון יאָרן, וואָס טוען זיך בייטן;
איר ממשלה איז באַנאַכט,
ביז עס שווינדט איר פּראַכט,
איר שיינקייט ווערט פֿאַרהילט אין שווערע פֿלעקן,
און זי ווערט פֿאַרדעקט אין שוואַרצע דעקן,
דען פֿון שיין פֿון דער זון איז איר ליכט.
און אויף דער נאַכט פֿון פֿערצנטן, אויב זיי שטייען אויף דער ליניע
פֿון דראַקאָן באַנאַנדער,
אין זי טיילט צווישן זיי פֿאַנאַנדער,
דאַן שטראַלט די לבנה נישט אויס איר שיין, און איר ליכט ווערט
פֿאַרלאָשן.

אז אלע פעלקער פון דער וועלט זאָלן וויסן, אַז אויך די באַשעפענישן
פון הימל אויבן,
הגם זיי זיינען טייער — איז דאָך דאָ אַ שופט איבער זיי צו
דערנידעריקן און דערהויבן.
נאָר זי לעבט־אויף ווידער נאָך איר פאַלן,
און נאָך איר פינצטערניש נעמט זי ווידער שטראַלן.
און סוף חודש, ווען זי באַהעפט זיך מיט דער זון, אויב דער דראַקאָן
ליגט צווישן זיי, און ביידע שטייען אויף דערזעלבער ליניע —
דאַן שטעלט זיך די לבנה פאַר דער זון ווי אַ שוואַרצער וואָלקן
געדיכט,
און פאַרשטעלט פון די צוזעער איר ליכט.
כדי אַז אַלע, וואָס זעען, זאָלן וויסן און געדיינקען,
אַז די קעניגרייך געהערט נישט צו די הימלישע הערשאַפטן און חילות,
וואָס פינקלען,
נייערט עס איז דאָ אַ האַר איבער זיי, וואָס טוט זייער גלאַנץ
פאַרטונקלען.
ווייל העכער איבער אַלע העכסטע איז פאַראַן אַן אויג, וואָס וואַכט,
און די יעניקע, וואָס האָבן געדאַכט,
אַז די זון איז זייער גאָט —
ווערן צוליב דעם געדאַנק זייערן אויף שאַנד און שפּאָט;
און זיי וויסן, אַז גאָט'ס האַנט האָט זי געמאַכט,
און די זון האָט נישט איר אייגענע מאַכט,
און צו דעם, וואָס פאַרטונקלט איר ליכט געהערט די ממשלה און די
פּראַכט.

און אַז ער שיקט אונטער צו איר אַ קנעכט,
איינעם פון אירע קנעכט,
איר צו אָפּטאָן איר רעכט,
איר ליכט צו פאַרדעקן
און איר גרויסקייט פאַרפלעקן.

יג.

ווער קען אויסדערציילן דיין גערעכטיקייט, ווען דו האָסט
ארומגערינגלט אַרום דעם הימל פון דער לבנה דער העלער,
אַ צווייטע ספער אָן אַ פּגימה און פעלער.
און דאָרט געפינט זיך דער שטערן, וואָס רופט זיך כוכב, און זיין
גרויס איז ווי איין חלק פון צוויי־און־צוואַנציק טויזנטלאַך פון
דער ערד, און ער קרייזט־אַרום זיין ספער מיט דער שנעלקייט
פון צען טעג.
און ער וועקט אין דער וועלט קריג און כעס;
און שנאה, און האַס;
און ער גיט די קראַפט זיך צו איינשאַפן גיטער און אָנזאַמלען גוטס
אויף דער וועלט,
און רייכקייט און כבוד און געלט.
לויטן באַפעל פונם בורא, ווי אַ קנעכט צו זיין האַרן אים דינען —
און דאָס איז דער שטערן פון שכל און חכמה, וואו ער טוט זיך געפינען:
ער טיילט־איין דעם נאַרן פאַרשטאַנד ווי צו לעבן,
און דעם אינגל שכל און חכמה טוט ער געבן.

יד.

ווער קען פאַרשטיין דיינע סודות, ווען דו האָסט אַרום דער צווייטער
ספער אַרומגעקרייזט אַ דריטע, וואו נוגה טוט זיך איינגעפינען —
וואָס ווי אַ פירשטין טוט זי אירע חילות פירן,
און ווי אַ כלה פאַרפּוצט אין איר צירונג טוט זי שעמערירן.
און אין עלף חדשים קרייזט זי אום איר באַהערד,
און איר גוף איז ווי איין זיבן־און־דרייסיקטל פון גרויס פון דער ערד.
און זי באַנייט אויף דער וועלט לויטן רצון פון גאָט,
שטילקייט און גנאָד,

און פרייד פון קאַראַהאַד,
ליד און געזאַנג,
און חופּה־געקלאַנג.
און זי צייטיקט די זיסע פּרוכטן פון גאָרטן און פעלד —
וואָס די זון באַלויכט און די לבנה באַהעלט.

טו.

ווער קען זיך צו דיין סוד דערקליגן, ווען דו האָסט איבער דער ספער
פון נוגה אַרומגערינגלט אַ פּערטע, וואו די זון טוט זיך
איינגעפינען —
אין אַ קיילעכיקן יאָר טוט זי איר ספער אַרומשפּינען.
און איר גוף איז הונדערט־און־זיבעציק מאָל גרעסער פאַרן גוף פון
דער ערד, ווי עס איז וואויל באַקאַנט —
און זי טיילט־איין איר ליכט צו אַלע שטערן אין הימל מיט אַ ברייטער
האַנט ;
טראָגט הילף צו די קיניגן פון ערד און קיניגלאַכע פּראַכט און אימה.
און זי באַגייט וואונדער איבער דער וועלט, סיי צו פרידן און סיי צו
מלחמה ;
זי טוט אויסוואָרצלען קיניגרייכן און צעשטויבן,
און אויף זייער פּלאַץ נייע קיניגרייכן דערהויבן.
זי פאַרמאָגט די קראַפט צו דערהויבן און צו פאַרשקלאַפן,
און אַלץ לויטן רצון פון בורא, וואָס האָט זי מיט חכמה באַשאַפן.
און איטלאַכן טאָג טוט זי צו איר קיניג קניען :
פרימאָרגנס הויבט זי אויף איר קאָפּ,
און אונטצייט בויגט זי אים אין מערב אַראָפּ —
פרימאָרגנס קומט זי מיט זיג,
און אונטצייט גייט זי צוריק.

י. י. שווארץ

טז.

ווער קען פארטראָגן דיין גרויסקייט, ווען דו האָסט די זון באַשאַפֿן
צו ציילן דורך איר די טעג און די יאָרן —
און צייטן און תקופות, צו מאַכן שפּראָצן דורך איר פרוכטבוימער
און זאַפטיקע גראָזן און קאָרן.
און זעקס מאָנאַטן טוט זי צו צפון-זייט גיין,
צו וואַרימען לופט און וואַסער און בוים און שטיין.
און קומט זי נעענטער צום צפון —
ווערן גרעסער די טעג, און די שאָטנס ווערן צעלאָפן —
ביז ס'איז דאָ אַ פּלאַץ, וואו דער טאָג איז גאַנצע זעקס מאָנאַטן לאַנג,
געענוי אויסגערעכנט און פרובירט פון מענטשלאַכן געדאַנק.
און זעקס מאָנאַטן גייט זי צו דרום-זייט אין אירע געלייגטע שטעגן,
ביז ס'איז דאָ אַ פּלאַץ, וואו די נאַכט איז גאַנצע זעקס מאָנאַטן לאַנג
אין זיינע ברעגן.
און דורך איר ווערט באַקאַנט דער מינדסטער טייל פון איר בורא'ס
וועגן,
און עפּעס פון זיין גבורה און וואונדער און פאַרמעגן.
דען פון גרויסקייט פון קנעכט ווערט די גרויסקייט פון הארן באַקאַנט,
צו אַלע, וואָס האָבן פאַרשטאַנד.
דורכן קנעכט ווערט די שטאַרקייט און כבוד פון הארן אַנטפּלעקט —
ווייל ער טראָגט דאָס גוטס פון זיין הארן אין זיין האַנט
אויסגעשטרעקט.

יז.

ווען קען דערגיין דיינע צייכנס און כונה —
ווען דו האָסט זי געשטעלט אַנצוזויגן איר ליכט צו די שטערן פון הויך
און פון נידער און צו דער לבנה —

און שטייט די לבנה אונטער דער זון,
באַקומט זיך אַ ווייסער פלעק דערפון.
נאָר רוקט זי זיך אָפּ, שעפּט זי ליכט פון דער זון פון אירעטוועגן,
וואָס מער זי דערווייטערט זיך, אַלץ מער שטעלט זי זיך דער זון
אַנטקעגן —
און זויגט פון דער זון, ביז איר ליכט ווערט גאַנץ,
און שטראַלט פון זיך אַרויס איר פולן גלאַנץ.
און וואָס מער זי דערנענטערט זיך נאָכן האַלבן חודש צוריק —
אַלץ מער נויגט זי אָפּ זיך פון דער זון און איר בליק,
נויגט אָפּ זיך פון אַנטקעגן דער זון צו שטיין,
און טוט ביי איר זייט גיין.
דעריבער ווערט איר שיינקייט און ליכט געמינדערט, ביז עס ווערט
איר חודש און איר תקופה פאַרפּילט.
און זי טרעט אַריין אין גרעניץ פון דער זון און ווערט פאַרהילט.
און אַז די לבנה באַהעפט זיך מיט דער זון אין אירע גלוטן —
באַהאַלט זי זיך אין פאַרבאַרגעניש אַ טאָג און אַ האַלבע שעה,
און געציילטע מינוטן —
דערנאָך ווערט זי ווידער באַנייט,
און קערט זיך צוריק צו איר פריערדיקייט. —
און לויכט ווי אַ כלה, וואָס טרעט פון איר חופה אַפּער.

יח.

ווער קען דיינע וואונדער באַגרייפן און וויסן —
ווען דו האָסט די ספער פון דער זון אין אַ פינפטער געטאָן שליסן,
וואו עס געפינט זיך שטערן מאדים ווי אַ מלך אין זיין היכל,
ווי אַ פעלד־מאַרשאַל, וואָס גייט אום צווישן זיינע חילות מיט אַ שמייכל,
און ער קרייזט אום זיין ספער אין אַכצן מאָנאַטן אין צאָל,

און זיין גרוים איז לויט דער גרוים פון דער ערד אַנדערהאַלבן און אַן
אַכטל מאָל.
און ער איז ווי אַ מורא׳דיקער גבור, וועמעס העלדישער פאַנציר איז
געטונקט אין בלוט,
און ער רעגט־אָן צו מלחמות, הריגות און וואוט,
פאַרברענטע פון פייער, דערשטאָכענע פון שווערד,
און הונגער־יאָר, און שריפות און דונער און האָגל־שטיינער, וואָס פאַלן
אויף דער ערד.
דען זיינע פיס איילן און לויפן
צו טאָן שלעכטס, און מיט בלוט זיך צו באַזויפן.

יט.

וועד קען אויסדריקן דיינע מורא׳דיקייטן, ווען דו האָסט אַרום ספער
פון מאדים אַ זעקסטע געטאָן אַרומשפּינען,
מיט מעכטיקע גרויסע שטערן־סיסטעמען, וואו דער שטערן צדק טוט
זיך געפינען,
און זיין גוף איז פינף־און־זיבעציק מאָל גרעסער פאַרן גוף פון דער ערד.
וואָס אין צוועלף יאָר טוט ער באַווייזן
זיין ספער אַרומצוקרייזן.
און דאָס איז דער שטערן פון ליבע און גוטן ווילן,
ער וועקט מורא פאַר גאָט, און יושר און תשובה, און איטלאַכע
מדה־טובה, און גוטע געפילן.
און אַלע פרוכטן און תבואות פון דער ערד פאַרמערט ער,
און מלחמות און פיינטשאַפט און קריגערייַ צעשטערט ער,
און זיין טבע איז אויסצוראָטן יעדע שלעכטיקייט, —
און ער משפט די וועלט דורך גערעכטיקייט.

כ.

ווער קען אויסדערציילן דיין גרויסקייט, ווען דו האָסט איבער דער
ספער פון צדק אַ זיבעטע געטאָן ארומרינגלען —
וואו דער שטערן שבתאי אין זיין תקופה טוט פינקלען,
און זיין גוף איז ניינציק־און־איין מאָל גרעסער פאַרן גוף פון דער ערד.
און ער קרייזט אום זיין ספער אין דרייסיק יאָר פון זיין געלאָף,
און רופט־אַרויס מלחמות און בייזע קראַפט,
הונגער און געפאַנגענשאַפט.
מאַכט חרוב לענדער און וואָרצלט־אויס קיניגרייכן לויטן רצון פון בורא,
וואָס האָט אים אויף דעם געשטעלט —
צו טאָן די אַרבעט זיינע, די צעשטערנדע אַרבעט, אויף דער וועלט.

כא.

ווער קען צו דיין הויכקייט דערגרייכן —
ווען דו האָסט אַרומגערינגלט איבער שבתאי אַן אַכטע ספער אין
די הייכן;
און זי טראָגט די צוועלף מזלות אויף איר ברוסט,
און אַלע העכסטע שטערן פון הימל זיינען געגאָסן אין איר גוס;
און יעדער איינציקער שטערן פון זיי קרייזט אום זיין ספער אין
זעקס־און־דרייסיק טויזנט יאָר צוליב איר געוואַלטיקער הויך.
און דער גוף פון יעדן שטערן איז הונדערט־און־זיבן מאָל גרעסער פאַרן
גוף פון דער ערד.
און פון כח פון יענע מזלות איז אָפגעשיידט דער כח פון אַלע ברואים
פון דער וועלט,
לויטן רצון פון בורא, וואָס האָט זיי איבער דעם געשטעלט.
יעדן איינציקן האָט ער מיט זיין צוועק באַרופן,
און ביי זיין נאָמען אים גערופן —

איטלאַך איינציקן ביי זיין אַרבעט, איטלאַך איינציקן ביי זיין לאַסט.
און דידאַזיקע מזלות זײַנען הויך און דערהויבן —
זיי זיינען פירשטן צוועלף ביי זייערע פעלקער אויבן.

כב.

ווער קען דערפאַרשן דיין פאַרהוילעניש, ווען דו האָסט איבער דער
ספער פון די מזלות אַ ניינטע ספער אַרומגעפלאָסן,
וואָס רינגלט אַרום אַלע ספערן און זייערע באַשעפענישן, און זיי אַלע
זיינען אין איר איינגעשלאָסן,
וואָס פירט אַלע שטערן אין הימל און זייערע ספערן אין מעכטיקן
גאַנג,
וואָס בוקט זיך יעדן טאָג אין מערב צו איר קיניג און באַקרוינער
מיט זונאונטערגאַנג;
וואָס אַלע ברואים פון וועלטאַל זיינען קעגן איר גרויסקייט און שטאָם,
ווי אַ קערנדל זענעפט אין גרויסן ים;
און זי אין איר גרויסקייט איז קליין און נישטיק אַנטקעגן איר גאָט
און קעניג,
און אַלע אירע מעלות און גרויסקייט זיינען אים אונטערטעניק.

כג.

ווער קען פאַרשטיין די סודות פון דיין שאַפן,
ווען דו האָסט איבער דער ניינטער ספער באַשאַפן,
און דערהויבן די צענטע ספער פון שכל,
וואָס איז הייליק צו גאָט, דער אינעווייניקסטער היכל.
און דאָס איז די ספער, וואָס איז העכער פון אַלע הייכן,
וואָס קיין געדאַנק קען צו איר נישט דערגרייכן, —
און דאָס איז דאָס באַהעלטעניש, וואָס איז אַ חופה פאַר דיין כבוד.

פון זילבער פון אמת האָסטו זי געגאָסן און אויסגעגלעט,
און מיט גאָלד פון שכל האָסטו זי געפּלאָסטערט און אויסגעבעט,
און אויף זיילן פון שכל האָסטו איר אָנלען געמאַכט,
און איר עקזיסטענץ קומט פון דיין כח און דיין מאַכט,
און פון דיר און צו דיר איז איר ציל און שטרעבן —
און צו דיר איז איר גלוסטונג געגעבן.

כד.

ווער קען זיך דערטיפן צו דיינע געדאַנקען —
ווען דו האָסט פון ספער פון שכל באַשאַפן די לויטערע קלאָרע נפשות,
וואָס בלאַנקען.

דאָס זיינען די מלאכים אויף צו טאָן דיין ווילן,
וואָס טוען יעדן וואונטש דיינעם דערפילן.
די העלדן פון דיין קיניגרייך און באַהערד,
אין זייער האַנט איז דער ווירבלדיקער שווערד.
פון פערל זיינען זיי געשניטן,
און דיינע פירונגען טוען זיי היטן.
פון הייליקן פּלאַץ טוען זיי קומען,
און פון קוואַל פון ליכט זיינען זיי גענומען;
אין כתות טיילן זיי זיך איין,
און זייער פּאָן איז אויסגעקריצט פון שיין;
קומען און גייען,
פלאַטערן און ווייען.
אַנדערע זיינען געהאַקט פון פלאַמען,
פון פייער געגאָסן;
אַנדערע זיינען ווינטן, וואָס בלאָזן,
אַנדערע פייער און וואַסער צוזאַמען;
אַנדערע זיינען פייערדיקע צונגען,

אנדערע — פונקען.
אנדערע זיינען בליצן,
אנדערע — שפריצן.
און איטלאכע כתה בוקט זיך צום בורא אין הימל,
און שטעלט זיך אוים אין די טויזנטער און צענער־טויזנטער אין געווימל,

און האלטן וואך
סיי טאָג, סיי נאכט,
א לויב און א דאנק אָפּצוגעבן
צו דעם, וואָס גיט לעבן.
מיט שרעק און מיט ציטער
פאלן זיי אויפן פנים אנידער,
און זאָגן: אַ לויב און אַ דאנק דיר, גאָט, דען דו ביסט אונזער גאָט,
דו ביסט אונזער האר און מיר זיינען דיינע קנעכט,
דו ביסט אונזער באשעפער און מיר זיינען אויף דיר עדות,
דו האָסט אונז געמאכט, און ניט מיר, און מיר זיינען די אַרבעט פון דיין האנט.

כה.

ווער קען באגרייפן דיין וועזן, ווען דו האָסט העכער פון ספער פון שכל דעם כסא־הכבוד אויפגעהויבן,
און דאָרט איז די וואוינונג פון באהעלטעניש און פראכט, און דאָרט געפינט זיך דער סוד און יסוד, און ביז אהין קען דער שכל דערגיין —
און דאָרט בלייבט ער שטיין.
און פון דיין הויך האָסטו שטאָלצירט און אויף דיין מעכטיקן שטול — אויפגעגאנגען
און קיינער קען צו דיר נישט דערלאנגען.

כו.

ווער קען טאָן ווי דיינע מעשים, ווען דו האָסט אונטער דעם
כסא־הכבוד געשטעלט
אַ באַשטאַנד פאַר די נפשות פון דיינע פאַרכטיקע אויף דער וועלט,
און דאָרט איז דאָס וואוינפּלאַץ פאַר די ריינע נשמות, וואָס זיינען אין
בונט פון לעבן פאַרקניפּט —
און דאָרטן רוען די יעניקע, וואָס זיינען פאַרמאַטערט און באַטריבט.
און דאָרטן הערשט די אומענדלאַכע שיינקייט, וואָס באַזעלט —
און דאָס איז די קומענדיקע וועלט.
און דאָרטן זיינען דאָס אַנזען און געשטעלן,
פאַר די נשמות, וואָס קומען פאַרן הארן זיך צו שטעלן,
זען און ווערן געזען און געפעלן.
זיי רוען אין פּאַלאַץ פון מלך, און שטייען איבערן טיש פון מלך,
און צערטלען זיך מיט די פרוכט פון שכל.
ס'איז די רו, וואָס די גוטסקייט און שיינקייט האָבן קיין ברעג נישט —
מיט מילך און האָניק טוט זי פליסן —
און דאָס זיינען אירע פרוכטן צו געניסן.

כז.

ווער קען דיינע פאַרהוילענישן אַנטפּלעקן, ווען דו האָסט אין הימל
קאַמערן און אוצרות געמאַכט,
מורא'דיקייטן און זאַכן פון גבורות פאַרטראַכט.
פאַר די אומשולדיקע ריינע נשמות — אוצרות פון לעבן,
און אוצרות פון הילף צו בעלי־תשובה געגעבן;
און אוצרות פון פייער און טייכן פון שוועבל, וואָס פליסן.
פאַר די יעניקע, וואָס האָבן מיט דיין בונט צעריסן;
און טיפע גריבער,
וואָס זייער פייער גייט קיינמאָל ניט איבער;

די פאַרהאַסטע פון גאָט און זיין צאָרן
גייען דאָרטן פאַרלאָרן;
און אוצרות פון שטורעם און געוויטער,
פאַרגליווערטקייט און פראַכטיקייט און ציטער;
און אוצרות פון האָגל און אייז און שנייען, און היץ און הייסע
שטראָמען שוועבל,
און פינצטערניש, און חושכ׳ניש, און דאַמף, און וואָלקן און נעבל —
אַלץ האָסטו אַנגעגרייט אין זיין צייט, אויף שטראָף און אויף גנאָד —
האָסט זיי פעסטגעשטעלט, צו דערווייזן, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט.

כח.

ווער קען דערטראָגן דיין מעכטיקייט,
ווען דו האָסט פון דעם שיין פון דיין כבוד באַשאַפן פון ריינער נשמה
— די פרעכטיקייט
פון פעלז פון באַשעפער אויסגעשפריצט,
און פון פייער פון ריינקייט אויסגעבליצט;
און האָסט אָפּגעשיידט אויף איר דעם גייסט פון חכמה,
און האָסט זי אָנגערופן נשמה.
פון פלאַמפייער פון שכל האָסטו זי באַשאַפן טייער,
און דיין אָטעם ברענט אין איר ווי אַ פייער;
האָסט זי אַריינגעשיקט אין גוף אים צו היטן און באַדינען,
און זי ברענט אין אים מיט פייער, און טוט אים נישט פאַרברענען —
דער פון פייער פון נשמה איז באַשאַפן דער גוף,
און פון גאָרנישט איז דער „יש“ געקומען אויף דיין רוף —
דערפאַר, וואָס גאָט האָט איבער אים גענידערט מיט פייער.

כט.

ווער קען זיך צו דיין חכמה דערגרונטן און דערשפּאַלטן —
ווען דו האָסט אַריינגעטאָן אין נשמה דעם כוח פון וויסן, וואָס ליגט
אין איר באַהאַלטן —
אַז דאָס וויסן זאָל זיין דער קוואַל פון איר כבוד און זי באַצירן,
דעריבער קען פאַרניכטונג זי נישט באַרירן,
און ווילאַנג איר יסוד האָט אַ קיום וועט זי לעבן,
און אין דעם ליגט דער סוד אַריינגעגעבן.
און די קלוגע נשמה ווייסט נישט פון דאַרבן,
נאָר זי באַקומט פאַר איר זינד אַ שטראָף, וואָס איז ביטערער פון
שטאַרבן.
אויב זי איז לויטער און ריין לאַכט זי אויס זיך פון לעצטן טאָג,
נאָר אויב זי איז אומריין, ווערט זי נע־ונד דורך גרימצאָרן און פּלאָג.
און דורך דער גאַנצער צייט פון איר טומאה בלייבט זי אַ פאַריאָגטע,
אַן עלנטע, אַ פאַרצאָגטע;
אַן קיין שום הייליקייט טאָר זי זיך נישט אָנרירן,
און אין מקדש טאָר מען זי נישט פירן,
ביז די טעג פון איר רייןלאַכקייט ווערן פאַרפילט.

ל.

ווער קען דען באַלוינען דיך פאַר אַלע דיינע חסדים, ווען דו האָסט
דעם גוף אַ נשמה געגעבן,
אים צו דערהאַלטן ביים לעבן,
און אַ וועג פון לעבן אים געלערנט און געוויזן, פון שלעכטס אים
אָפּצוהיטן.
דו האָסט אים פון ערד געשניטן,
אַ נשמה אין אים אַריינגעווייט,

און אַ גייסט פון חכמה אויף אים אַפּגעשיידט,
וואָס דורך אים אונטערשיידט ער זיך פון דער בהמה אין פעלד,
און ווערט אויף אַ הויכער מדרגה געשטעלט.
אָן אַפּגעשלאָסענעם האָסטו אים אין דיין וועלט אריינגעשטעלט,
און ווייסט און פאַרשטייסט אַלע זיינע מעשים פון אויסנווייניק —
דען אַלץ, וואָס ער וויל פון דיר באַהאַלטן — ווייסטו,
פון אינווייניק און דרויסן זעסטו און פאַרשטייסטו.

לא.

ווער קען באַגרייפן דעם סוד פון דיין אויפטו, ווען דו האָסט באַשאַפן
פאַר די באַדערפענישן פון גוף יעדע פעולה באַזונדער —
האָסט אים אויגן געגעבן צו זען דיינע צייכן, און אויערן צו האָרכן
דיינע וואונדער,
און געדאַנק צו פאַרשטיין עפּעס פון דיינע סודות,
און אַ מויל אויף דיין רום צו זאָגן עדות;
און אַ צונג יעדן קומענדיקן דור דיין שטאַרקייט צו פאַרציילן,
ווי איך, דיין קנעכט, וואָס טוט פאַר דיר היינט שטיין, און טו מיט
שוואַכער צונג דעם מינדסטן טייל פון דיין דערהויבנקייט
דערציילן.
און דאָס זיינען די קלענסטע פון דיינע שטעגן,
און ווי מאַכטיק מוזן זיין די ברייטע וועגן.
דען לעבן גיבן זיי צו יעניקע, וואָס טוען זיי געפינען,
דורך זיי קען יעדער צוהערער דיך אויסגעפינען.
און יענער, וואָס האָט נישט געזען דיין פּראַכטיקייט,
און נישט געהערט פון דיין מעכטיקייט —
ווי וועט ער שוין דערקענען דיין געטלאַכקייט,
און ווי וועט אין זיין האַרצן קומען דיין וואָרהאַפטיקייט,
און האַלטן גרייט דאָס האַרץ פאַר זיין דינסטפאַרטיקייט.

ש ל מ ה א ב ן־ג ב י ר ו ל

דאַריבער האָט דיין קנעכט, דאָס האַרץ, געפונען
אַ קליינעם טייל פון דיינע גבורות צו דערמאָנען,
דורך דעם וועט אפשר גאָט מיין זינד פאַרגעבן און פאַרגלעטן,
און זיך לאָזן איבערבעטן. — — —

משה אבן-עזרא

משה אבן־עזרא

... און מיין ליד איז אַ צירונג פון גינגאָלד —
און וועט אייביק פאַרגעסן ניט ווערן.

א.

די העברעאישע פּאָעזיע פון שפּאַניע — דער ערשטער פּאַרזוך פון אַ וועלטלאַכער אידישער ליטעראַטור — פאַרמאָגט בלויז צוויי גרונט־קאָלירן: שוואַרץ און ווייס. עס זיינען ניטאָ קיין קאָליר־שאַטירונגען, האַלב־און פערטל־ניואַנסן; ניטאָ די שטילע בין־השמשות־שטימונגען פון דעם שפּעטערדיקן אייראָפּעאישן מענטשן, וואָס ווערט אויפגעגעסען פון ספקות און אינערלאַכע סתירות. די פּאָעטישע אויסגוסן זייערע קענען געגליכן ווערן: ענטוועדער, צו מיטנטאָגיקן זונגלוט, אָדער, צו דער מיטלנאַכטיקער פינצטערניש. דאָס אייגענע איז צו זען אין דער אוראַלטער פּאָעזיע פון אידישן פאָלק, און צום שטאַרקסטן — אין די ספרים: איוב און קהלת אויף איין זייט, רות און שיר־השירים אויף דער צווייטער זייט.

צוזאַמען מיט די אַראַבישע פאָרמען פון פּאָעזיע, די סטרוקטור און מאָזאַאישע אָרנאַמענטיק פון ליד, האָבן זיי אויך איבערגענומען דעם תוך, דעם תמצית פון דער אַראַבישער פילאָזאָפישער לעבנס־אָנשוי־אונג, איבערהויפּט בנוגע זייערע פערזענלאַכע מאָטיוון אין פּאָעזיע, זייערע שירי־חול, מאָטיוון וועגן ליבע, וויין און נאַטור; אָדן און עלעגיעס, דידאַק־טישע לידער, שפּילערייען, רעטענישן און המצאות, און אפילו מלחמה־לידער, ווי מיר געפינען זיי ביי רבי שמואל הנגיד. נאָר דידאַזיקע מאָטיוון, דורכגייענדיק דעם טיגל פון די באמת־גרויסע גייסטער פון שלמה אבן־גבירול, משה אבן־עזרא און יהודה הלוי — זיינען אַזוי געלייטערט און קריסטאַ־ליזירט געוואָרן, אַז זיי האָבן אָנגענומען דעם קאָליר און אייגנאַרטיקייט פון דער אַלטער העברעאישער פאָלקס־נשמה.

שווער איז געוון דער שפּראַכלאַכער קאַמף, וואָס די ערשטע, שמואל הנגיד און שלמה אבן־גבירול, האָבן געהאַט צו פירן, אַריינצופּאַסן זייערע וועלטלאַכע מאָטיוון אין דעם דעמאַלסטיקן ניי־העברעאיש. דאָ רעדט זיך נים וועגן זייער רעליגיעזער אָדער נאַציאָנאַלער פּאָעזיע — ווייל אויף דעם פעלד האָבן זיי געפונען פאַרטיקע אָנגענומענע באַגריפן און וואָרט־בילדער, און איבערגענוג, פון תנ״ך. דאָ ווערט אונטערגעשטראָכן די פּאָעזיע פון די נייע פערזענלאַכע מאָטיוון, וואָס זיי האָבן אַריינגעבראַכט פון אַראַביש־פערזישן קולטור־אוצר. זיי האָבן געבראַכן די שפּראַך אומברחמנותדיק, ווייל נים אַזוי לייכט האָט די שפּראַך זיך געלאָזט בויגן פאַר די נייע באַגריפן. שלמה בן־גבירול, וואָס זיינע מאָטיוון זיינען על־פּי רוב אַבסטראַקט־אידייאישע, האָט, רעלאַטיוו, געהאַט אַ פיל לייכטערע ארבעט צו מייסטערן דעם פערז, ווי משה אבן־עזרא. אבן־עזרא, דער פּאָעט פון בילדלאַכקייט, פון סקולפּטאַריש־אויסגעהאַקטן פערז, האָט געהאַט אַ ריזיקן קאַמף אויסצושטיין, איידער די פאָרם האָט זיך אים געגעבן. דערפון נעמט זיך דאָס געפיל, וואָס מיר האָבן, לייענענדיק זיינע לידער, אַז עס איז נים העברעאיש, נאָר אַ פאַרוואַנדטע קענטלאַכע שפּראַך, וואָס איז פיקאַנט מיט איר עקזאָטישקייט.

די חתימה פון די פרעמדע קולטורן איז אויף קיינעם פון אַלע פּאָעטן פון יענעם דור נים אַזוי קענטיק, ווי אויף משה אבן־עזרא. זיי זיינען אַלע געווען פאַרברידערט אין גייסט מיט די אַראַבישע שאַפער פון קולטור אויף אַלע געביטן פון מענטשלאַכן גייסט, און אַלע האָבן זיי געשריבן זייערע פילאָזאָפישע ווערק אויף אַראַביש, נאָר קיינער פון זיי איז נים געווען אַזוי אָנגעזאַפּט אין עצם און מהות מיטן דאָזיקן גייסט ווי משה אבן־עזרא. עס נעמט זיך געוויס דערפון, וואָס שלמה אבן־גבירולס גאונות האָט געפונען אויסדרוק אין דעם אַלטן אידיש־רעליגיעזן געמיט־צושטאַנד, און דער שפּעטערדיקער יהודה הלוי — אין צער פון זיין אומה און אירע האָפענונגען — אַלץ מאָטיוון, וואָס האָבן זיך, אויסער אין דער פאָרם, נים געלאָזט באַאיינפלוסן צו־שטאַרק פון אַ דרויסנדיקער, הגם זייער נאָענטער, קולטור. דאַריבער איז די אַראַבישע השפּעה אויף זיי נים אַזוי ניכר, ווי אויף משה אבן־עזרא.

עס איז אמת, אַז ביז מיט נעגוויע הונדערט יאָר צוריק איז משה אבן־עזרא געווען באַקאַנט בלויז אַלס רעליגיעזער פּאָעט. עס זיינען פאַראַן ביז איבער צוויי הונדערט פיוטים און סליחות פון זיין פען, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען צו אונז פון אַלטע סדורים און מחזורים. אָבער נים אין די סליחות און פיוטים ליגט משה אבן־עזרא׳ס אמתע קראַפט. עס איז אין זיי נים אָ

יענער מיסטישער פייער, וואָס ברענט אַרוים פון שלמה אבן־גבירול׳ס רע־ליגיעזע לידער, און ניט יענער אויפריכטיקער האַרציקער פּאַטאָס פון יהודה הלוי, אָדער אפילו פון אברהם אבן־עזרא. משה אבן־עזרא דערשיינט פאַר אונז אין זיין פולער גרויס בלויז אין זיינע אינדיווידועלע לידער: אין זיין „ספר התרשיש״ און די סקולפּטאָרישע לידער פון זיין דיוואַן.

ב.

די תקופה פון אידן אין שפּאַניע איז אפשר די ראָמאַנטישסטע אין אונזער גאַנצער געשיכטע, און פּונקט אַזוי ראָמאַנטיש זיינען אויך די פיגורן פון די גרויסע שפּאַניש־העברעאישע פּאָעטן. שלמה אבן־גבירול׳ס לעבן איז די ראָמאַנטיק פון גייסט, פון שאַפנדן געדאַנק, וואָס איז גובר אַלע שטערונגען און שטרויכלונגען פון דער וועלט פון גשמיות. יהודה הלוי איז דער אידעאָלאָגישער ראָמאַנטיקער פון אַ גאַנצן פאָלק אין גלות, דער פּאָטער פון דער אייביק־אידישער אידייע פון שיבת־ציון און דער טרוימער פון אירע טרוימען. משה אבן־עזרא איז דער ראָמאַנטיקער פון דער אינדיווידועלער פּערזענלאַכקייט, דער פּאָעט־עסטעט פון אינדיווידועלן אויסדרוק, פון די פּערזענלאַכע ליידן און פריידן פון דעם יחיד.

די פאַמיליע אבן־עזרא ווערט געציילט צווישן די סאַמע שענסטע און אַדעליקסטע פון שפּאַנישן אידנטום, און האָט געצויגן איר יחוס ביז צו די אַדללייט פון ירושלים. זייער עלטער־זיידע, דער נשיא חסדאי אבן־שפּרוט, איז געווען דער ערשטער גורם איינצופלאַנצן וועלטלאַכע חכמה און פּאָעזיע צווישן אידן אין שפּאַניע — און די אייניקלאַך האָבן אָנגעהאַלטן דעם זיידנס טראַדיציע. „זייערע מידות זאָגן עדות, אַז זיי שטאַמען־אָפּ פון מלכים און פּרינצן״ — אַזוי דריקט זיך אויס דער כראָניקער רבי אברהם אבן־דאוד וועגן די פיר ברידער פון דער אבן־עזרא־משפּחה. נאָר דער געניוס פון דעררעזיקער פאַמיליע איז געקומען צום העכסטן אויסדרוק אין דעם דריטן פון די ברידער, אין משה אבן־עזרא׳ן.

ער איז געבוירן געוואָרן בערך אין 1070 אין גראַנאַדע. זיין רבי איז געווען דער געלערנטער און פּאָעט רבי יצחק אבן־גיאת. צוזאַמען מיט טיפע אידישע למודים האָט ער אויך באַקומען אַן אַלזייטיקע וועלטלאַכע בילדונג. ער איז געווען אַ גרויסער קענער פון דער אַראַבישער פּאָעזיע און האָט גרינט־לאַך געקענט די לאַטיינישע שפּראַך.

מיט זיין דערשיינען האָט זיך אַ גרויסער שטראָם פרייד אַריינגע־טראָגן אין דער ניי־העברעאישער פּאָעזיע. עס זיינען דערהערט געוואָרן

אזוינע מאַטיוון, וואָס זיינען, מיט קליינע אויסנאַמען, ביז אים געווען פרעמד און אומבאַקאַנט אין אונזער אַלטער פּאָעזיע. די לידער פון וויין און פון ליבע, און די פּלאַסטישע ברייטע נאַטור־שילדערונגען מיט זייער אייגנאַרטיקן חן און אָריענטאַלן פּאַרפום. פון דער רייכער און פריידיקער פּערזענ־לאַכקייט פון יונגן פּאָעט האָט געשריען מיט פרישקייט און יוגנט:

ס'האָט אַ זון אין דער נאַכט פון מיין ליבע
זיך צעשטראַלט אין דער פינצטער מיט שיין;
ס'איז דאָס מויל פון געליבטער אַ בעכער,
פול מיט גאַלדיקן, דופטיקן וויין — — —

מיט וואָס פאַר אַן אויג פאַר קאָלירן ער זעט די פּראַכטיקע שפּאַנישע לאַנד־שאַפט; מיט וואָס פאַר אַ חן און פאַרליבטקייט ער זינגט וועגן דער פריי־לאַכער מסיבה, וואָס זיצט אַרום וויין־טיש אין צעבליטן גאָרטן; מיט וואָס פאַר אַן אַנטציקן ער באַגריסט דעם וואונדער פון דער ערשטער פרילינג־רויז:

פון איר קנאָספּ האָט זי באַפרייט זיך,
און זי פּלאַטערט אויפן ווינט. —
ווער עס טרינקט פאַר איר קיין וויין ניט,
יענער טוט באַגיין אַ זינד.

צו יענער צייט געהערן בלי־ספק די ערשטע קאַפּיטלען פון זיין „ספר־התרשיש", יענע קאַפּיטלען, וואו ער רעדט וועגן נאַטור, די פריידן פון ווינשטאָק, פרויען און ליבע. אין דערדאָזיקער גרעסערער פּאָעמע באַווייזט דער פּאָעט ממש וואונדער אין טעכניק און פאָרם. דאָס זיינען מערסטנס פיר־שורהדיקע לידער, וואָס גראַמען זיך מיט ווערטער פונזעלבן קלאַנג, נאָר די ווערטער האָבן פאַרשיידענע באַדייטונגען. דאָס איז אַ העכסט־קאָמפּליצירטע פאָרם, וואָס בלויז אַזאַ ריזיקער טאַלאַנט, ווי משה אבן־עזרא'ס, האָט געקענט נעמען — און אַרויסקומען גאַנץ. די לידער זיינען רונד, אָפּ־געטאָקט, און געבן־איבער אין אַ געפּרעסטער פאָרם, אין אַ מינימום פון ווערטער — אַ מאַקסימום פון איבערלעבענישן אין בילדער. אָט איז איינס פון די לידער וועגן וויין:

נעם דעם קרישטאָלענעם בעכער און זאָג:
פון לבנה־שיין איז ער געגאָסן;
קניט ער צום קרוג זיך אַרונטער נאָך וויין —
ווערט זונשיין אין אים אַנגעגאָסן.

און אַט איז נאָך איינס, וואו דער פּאָעט דריקט־אויס זיין באַגייסטערונג פאַר דער רייכער נאַטור:

אין פרייען פעלד, אין בייטן, מאַך דיין וואוינונג:
אין מירטן־שאָטנס קילע גיין און שטיין;
און זען די טראָפּנס טוי אויף גרינע בלעטער,
ווי קערנדלאַך קרישטאָל און דימענט־שטיין.

אין דידאַקטיקע לידער האָט דער פּאָעט דערגרייכט דעם סוד־הצמצום. איך ווייס פון נאָך איינעם אַן אַלטן פּאָעט, וואָס האָט אויך געוואוסט דעם־דאָזיקן סוד — און דאָס איז דער אַלטער פּערזישער חכם אָמאַר־כאַיאָם. די קליינע לידער פון תרשיש האָבן מיט זייער ליכטיקער חכמה און גע־לייטערטן געדאַנק גאָרנישט ניט מיט וואָס זיך צו שעמען אַנטקעגן די קלוגע רייד פון רובאַיאָט.

ג.

דערנאָך איז געקומען דער איבערברוך אין משה אבן־עזרא׳ס לעבן.

דער יונגער פּאָעט פאַרלירט די ירושה, וואָס איז אים געבליבן נאָך זיין פאָטערס טויט. ער איז אָרים און מוז אָנקומען צו זיינע רייכע ברידער. ער פאַרליבט זיך אין זיין ברודער יצחק׳ס טאָכטער. ווי עס זעט אויס, האָט זי אים אויך ליב געהאַט, — נאָר די גאַנצע משפחה האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן שידוך, און דער פּאָעט ווערט כמעט אַרויסגעשטויסן פון דער משפחה. פאַר כעס און פאַרצווייפלונג פאַרלאָזט ער זיין היים, די אַראַבישע שפּאַניע, וואָס איז געווען דער צענטער פון וויסנשאַפט, פּאָעזיע און פרייען געדאַנק, און וואַנדערט־אויס אין קאַסטיליע, אין דער קריסטלאַכער שפּאַניע, וואו עס האָט געהערשט די מיטלאַלטערלאַכע פינצטערניש.

טריט־ביי־טריט גייען מיר נאָך דעם באַליידיקטן פּאָעט, און מיר לייענען אַרויס די כראָניק פון זיין וואַנדערלעבן פון זיינע לידער. זיין ביטערער כעס, זיין אָפּגעגאַרטע ליבע, זיין אַנטוישונג אין פאַמיליע און פריינט און זיין צעבראָכן לעבן — זיינען דראַמאַטיש, זיינע איבערלעבונגען, די פיזישע, אַזוי די גייסטיקע, — שאַרף און בולט. אין זיינע לידער־וואַנדערונגען צו זיין אינגערן חבר־פּאָעט יהודה הלוי, צו זיינע ברידער און נאָנטע באַקאַנטע, ווערן זיינע איבערלעבענישן רעגיסטרירט גענוי מיט אַלע איינצלהייטן. זיין פאַרביטערונג איז אַזוי שאַרף און זיין בילדלאַך וואָרט — אַזוי שטאַרק, אַז ווען ער רעדט וועגן דעם אומרעכט, וואָס זיינע ברידער זיינען אַנטקעגן

אים באַגאַנגען, הילכט אַרוים ווי דאָס קנאַלן פון אַ בייטש פון זיינע צאָרנ־דיקע שורות.

פון יונגן, זאָרגלאָזן, שפּילעוודיקן פּאָעט איז געוואָרן אַן עלנטער, אין־זיך־פאַרטיפטער חכם. אָרים און פאַרביטערט, צווישן מענטשן, וואָס „דאָס ליכט פון אמת איז פון זיי פאַרבאָרגן", וואַנדערט דער דיכטער אין דער פרעמד און די גרויסע בייִנקשאַפט עסט אים דאָס האַרץ. די געפילן פון ליבע און בייִנקשאַפט שטייגן צוזאַמען מיט זיין ביטערניש און כעס — איין געפיל איז גובר דאָס אַנדערע, און ווידער פאַרקערט. און וויבאַלד, אַז זיין פערזענלאַך לעבן אויף דער ערד איז צעבראָכן — קערט זיך דער פּאָעט אָפּ פון דער וועלט מיט פאַראַכטונג, און לאַכט מיט אַ ביטער געלעכ־טער פון אַלע אירע פריידן. צו יענער צייט געהערן אַ סך פון זיינע סליחות און פּיוטים, און זיינע פּראַכטפולע מעדיטאַציעס וועגן לעבן און טויט. זיין צאָרן געפינט דעם קרעפטיקסטן אויסדרוק אין צענדליקער לידער, און, צום שטאַרקסטן, אין זיין ליד: „תבל, תני לבד".

וועלט, גיב דיין האַרץ, און די אויגן
צעעפן, און אויער שפּיץ־אָן;
און הער־אוים דעם אמת פון איינעם,
וואָס האָט דיך דערפאַרשן געטאָן.

אָבער צו רעזיגנאַציע איז ניט געקומען. ער האָט געוואָלט „זיך אויס־לאַכן פון יעדן צוזאָג אויף גליקן, און וואַרפן דער וועלט אין פּנים דעם גט" — נאָר ניט געקענט. און אפילו אין זיינע תפלות, דאָרט, וואו ער שטייט אין זעלבסט־פאַרגעסנקייט פאַר זיין באַשעפער אין הימל, קען זיין האַרץ ניט פאַרגעסן דאָס מענטשלאַכע שלעכטס און קען ניט פאַרגעבן:

עס האָבן מיך מענטשן געוויייטיקט געמיין,
גערעדט צו מיר גוטס, און געביסן מיט די ציין —
זאָל קומען פאַר דיר היינט דאָס מענטשלאַבע שלעכטס,
דורך טאָג און דורך נאַכט.

ענדלאַך האָט צו אים, אין זיין פינף־און־פערציק יאָריקער עלטער, דערגרייכט די ידיעה, אַז זיין געליבטע איז אין אַ קימפּעט געשטאָרבן. „האָט געבוירן אַ זון נישט צום האַלדזן". ער דערוויסט זיך, אַז פאַרן טויט האָט זי דערמאָנט זיין נאָמען מיט ליבע — און דער געבראָכענער אָבער שטאָלצער פּאָעט מאַכט שלום מיט וועלט און מענטשן. וואָס זיין אַנגעוויי־

טיקט הארץ האָט ניט געקענט פּועלן ביי זיך ביי איר לעבן — איז אים אַזוי לייכט און פאַרשטענדלאַך אָנגעקומען איבערן קבר פון זיין ניט־רעאַליזירטן חלום. דער פּאָעט האָט ענדלאַך באַגריפן און פאַרשטאַנען — און רעזיגנירט. זיין כעס און ביטערניש ווערן פאַרשוואונדן. ער באַקלאָגט זיינע פאַרשטאָר־בענע ברידער אין אויפריכטיקע גליענדיקע פערזן. ער איז שוין זיין גאַנץ לעבן געבליבן געטריי צום אָנדיינק פון זיין געליבטער און קיינמאָל ניט חתונה געהאַט. ער איז געשטאָרבן אין 1139, אויפן נייַן־און־זעכציקסטן יאָר פון זיין לעבן — און זיין לעבנסלאַנגלאַכער פריינט יהודה הלוי האָט אים באַוויינט מיט האַרציקע הספדים־לידער.

ד.

די פיגור פון משה אבן־עזרא וועט ניט אַרויסקומען גאַנץ, אַלזייטיק — אויב מיר זאָלן ניט באַטראַכטן זיין גרעסער ווערק, זיין ספר וועגן דער אידישער פּאָעזיע*). דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן אין זיינע עלטערע יאָרן, ווען אַלע זיינע לײדנשאַפטן און ביטערנישן האָבן זיך שוין געהאַט איינגעשטילט — און דער פּאָעט איז ביכולת איבערצוגעבן זיינע איינדרוקן און ליטעראַרישע טעאָריעס אויף אַ געלייטערטן קריסטאַליזירטן אופן. ער באַהאַנדלט די רעטאָריק פון ביידע שפּראַכן — העברעאיש און אַראַ־ביש — און גיט אַ געשיכטלאַכע קריטיק פון דער העברעאישער פּאָעזיע, פון איר סאַמע געבורט אויפן שפּאַנישן באָדן, ביז זיינע לעצטע טעג. זיינע באַמערקונגען זיינען לויטער און טרעפלאַך, מיט אַ פיינעם געשמאַק פאַר מענ־טשען און געשעענישן. זיינע ידיעות און בקיאות אין די ליטעראַטורן פון ביידע שפּראַכן זיינען אומגעהויער גרויס. די מעמוּאַרן זיינע וועגן פּאָעטן און חכמים, וואָס ער האָט באַגעגנט, זיינען שאַרף און פריש געצייכנט, און זיין אָפּשאַצונג איז געלונגען, בכלל איז דאָס אַ בוך, אין וועלכן מיר דערפילן די עפּאָכע און די אַטמאָספער פון יענער צייט.

מיר ווילן אויסקלייבן אַ פּאָר בלעטער פון זיין לעבן, דאָרטן, וואו דער פּאָעט כאַראַקטעריזירט זיך אַליין, און מיר וועלן אים לאָזן רעדן אויף זיין אייגענעם שטייגער:

---

*) דאָס בוך „שירת ישראל" איז איבערגעזעצט געוואָרן פון דעם יונג־פאַר־שטאָרבענעם געלערנטן בן־ציון האַלפער און איז דערשינען אין יאָר 1924. אַלע ציטאַטן פון משה אבן־עזרא אין דעם בוך זיינען גענומען פון זיין איבערזעצונג.

* * *

אין מיינע יונגע יאָרן האָב איך באַטראַכט פּאָעזיע אַלס אַ מעלה, מיט וועלכער אַ מענטש קען זיך איבערנעמען, און, לויט מיין מיינונג, פאַר־דינען מיינע לידער באַקאַנט צו מאַכן מיין נאָמען. אָבער שפּעטער האָב איך פאַרלאָזט און אָוועקגעוואָרפן די פּאָעזיע, ווי דער הירש, וואָס אַנטלויפט פון זיין אייגענעם שאָטן, ווייל איך האָב געגאַרט זיך אָפּצוגעבן מיט העכערע ענינים.

אמתדיק, איך לעב אין אַ דור, אין וועלכן דער צושטאַנד פון חכמה איז ניט זייער געהויבן, און מענטשן באַגייען זיך ניט פיין מיט חכמים און שרייבער. איך האָב פאַרבראַכט מיינע יונגע טעג און דורכגעמאַכט מיינע יונגע יאָרן לויטן שפּרוך פון אונזערע אַמאָליקע חכמים: „די צייט האָט אים באַגעגנט מיט אירע ליידן אין די יונגע יאָרן, און אירע פיילן האָבן אים באַשאָסן — אָבער די בעסערע זאַכן זיינען געקומען צו זיין עלטער". אויך אבן־גבירול, גאָט זאָל זיך אויף אים דערבאַרעמען, האָט אַנ־געדייט אויף דעם אויבנדערמאָנטן ענין אין זיינע פערזן:

> נאָך וואָס דאַס רעדן? ס'איז געווען אַ וואוילע וועלט —
> נאָר איך בין אויף דער וועלט צו־שפּעט געקומען.

מענטשן פון גייסט זיינען פרעמד צום נאַרישן המון. די מענטשן פון אונזער דור זיינען געגליכן צו בוימער אין אַ וויסטן לאַנד: זיי האָבן ניט קיין שאָטן און קיין גרינע צווייגן. די ווענט פון אַ בית־עלמין, וואָס מען קען זיך צוזעצן אין זייער שאָטן, ברענגען מערערע נוצן און האָבן גרעסערע פאַרדינסטן ווי די מענטשן.

בנוגע מיר — בין איך ניט פון די יעניקע, וואָס באַקלאָגן זיך אויף די אומשטאַנדן, און ניט פון די יעניקע, וואָס טאַדלען דיראַזיקע מידות פון אונזערע צייט־חברים. און איך האָב דערפאַר צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל איך האָב פאַרזוכט ביידע עקסטרעמען פון דער צייט, און גוטס און שלעכטס זיינען אויסגעפאַלן אויף מיין גורל, און צווייטנס, ווייל גאָט האָט מיט מיר געטאָן חסד, און איך בעט ביי אים, ער זאָל מיר העלפן אים לויבן דערפאַר — איך זאָל ניט בלייבן אומדאַנקבאַר; ער זאָל מיר העלפן זיך באַגנוגענען מיט ווינציק, זיך צופרידנשטעלן מיט אַביסל און זיך אונטערוואַרפן צו דעם, וואָס עס איז מיר באַשערט.

און איך בין אַ רייכער אָרימאַן, אַן אביון, וואָס פאַרמאָגט אַ סך — וואָרים עס איז ניטאָ קיין גרעסערע אָרימקייט פון נאַרישקייט, און עס איז ניטאָ קיין איינזאַמערער מענטש פון דעם יעניקן, וואָס האָט זיך אַליין ליב. און איך פאַרלאָז מיך אויף גאָט, אַז ער וועט שפּייזן מיך און מיינע טרייע ברידער — ביז דער צייט, ווען מיר וועלן פאַררייזן צום וואוינונג פון גליקזעליקייט און באַלוינונג, זיך אַרויסציען פון דער מיאוסער וועלט צו אַ וועלט פון לויטער גליק און גוטס, אויב מיר'ן ווערט זיין דערצו.

זיך אומצוקערן צו אונזער ענין: דאָך אינגאַנצן אויפגעהערט שרייבן — האָב איך ניט, און ביי אַ געלעגנהייט האָב איך זיך דערצו אומגעקערט. פון מיינע געמאָסטענע לידער גייען אַרום צווישן עולם איבער זעקס טויזנט פערזן מיינע אויף פאַרשיידענע ענינים; זיי זיינען פילפאַרביק, ווי פילפאַרביק עס זיינען די מענטשן. פיל פון זיי זיינען ליבלידער צו ברידער און פריינט, עלעגיעס אויפן טויט פון אייגענע ליבע מענטשן. אייניקע פון זיי האָב איך געשריבן פון מיין אייגענעם פאַרגעניגן־וועגן, און אַנדערע — כדי אויפצולעבן דעם אָנדיינק פון אַ פאַרגעסענעם טויטן.

און וואָס איז שייך שטיפערישע לוסטיקע לידער, וואָס גייען אַרום פון גדר פון די שיינע זאַכן, וואָס זיינען ווינציק, און פאַלן אַריין אין כלל פון די מיאוסע זאַכן, וואָס זיינען אַ סך — האָב איך זיך מיט זיי ווינציק אָפּגעגעבן, און איך וויל זיך ניט אָפּשטעלן זיי צו דערמאָנען. אַזעלכע לידער זיינען ניט מער ווי פעלערן פון די אינגלשע יאָרן, ווי ליבע־לידער, פזמונות און אויסגעפּוצטע מליצות. דער חלק, וואָס מיר איז אויסגעפאַלן אויף מיין מזל — איז אַ פיל בעסערער. לידער פון אַ סאַטירישן אינהאַלט אויף באַוואוסטע פּערזאָנען — האָב איך קיינמאָל ניט געשריבן, הגם דאָסדאָזיקע מין ליד איז דאָס לייכטסטע און גרינגסטע צו שרייבן, וויל עס איז לייכטער צו צעשטערן איידער צו בויען. מיט גאָט'ס חסד האָב איך קיינעמס כבוד ניט אָנגערירט, און קיינער האָט מיין כבוד ניט אָנגערירט.

קורצע עסייען

(פון משה אבן־עזרא׳ס בוך „שירת־ישראל“)

ווענן דער העברעאישער שפראך:

...און צוליב דעם, וואס מיר געפינען זיך א לאנגע צייט אין גלות, איז די העברעאישע שפראך פארגעסן געווארן, באשעדיקט געווארן און זיך אפגעשטעלט, אדער אזוי גוט ווי אפגעשטעלט. עס איז קיין שריד־ופליט ניט געבליבן פון דער העברעאישער שפראך, אחוץ די פיר־און־צוואנציק פארהייליקטע ספרים, וואס האבן אריינגענומען פון דער שפראך בלויז יענע ווערטער, וואס זיינען נויטיק געווען אויסצודריקן די געדאנקען און ענינים, וועלכע די ספרים באהאנדלען. פון דידאזיקע ספרים האט אונזער פאלק גענו־מען די יסודות צוזאמפצושטעלן זיינע תפילות און בקשות, לויב־און שטראף־לידער, זיינע קינות און קלאג־לידער, און אלע אנדערע אופנים פון ווארט און מליצה. און מיר וואלטן טאן גוט, אויב מיר׳ן זיך אויסהעלפן מיט דער שפראך פון משנה — ווייל אירע ווערטער זיינען ריין־העברעאישע, הגם עס געפינען זיך אין איר גאנץ אפט אויסדרוקן, וואס זיינען ניט אין איינקלאנג מיט דער גראמאטיק. מיר מוזן זיך אבער רעכענען מיט דער מסורה פון די חכמי־המשנה, ווייל זיי האבן געלעבט אין א צייט, וואס איז געווען זייער נאנט צו דער תקופה, ווען די שפראך איז נאך געווען אין איר גאנצער פולקייט.

ווענן רבי שמואל הנגיד:

...ער, גאט זאל אים באוויליקן, איז נערופן געווארן צו דער ישיבה של מעלה און איז געשטארבן אין דריי־און־זעכציק־יאריקער עלטער, אין אכטן יארהונדערט, לויט אונזער צייטרעכענונג. ער האט געהאט אסך ניט־פארגינער און פעלער־זוכער, וואס זיינען באלד דערנאך געקומען און געפונען פעלערן אין וועלכע פון זיינע פערזן — ווייל ער איז ניט געווען גענוג

אָפּגעהיט אין דקדוק. זיינע שונאים זיינען אים באַפּאַלן ווי די בייזע חיות באַפּאַלן די שאָף, אָדער ווי דער שפּאַרבער באַפּאַלט די שטוביקע עופות. זיי האָבן אים געשענדט אין זייערע חבורים און זיינען אים באַפּאַלן אין זייערע ספרים. זיי האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט אים, ווען ער איז שוין געווען אין קבר, און געריסן פון אים, אַ טויטן, פּאַסנווייז. די מעשים פון דידאַזיקע מענטשן גייען אַנטקעגן רעליגיע, מענטשלאַכקייט און יושר, און עס האָט זיך ניט געפּאָדערט דערצו קיין גרויסער מוט. מיר האָבן שוין גערעדט איבערגענוג פון דער מיאוסער מחלוקה, וואָס איז אַריינגעפאַלן צווישן אים און זיינע מתנגדים. און באמת טאָר מען זיך אויף דעם ענין מער ניט אָפּשטעלן, ווייל דידאָזיקע מענטשן וועלן דאָך שוין מער ניט זינדיקן, און די מיאוסע מעשים זייערע — מער ניט איבערחזרן, ווייל די בעלי־מחלוקה זיינען דאָך שוין איינגעזאַמלט געוואָרן צו גאָט און די באַליידיקער און דער באַליידיקטער זאָלן זוכן סליחה־ומחילה ביי גאָט, און ער איז דער פאַרגיבער און דערבאַרעמדיקער. עס איז נאָר אַ גרויסער וואונדער, וואָס דידאָזיקע מענטשן האָבן אים ניט געקענט מוחל זיין זיינע קליינע פעלערן, און האָבן פאַרגעסן זיין פּרוכטבאַרע אַרבעט און אויסגעצייכנטע שאַפונגען אויף אַלע געביטן פון הלכה און שפּראַך־פאָרשונג, און זיינע גרויסע פאַרדינסטן אלס שטאַטסמאַן.

וועגן דערפאָלג אין לעבן:

דערפאָלג קען נישט דערגרייכט ווערן — סיידן דורך אַסך מי. אַ מענטש קען נישט קומען צו מנוחה — סיידן דורך צער, און ער קען נישט דערגיין צו אַ לעבן פון פרייד — סיידן דורך אַסך ליידן. די ערד איז אַ היץ און אַ קעלט נישט צוגעגרייט צום זייען. דו קענסט נישט צוקומען צו דעם, וואָס דו האָסט ליב — אויב דו ליבסט ניט מער ווי דו האָסט פיינט; און דו קענסט זיך ניט באַפרייען פון דעם, וואָס דו האָסט פיינט — אויב דו ליידסט ניט פיל מערער, ווי דו האָסט ליב. פאַרנעם זיך מיט חכמה — ווייל אַ קורץ לעבן מיט אַסך חכמה איז בעסער פון אַ לאַנג לעבן מיט ווייניק חכמה. אויב דו ווילסט ניט טראָגן די לאַסט פון לערנען, וועסטו טראָגן אין זיך דעם צער פון נאַרישקייט.

וועגן דער חכמה פון ליד:

לאָז זיך אַרונטער אין ים פון געדאַנק, און ברייננ־אַרויף די טייערע פּערל. צי זיך צוריק פון פאַרפלאָנטערטע זאַכן און פוסטע ווערטער. אַנטלויף

פון קרומע רייד און דערוויטער זיך פון משונהדיקע אויסדרוקן. דיינע רייד זאָלן זיין פּשוט, זיי זאָלן ניט דאַרפן אָנקומען צו פּירושים; און דיין מיין זאָל זיין פאַרשטענדלאַך, ער זאָל ניט דאַרפן זיך באַגרינדן אויף ראיות. דער בעל־שכל לערנט פריער איידער ער נעמט זיך עפּעס טאָן. דער געמיט־צושטאַנד פון פּאָעט טוט זיך אָפּ בייטן: פאַראַן אַ צייט, וואָס דער פּאָעטי־שער געדאַנק איז אים געהאַרכזאַם, און אַ צייט, וואָס ער לאָזט זיך ניט באַ־הערשן. ווען אַ מענטשנס נשמה איז פול מיט דאגות קען ער קיין ליטעראַ־רישע זאַכן נישט שאַפן. אויב דו שפּירסט, אַז דו באַזיצסט די פּייאיקייט — פאַרנעם זיך מיט ליטעראַטור, און קיין מאַטעריאַל וועט דיר ניט פעלן; אויב אָבער דו ביסט אַ פוילער בטבע, צי זיך צוריק פון אַזעלכע ענינים — ווייל דו וועסט ניט זען אין זיי קיין מזל־ברכה.

וועגן פּאָעטן:

איינמאָל איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע: וועלכער פּאָעט איז דער בעסטער? איז געקומען דער ענטפער: דער בעסטער פּאָעט איז יענער, וועמעס טרויער עס אָנטציקט אונז, און וועמעס הומאָר עס מאַכט אונז שמייכ־לען. און עס איז אויך געזאָגט געוואָרן: דער ערגסטער פּאָעט איז דער מיטל־מעסיקער. דערדאָזיקער ענין קען גענליכן ווערן צו וואַסער: דער פּאָעט דאַרף זיין אָדער זייער הייס, אָדער זייער קאַלט. דער ערשטער דערוועקט אין אונז באַוואונדערונג און אַנטציקונג, און דער צווייטער וואַרפט־אָן אויף אונז אַ טרויער, — אָבער דער מיטלמעסיקער, דער לעבלאַכער, איז לחלוטין אַ ניט קיין געווינטשטער.

וועגן די פּסעוודאָ־פּאָעטן:

דורך די אַלע פאַרגאַנגענע אויבנדערמאָנטע דורות האָבן אויך ניט אויס־געפעלט ביליקע פאַרדעכטיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט מאַכן פערזן. זיי זיינען געווען געשלאָגן מיט נאַרישקייט, פאַרטאָן אין זייער אייגע־נער גרויסקייט. זיי זיינען געווען פאַרליבט אין זיך אַליין און זיך אָפּגעקערט פון גוטס. עס האָט זיי געפעלט די קראַפט זיך אַליין איבערצואוועגן צום גוטן און אָנצונעמען דעם ריכטיקן קוק אויף זאַכן. זייער לייכטזין האָט זיך איבער זיי געשטאַרקט, און זיי האָבן קיין באַגריף ניט געהאַט פאַרן זין פון וואָרט און קיין פאַרשטענדניש ניט געהאַט פאַר אמתער פּאָעזיע. זיי האָבן געמשפּט אויבערפלעכלאַך איבער יעדן ענין, און האָבן זיך געיאָגט צו שרייבן לידער,

און זיך געריסן צום פערד. די אַמאָליקע חכמים האָבן געזאָגט: „בלויז דער גרויסער מענטש, אָדער דער נאַר, יאָגט זיך צו שרייבן". נאָר דידאַזיקע מענטשן גייען אויף איין וועג, און די אמתע פּאָעטן גייען אויף אַנאַנדער וועג.

וועגן איבערזעצן:

אויב דו ווילסט איבערזעצן אַ זאַך פון אַראַביש אין העברעאיש — נעם בלויז דעם געדאַנק און כונה פון דער זאַך, און איבערזעץ ניט ווערטערלאַך, ווייל איין שפּראַך איז ניט גלייך צו דער אַנדערער. ס'איז גוט אַריינצוברייינגען דעם געדאַנק פון אָריגינאַל אין די שענסטע ווערטער, וואָס דו געפינסט אין דער שפּראַך, אויף וועלכער דו איבערזעצסט.

וועגן די בייזע צינגער:

זאָלסט זיך היטן פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט צוויי פּנימער און צוויי הערצער, און פאַר דעם צבועקישן חונף, וואָס ווייזט דיר אַ שמייכל אויפן פּנים און טראָגט דיך אַ שנאה אין הארצן. דער אָפּנאַרער האָט אַ נטיה צו זאָגן ליגן מחמת ער האָט קיין כוח ניט. דערהויפּט זאָלסטו זיך דערווייטערן פון דעם שפּיציקן דאָרן, פון דער עדה חונפים, וואָס פאַרט צוזאַמען יראת־שמים מיט מורא פאַר מענטשן. זיי ווייזן אויס ווי פּרושים פון דער וועלט, ווייל זיי זוכן דורך דעם זיך צו דערהויבן. זיי זיינען געגליכן צו דעם יעניקן, וואָס זוכט אויסצולעשן אַ פייער מיט אַ הויפן שטרוי. זיי אַ פריינט בלויז מיט דעם יעניקן, וואָס קען האַלטן אַ סוד. פּלאַטאָ זאָגט: „אויב עמיץ ליבט דיך פאַר אַ שיינער מידה, וואָס דו באַזיצסט ניט, ווען ער דאַרף צו דיר אָנקומען — וועט ער דיך שענדן פאַר אַ מיאוסער מידה, וואָס דו באַזיצסט ניט, ווען ער וועט אויף דיר בייז ווערן". דערקענען זיך אַליין — זאָל זיין טייערער ביי דיר אין די אויגן פון אַלע ליבגעזאָגנגען, וואָס מענטשן גיבן דיר. און די רייד, וואָס דו הערסט פון אַ מענטשן, ווען ער דאַרף צו דיר אָנקומען, זאָלן דיך ניט פאַרפירן — ווייל מענטשן זיינען קינדער פון דער וועלט; אַז די וועלט לאַכט מיט דיר, לאַכן זיי אַלע מיט — אָבער, קערט זי זיך אָפּ פון דיר, קערן זיי זיך אַלע אָפּ מיט איר צוזאַמען.

משה אבן־עזרא וועגן זיך אליין:

פראגע: צי האט ער גופא אפגעהיט אלע כללים פון ליד, און צי האט ער אליין זיך אויסגעהיט פון די פעלערן, אויף וועלכע ער מאכט אויפמערקזאם אין זיין בוך וועגן פאעזיע?

ענטפער: ניין! איך בין זיך מודה, אז איך האב אין דעם פרט גע־זינדיקט צוליב פארשיידענע סיבות. ווייל יעדער בשר־ודם איז א זינדיקער, און די אריגינאליטעט פון מענטשן געפינט זיך אויף א נידעריקער מדרגה, ווייל זיין כאראקטער האלט זיך אין איין בייטן און בויגט זיך אויף אלע זייטן. דאריבער איז ניטא א מענטש אויף דער וועלט, וואס זאל זיין א מושלם אין אלע מעלות. דערצו איז אויך פאראן אנאנדער סיבה: אסך פון מיינע לידער און ווערק זיינען געשריבן געווארן אין מיינע יונגע יארן, ווען איך בין נעווען שיכור פון פריידיקער יוגנט. אין יענער צייט בין איך נאך ניט געווען גענייט און איינגעשטעלט. אייניקע געדאנקען מיינע זיינען ארייננעגאסן געווארן אין בעכער, און אנדערע האבן זיך אויסגעגאסן אויף דער ערד: זיי האבן זיך ארויסגעגליטשט פון די פינגער און איך האב זיי ניט געקענט דערכאפן.

שײַן

בנפשי ליל ידידות...

ס׳האָט אַ זון אין דער נאַכט פֿון מײַן ליבע
זיך צעשטראַלט אינדערפֿינצטער מיט שײַן.
ס׳איז דאָס מויל פֿון געליבטער אַ בעכער
פֿול מיט דופּטיקן גאָלדיקן װײַן.

מײַנע רויזן צעבליט אויף איר פּנים,
און מײַן מירטנצװײַג גרינט אין איר פּראַכט;
װען איר אויג האָט מײַן האַרץ שװער פֿאַרװאונדעט,
האָט איר ליפּ מיר אַ היילונג געבראַכט.

מ ש ה   א ב ן־ע ז ר א

אַ רויז

כתנות פסים...

איינגעהילט האָט זיך דער גאָרטן
אין אַ העמד פון גרינס געשטיקט;
איטלאַך בוים צעבליט אין ווייסן,
איטלאַך אויג פון פרייד אַנטציקט.

איטלאַך בלום האָט פריש באַנייט זיך,
ציט זיך קעגן זון און לאַכט;
פאָרויס גייט די רויז, די מלכה,
אין איר קיניגלאַכער פראַכט.

פון איר קנאָספּ האָט זי באַפרייט זיך,
און זי פלאַטערט אויפן ווינט:
ווער עס טרינקט פאַר איר קיין ווין ניט,
יענער טוט באַגיין אַ זינד.

י. י. שווארץ

אין גאָרטן

פון ליד: קראני גביר...

... און דער גאָרטן איז פּראַכטיק צעוואָרפן,
איז פאַרטרונקען אין העלע קאָלירן;
איז געשניטן אין ליכטיקע בייטן,
און די רויזן פּילפּאַרביק שעמערירן.
האָט פאַרהילט זיך אין זײַדענע העמדער,
און מיט בלוי און מיט פּורפּור פאַרנומען;
און דער זומער האָט העל אויף די העמדער
געשטיקט פּאַלמען און קנאָספּן און בלומען.
און דאָס ליכט פון דער זון איז אַ גאָלד-פאַל,
און די בוימער די גרינע — אַ הימל;
און עס מורמלען און שפּריצן פאָנטאַנען,
און זיי וואַרפן אויף אַלץ אַן אַ דרימל.
און די טויב וואָרקעט שטיל צו די מירטן,
דער קאַנאַריק טוט מיד גאָר ניט ווערן;
און ער זינגט און פאַרגייט זיך אין צווייגן,
ווי פאַר'שיכור'ט פון ווייַנטרויבן-טרערן.
און מיט פויגלען פלייצט-איבער דער גאָרטן,
וואו אַ שפּאַלט — זײַנען נעסטן פאַראַנען;
אַ פאַר'כישופ'טער גאָרטן מיט פויגלען,
מיט די פּאַלמען און מיט די קאַשטאַנען.
און די מאַטע און מידע דערוואַכן,
ס'האָט די צייט איצט פאַרמאַכט אירע אויגן —

משה אבן־עזרא

אויף א רגע גערופן א יום־טוב,
און די לייד איז צערונען, צעפלויגן.
רונד דער טיש ווי א הימל, די לבנה —
איז דער קרוג, און ווי שטערן — די בעכער;
און די רויכפּאַנען רויכן געווירצן,
און א ווינטל צעפּאַכט זיי ווי פעכער.
דער קרישטאָלענער בעכער — א שטערן,
און דער וויין אין זיין איינגעווייט — צונטער;
א פאַרליבטער מיט טרער אויף זיין פּנים,
נאָר אין האַרצן ברענט פלאַם־פייער בונטער.

י. י. שוואַרץ

אַ חתונה־ליד

הריח מר...

איז דאָס מירא דער דופט, וואָס צעשפּרייט זיך,
צי דער ווינט פאָכט די מירטן אין היץ?
איז דאָס וואָלקן, צי ריחות פון ווייראַך,
שפּילט דער ווײַן אַזוי העל, צי דער בליץ?

יאָ, די וואָלקן זיי טריפן מיט בשמים,
און די מירט טריפט מיט פּערל און שטראַלט;
צי עס זינגען די בערג היינט די שטומע,
צי די זינג־פויגלען קלינגען אין וואַלד?

און די ערד איז אין גינגאָלד געוויקלט,
און אין זייד אין געשטרייפטן געקליידט;
יעדער וועג האָט זיך אויסגעגלייכט פריידיק,
און די בערג ליגן פלאַכע צעשפּרייט.

און עס זינגען די שטיבער פאַר שמחה,
ס׳זינגט אַרויס יעדער באַלקן פון הויז;
און פאַרוואָלקנטע פּנים׳ער לויכטן,
ס׳שלאָגט מיט פריידן פון מענטשן אַרויס.

און די לעפצן פון שטאמלער, זיי זינגען, —
ס׳איז דער בנין פון פרייד אויפגעשטעלט;
די פארבארגענע וואונדער פון צייטן
האבן איצט זיך אנטפלעקט פאר דער וועלט.

און דאס פראכטיק געצעלט איז באהאפטן,
און אין שלייף איז דער האקן געבראכט;
ס׳האבן טעג זיך צוזאמענגעגאסן,
פון צוויי מענטשן — איין לייב היינט געמאכט.

און די פרייד שטייגט אלץ העכער און העכער,
פלאטערט איבער די בערג ווי א פאן;
ס׳טראגן פליגל פון מארגן די בשורה,
און דער ליכטיקער וועלט זאגן־אן.

פון פארגליווערטן וואסער די בעכער
און פון פייער צעשמאלצן דער ווין;
טרינקט דעם ווין פיל איר קענט נאר פארטראגן,
עס זאל פריילאך און לוסטיק היינט זיין.

מיט דער ליבע־גאזעל, פריי זיך, בחור,
זינגט פון ליבע, וואס האט אייך בארירט;
איר פיגור איז גראציעז ווי א פאלמע,
און איז דאך אזוי לייכט ווי די מירט.

און ווען אוונט פאלט־צו — האב ניט מורא
פארן צירונג־ און הארבאנד־געקלאנג;
און ניט שרעק זיך פאר אויגן ווי טויבן,
ווי פארצויגן מיט גיריק פארלאנג.

י. י. שווארץ

און דיין הארץ זאָל ניט ווערן דערשראָקן
פאַר די אָרעמס אין גאָלדבענד געקלעמט;
ניט אַנטלויף פאַר די שלאַנגען, די לאָקן —
זיי פאַרשטעלן אַ פּנים פאַרשעמט.

יאָ, דאָס ציען זיי דיך און זיי רופן,
כאָטש פאַרשטעלט איז דאָס מיידל־געזיכט;
און די ברוסטן — גראַנאַטן אין רויזן
העל־צעבליטע אין ראָזיקן ליכט.

מ ש ה א ב ן־ע ז ר א

נאַכט און פרימאָרגן

נדודי ליל נדוד...

אין נאַכט פון צעשיידונג זײַנען שטערן צו מיד
צו גיין אינם הימל זייער וועג;
ווי זילבערנע נעגל, וואָס רירן זיך ניט,
און טוען זיך ניט קיין באַוועג.

די לבנה שווימט ווי אַ פאַרליבטע, אָן שלאָף,
די שטערן — זיי היטן זי שווער.
איך גאָר נאָר, זיי זאָלן פאַרשווינדן, און האָף
אומזיסט נאָר, זיי ווערן אַלץ מער.

אין נאַכט אָבער פון די חברים און פרײַנט
פאַרשווינדן זיי אייליק און שנעל;
דער ליכטיקער שטערן פון מאָרגן, וואָס שײַנט,
פאַריאָגט זיי, פאַרטרײַבט זיי פון פעלד.

אין נאַכט, ווען ס'טריפט גאַל אינם האַניק און רינט,
און לייד ווערט צו פרייד מיטן וואונק;
די נאַכט איז אַ קויל, און דער שמיד איז דער ווינט,
און בליץ — אויסגעשלאָגענער פונק.

ניטאָ איז קיין ליכט גאָר קיין אַנדערש דורכוים,
ווי בעכערס מיט גאָלדיקן ווײַן;

י. י. שווארץ

עס גייען די ליידן צו קעמפן אַרויס,
נאָר ס'נעמען די פריידן זיי איין.

דער ווייַן רעדט ניט היך, רעדט גלאָסן און שטיל,
נאָר ס'פאַלן די שטאַרקסטע פאַר אים;
זיין אויסזען איז כשוף, זיין וואָרט איז געפיל,
און צערטלאַך און זיס איז זיין שטים.

מאַכט לעבעדיק מענטשן און טויט, מאַכט זיי טריב,
אי שטאַרק און אי שוואַך איז זיין ליד;
דעם קלוגן באַרואיקט ער צערטלאַך און ליב,
דער נאַר ווערט פון תאוה צעגליט.

זיין פּנים איז אומשולדיק-קלאָר, שעמעדירט,
נאָר ס'שיפּעט זיין שוים מיט באַטרוג;
ער שפּרייט-אויס אַן איידעלן דופט, וואָס פאַרפירט,
פון האַלדז פון קרישטאָלענעם קרוג.

עס קושט זיינע ליפּן פאַרשמאַכט דער געדאַנק,
דאָס אויג פליקט אַרונטער זיין בלום;
אַ רויז בליט צעגליט אויף דער באַק פון געטראַנק —
נאָר ס'היטן די שלאַנגען זי שטום.

איז טרינקען מיר ביז מיר פאַרבייטן דאָס בליי
פון נאַכט אויפן זילבער פון טאָג —
די בלומען פון הימל פאַרשווינדן, דען פריי
טוט ס'וואַסער פון הימל אַ טראָג.

משה אבן־עזרא

עס צינדט זיך אין פייער פון הימל דער ברעג,
דאָס לעצט ביסל גרויקייט פאַרשווינדט;
און ס'טוען זיך בלומען פון גאָרטן אַ וועק,
די זון וועקט זיי אויף און פאַרצינדט.

דאָס וואַסער פון טייכל — אַ זילבערנער פלאָס,
אַ גלאַנציקער, פלאַמיקער שווערד;
און טראָפּנס אויף בלומען און טראָפּנס אויף גראָז,
ווי קערנדלאַך סאַפּיר באַטרערט.

זיי לויכטן אויף בליענדער רויטקייט פון בייט,
ווי שווימס אויף צעהיצטן געזיכט;
דער דופט פון די ביימער דערקוויקט און דערפרייט,
פון פינצטערניש קומט ער צום ליכט.

און פויגל אין צווייגן געדיכטע פאַרשטעלט
צעגיסן זיך קלאָר אין געזאַנג;
זיי ווערן ניט מיד, ווי באַ'כשופ'ט, באַזעלט,
און ס'טראָגט זיך אַ קלאַנג נאָך אַ קלאַנג.

דאָס ווינטל וויגט צערטלאַך די מירטן און וויגט —
וואָס שטרעקן צום ליד זיך אַצינד;
זיי טאַנצן, פאַר'שיכור'ט אָן ווייַן, און אַנטציקט,
און נויגן זיך שטיל מיטן ווינט.

י. י. שווארץ

די קעלט איז אַנטלאָפֿן

זמן הקר...

די קעלט איז אַנטלאָפֿן; דער רעגן
האָט נאָכגעלאָזט; פֿריי איז געוואָרן;
די זון איז צעשטראַלט, ווי אַ מלכה,
אַרויס אויף אַ הימל אַ קלאָרן.

די בערג טראָגן מיצן פֿון בלומען,
דאָס פֿלאַכלאַנד — אין גראָז־גרינע העמדער;
די לופֿט, זי פֿלייצט איבער מיט דופֿטן,
דער ווינטער צעקריכט אַ פֿאַרשעמטער.

העי, גיט מיר דעם בעכער פֿון פֿריידן,
דער טרויער פֿון האַרץ זאָל פֿאַרשווינדן;
מיין טרער זאָל פֿאַרלעשן דעם פֿייער,
וואָס הערט ניט אויף צאָרניק זיך צינדן.

און טרוי ניט דער צייט, ווייל איר גאָב איז
ווי גיפֿט, בלויז מיט זיסקייט באַשאָטן;
און לעב אין פֿרימאָרגן, ווען ס'לאָזט זיך,
ווייל אָוונטס באַפֿאַלט דיך זיין שאָטן.

נעם טרינק, ביז דער טאָג נעמט זיך זעצן,
און זון ווערט אין גאָלדפֿלאָם פֿאַרטראָגן;
דערנאָך ביז די נאַכט וועט אַנטלויפֿן,
און ס'נעמט דער פֿרימאָרגן זי יאָגן.

מ ש ה א ב ן־ע ז ר א

צו זיין ברודער יהודה

ניט פייניק מיך, צעשיידונג, ווארט אַ רגע,
זיי שטיל, געוויין, — צעבראָכן איז מיין מוט.
אומזיסט מיין בעטן זיך — די אויגן מיינע,
זיי נאָגן פון מיין הארצן אוים דאָס בלוט.
איך שטרענג מיך אָן מיין טרויער צו באהערשן —
נאָר ער דערציילט דער וועלט מיין שווערן סוד.
באהאלט מיך מיט מיין זיפץ, עס זאָל דער שונא
מיך ניט באַגעגענען מיט שאַנד און שפּאָט.
איך ברום, ווי ס'ברומט די טויב אין מירטנצווייג,
ווען זי בלייבט עלנט, טרויעריק־פארצאָגט,
באוויינט איר ליבהאָבער, מיט פיין פאר'שיכור'ט,
און וואַקלט זיך פארמאַטערט, און זי קלאָגט.
אָך, יענער טאָג, וואָס וואַנדער האָט צעשיידט אונז —
וואָלט בעסער מיר דער טויט געוועזן באַשערט;
וואָלט איך געקענט אים אָפּשלאָגן מיט וואָפן,
מיט פאַנציר און מיט בויגן און מיט שווערד.
נאָר אָפּהענגטיק אין מיין אָנמעכטיקייט,
איז דאָס געוויין מיין איינציק שוץ און פרייד;
איך וויין אויף אונזער שיידונג, לאָך מיך אוים
פון ביטערניש פון צייט און אירע לייד.
עס פרעסט איר שווערער יאָך מיין האַלדז און נאַקן,
און דריקט אויף מיינע לענדן און געניק;

א פייער ברענט געצונדן אין מיין הארצן,
און פיצלט מיין געביין מיר שטיק אויף שטיק.
ביז אנגעטרונקען איז מיין זעל מיט טרויער,
און איך בין איינגעבויגן ביז דער ערד;
צו שטאלץ בין איך צו בעטן איר רחמנות,
און יעדע רגע ווערט איר לייד געמערט.
די האנט פון צייט, וואס הערט ניט אויף צו בייטשן
די פיינסטע גייסטער מיט איר שווערער שטראף —
זי האט זיך אויסגעשטרעקט, און מיך פאראַרימט,
פארכאפט מיין האב-און-גוטס, מיין רינד און שאף, —
איז אבער קורץ צו רויבן פונם הארצן
די שיינקייט און די ליבע וואס דארט גליט.
אך, ווינט, דו ווינט, וואס ציט אינאוונט דורך
אויף גראז און רויז און פעלד, וואס דופטיק בליט —
פארטראג מיין גרוס צו ברידער צו פארפרעמדטע —
ניט פלינק געגנוג איז אונזער בריוטרעגער, די טויב —
און לייען זיי א צעטל פון פארברעכן
באגאנגען קעגן מיר, פון זינד און רויב.
די וועלט איז ענג אזוינס גאר צו דערטראגן,
און ביכער און מגילות זיינען קליין;
מיין אויג שפריצט פייער אויף די בייזע מעשים,
און ס'קריצן צארנדיק אויף זיי די ציין.
זינט וועלט איז וועלט איז ניט אזוינס פארלאפן,
דאס אויער ווערט פארקלונגען פון דעם גרויל —
אז ס'זאלן זיך קיין פרעמדע ניט דערוויסן,
איז ברענג איך עס פאר קיינעם ניט פון מויל.
איך ווער אין טיפער גרוב פון צייט פארזונקען,
און זיי — געפינען גליק ביי איר און שוץ;

מיין קאָפּ איז טיף ביז צו דער ערד געבויגן,
זיי — זיינען שטאָלץ און לויכטן אין איר גוטס.
דאָך טראָג איך זייער נאָמען אויף די ליפּן,
און האָב צו זאָגן אַ גוט־וואָרט צומאָל;
נאָר מיין געדעכעניש קומט זיי ניט צום זינען,
די אויערן געשלאָסן פאַר מיין קול.
ביז היינט־צו־טאָג, ביי פאָטערס און ביי זיידעס,
איז ניט געהערט געוווען אַזאַ מין שרעק.
אַ שאַנדפלעק זאָל עס פאַלן אויף די שונאים,
און אויף די קינדער זייערע אַ פלעק.
דאָ האָסטו, ברודער, רייד — וואו ס׳זיינען אויסגעמישט
די גיפט די ביטערסטע מיט זיסטן וויין;
איך זוך גערעכטיקייט אין טריבן לעבן —
דאַן וועל איך אפשר נאָך באַרואיקט זיין.
אויב קיינער שטרעקט זיין האַנט ניט אויס צו העלפן —
זיי דו דער ריכטער צווישן זיי און מיך;
און וואו דו זאָלסט ניט זיין — דו לעבסט אין האַרצן,
דען אייביק שלאָגן וועט מיין האַרץ פאַר דיר.
און לאָמיר האָפן, אַז די צייט וועט אפשר
צונויפברענגען די פריינט, וואָס זי האָט אָפּגעפרעמדט;
און זעענדיק גאָט׳ס ווערק און זיינע מעשים,
די שונאים וועלן בלייבן נאָך פאַרשעמט.
בלייב רואיק און בלייב גליקלאַך ווי איך ווינטש דיר,
און שרייב — עס וועט דערפרייען מיך דיין שריפט.
דיין מזל — יאָרן גליקלאַכע און לאַנגע,
דאָס חסד דיינס פאַראייביקט און פאַרטיפט.

י. י. שוואַרץ

אַ ליבע-ליד

לכל איש באהבינו...

קיינער וויל ניט פאַרשטיין אונזער ליבע,
ס'איז אַ ביישפּיל פאַר מענטשן און וועלט;
איך באַגראָב מיינע ליידן אין האַרצן,
דו האָסט ביטער אַזוי מיך געקוועלט.

כ'האָב פאַר אַלעמען ס'האַרץ מיינס פאַרשלאָסן —
זאָלן מענטשן ניט לאַכן פון מיר.
ווייס, אַז קראַנק איז עס, קראַנק פון ליבע,
און גייט אוים אין דער פרעמד ווייט פון דיר.

אַז אָן דיר איז די וועלט ווי אַ תּפיסה,
וואָס פאַרענגט און באַדרענגט מיך שווער;
מעגן אַנדערע פּרוּוון מיך רייצן —
נאָר איך קען זיי ניט אָנקוקן מער.

פון דיין מויל פליסט מיט וואַסער פון לעבן,
נאָר מיין זעל שמאַכט פון דורשט און רופט;
און דיין אָטעם דערפרישט יעדן איינעם —
נאָר מיר פעלט צום אָטעמען לופט.

ביסט דאָך קלוג און פאַרשטייסט, — איז דערקלער מיר:
ווי דעם לייב האָט געפאַנגען אַן אינד?

משה אבן־עזרא

און דאָס לעבן פון מיר דעם פארליבטן
איז פאַרפאַלן, פאַרשפּילט — און אַן זינד.

און זיי ווייסן: וואָס גרעסער דיין שולד איז,
אַלץ מערער נאָך האָב איך דיך ליב —
אַז דו רוסט אין מיין הארצן און אויגן,
און מיין הארץ און מיין אויג זיינען טריב.

דען אין הארצן ברענט שטענדיק א פייער,
און אין אויג ווערט ניט טרוקן דער גרונט;
אַז דיין צאָרן איז ליב מיר און טייער,
אַז איך וויל גאָר ניט ווערן געזונט.

בין דיר טריי כל־זמן ס'שפּראָצן די גראָזן,
און דער טוי פונעם הימל פאַלט;
לעב, מיין שיינקייט, ווי כ'ווינטש דיר פון הארצן,
כל־זמן ס'זינגען די פויגל אין וואַלד.

י. י. שווארץ

אַ גרוס צו זיין געליבטער

פּתאם יצורי אוהבים...

פאַרווירטע, אין שוואַרצקייט פון נאַכט, האָב איך פּלוצים
באַגעגנט די טרייע פאַרלאָזטע געשטאַלטן;
און ליגנדיק עלנט אין בעט, אַ צעקלעמטער,
האָב איך זיי אין נעץ פון מיין חלום פאַרהאַלטן.
ווי האָבן זיי דורכגעשוועבט בערג און מדבריות
דורך נאַכטיקע שרעקן — און כ'האָב ניט באַנומען.
זיי האָבן ביים בעט זיך פאַרקליבן, געדעגט מיך,
ביז ס'האָט זיך דער שטערן פון מאָרגן פאַרנומען.
איך האָב זיי געגלעט און געטוליעט צום האַרצן
ביז זון־אויפגאַנג פינצטערע נאַכט האָט פאַרטריבן;
און באַלד זיינען אַלע געשטאַלטן צערונען,
און גאָרנישט איז, חוץ זייער דופט, מיר פאַרבליבן.
מיין פרייד איז אויך מיטן פרימאָרגן פאַרשוואונדן,
כ'בין עלנט געבליבן נאָך מער ווי געוועזן;
דער קוואַל פון מיין טרער האָט זיך ווידער געעפנט,
און כ'קען ניט מיין טרויער איין רגע פאַרגעסן.
מיין וויי־געשריי שריי איך פון תהום פון מיין אומגליק,
פון וואַנדער נאַכט ברום איך אַרוים מיינע ליידן —
עס נעמט ניט קיין שלאָף מיינע אויגן, זינט דעמאָלט,
וואָס כ'האָב מיטן מערב געטאָן זיך צעשיידן.
דאָס לעבן איז נמאס די וועלט נאָר צו מעסטן,
און ס'נעמט אַלץ קיין סוף ניט צום וואַנדער און וואָגל;

דורך פינצטערע וועלדער, דורך זומפּיקע טאָלן,
און בערג, וועלכע האַלטן די קעפּ אין די וואָלקן.
וואו וועלט האָט אַן עק האָט מיין פוס שוין געטראָטן,
פון איין ים צום צווייטן מיין וואַנדער געשפּונען;
אַ וועג נאָך אַ וועג, און ביז היינטיקן טאָג נאָך
קיין רו און קיין אָפּשטעל נאָך אַלץ ניט געפונען.
באַטאָג האָט די זון מיך געשלאָגן מיט ריטער,
באַנאַכט האָט די ביינקשאַפט מיין האַרץ מיר געריסן;
מיין פּנים איז אָפן פאַר יעדן געוויטער,
און ס'האָבן אים היצן און קעלטן געשמיסן.
ביז גאָר מיין אַמאָליקער גלאַנץ איז פאַרשוואונדן —
אַ פּנים אַ פרעמדס און פאַר'חושכ'ט פון קומער.
אַריבער איז שניטצייט, אַוועק איז דער ווינטער,
און כ'בין ניט געהאָלפן — און ווידער איז זומער.
עס פליען מאָנאַטן, עס שווינדן די יאָרן,
און איך בין נאָך אַלץ צו מיין ציל ניט דערקומען.
מיין האַרץ האָט אויף זיך גאָר אַליין קיין רחמנות,
און הערט זיך ניט צו צו זיין אייגענעם ברומען.
אויף ווערמען זיך קלאָגן, אַז שולדיק בין איך דאָך,
אַז איך האָב אַליין זיך געמאַכט מיינע וואונדן;
איך האָב ניט געהאָרכט צו די רייד פון פאַרטרויטע:
אין קריג זיך מיט אייגענע ברידער פאַרבונדן.
פריינט האָבן געוואָרנט, איך זאָל זיי ניט טרויען,
און איך האָב ניט אויסגעפאָלגט זייערע ווערטער;
אָך, זאָג זיי, דערצייל זיי, זיי האָבן געטראָפן,
אומזיסט זיך געמיט, ס'איז דאָס לעבן צעשטערט מיר.
זיי האָבן מיט שטיין פאַר מיין ברויט מיך באַלוינט גאָר,
און האָבן געפריידט זיך, ווען איך בין געפאַלן:

ווי זייגען מיין פיינעם און בליענדן וויינשטאָק
די מיאוסע, גיפטיקע פרוכטן באַפאַלן?
און ווי האָט מיין פעלד, דאָס פאַרזייטע מיט קערנער,
אַרויסגעבראַכט דערנער, וואָס בריען און שטעכן?
אַך, וויי צו די ברידער, וואָס האָבן פאַרראַטן —
מיין לעבן צעבראָכן — און ניט מיין פאַרברעכן.
אַז צייט האָט געשטעלט זיך מיט מיר אין מלחמה,
פאַר מעשים פאַר בייזע פאַרשניטן געוואָרן —
בין איך צו זיי גלויביק און זיכער געלאָפן,
נאָר זיי האָבן אָפגעקערט זיך פול מיט צאָרן.
געקומען מיט מוט און מיט קאָפּ שטאָלץ געהויבן —
אַוועק בין איך נידערגעשלאָגן, פאַרביטערט;
זיי האָבן אין טאָג פון מיין לייד מיך פאַרשטויסן,
ווי מיך האָבן זייערע שפּאָטרייד דערציטערט.
איר, טויבן, וואָס פליט ווי אַ וואָלקן צום מערב —
איך טו מיט מיין ליבע אייך האַרציק באַשווערן:
מיין גרוס טראָגט מיט זיך צו די פריינט צו די ווייטע,
איך טראָג זיי אין האַרצן דורך עלנט און טרערן.
דערציילט זיי, מיין האַרץ איז אויף זייער צעשיידונג,
אויף זייער פאַרפרעמדטקייט צעריסן אויף צווייען;
און שוואַלב, וואָס געבויט האָט איר נעסט אין מיין האַרצן,
מיט איר מיין נשמה געטאָן האָט זיך פרייען —
דערציילט איר, ווען זי וואָלט ניט לעבן אין האַרצן,
וואָלט איך שוין דעם טויט ליבערשט בעטן צו קומען;
איך האָב צוליב איר זיך אין גלות פאַרוואָרפן,
דעם שטעקן פון וואַנדער צוליב איר גענומען.
איך זינק צוליב איר אין דעם שמעלצטאָפּ פון ליידן,
מיין האַרץ אין דער פרעמד דער פאַרהאַסטער פאַרשליידערט;

אַך, ברודער, אַך, שוועסטער, איר העלפֿט איר באַוויינען,
וואָס איך בין אין פֿרעמדער קאַסטיליע דערוויטערט.
זאָל שטראָפֿן מיך גאָט, מיינע וואונדן פֿאַרמערן,
און נאָך מער מיין לעבן מיין פֿינצטערם פֿאַרוויסטן —
אויב איך האָב די גנאָד פֿון דיין יוגנט פֿאַרגעסן,
אויב איך האָב דיין ליבע פֿון האַרץ אויסגעריסן.
מיין זילבער־ווייס קלייד אויף די וועגן פֿון וואַנדער
אויף שוואַרץ טו איך פֿאַרבן מיט זודיקע טרערן;
די קייטן פֿון צייט שלעפּן ווייטער מיין פֿוסטראָט
און לאָזן ניט גיין צו מיין האַרצנס באַגערן.
דאָך האָף איך, אַז גאָט וועט מיט מיר האָבן מיטלייד,
און ריינוואַשן וועט ער מיין זינד און פֿאַרגעבן;
דער גייסט פֿון זיין גנאָד וועט מיין נשמה באַווייען,
און אויפֿשטיין וועל איך אַ באַנייטער צום לעבן.

י. י. שווארץ

אַ טויב

ובן־יונה...

די טויב, וואָס נעסטלט אין גאָרטן —
נאָך וואָס זאָל זי טרויעריק קלאָגן?
דער פּאַלמענבוים איז דאָך איר שאָטן,
דער וואַסערקוואַל טוט פאַר איר שלאָגן;
די טייבעלאַך אירע, זיי וואָרקען,
און גלעטן צו איר זיך און שפּילן. —
באַווייזן דעם באַרויבטן, פאַריאָגטן,
און טו זיינע ווייטיקן שטילן.
באַדויער, באַטרויער דעם עלנט,
פון היים און פון נענטסטע פאַרטריבן —
וואָס וועלט איז ניט ליב אים און טייער,
און וויסט איז זיין לעבן געבליבן.
באַדויער און וויין אויף זיין עלנט,
ניט זינג אים קיין ליד צו דערפרייען.
אַנטליי אים די פליגל צום פליען,
צו קושן די ערד וואו זיי שטייען.

משה אבן־עזרא

צו יהודה הלוי

א.

... איך בעט, אַז קאַרג זאָל זיין די צייט און גייציק,
און צונעמען די לייד, וואָס זי האָט מיר געגעבן.
צו וועמען ריידן און פאַר וועמען זיך באַקלאָגן,
אַז מיינע נאָנטסטע זיינען אָפּגעשיידט פון לעבן.
ווי קען מיר איינגיין גליק — אַז מיינע טייערסטע,
זיי ליגן אונטער בערגלאַך ערד פאַרשאָטן ?
נאָר ביטערער איז דאָס, וואָס די פאַרבליבענע
באַדרענגען מיך, און האַסן מיך און שפּאָטן.
זיי זיינען פאַלש, מיין טרויער איז ניט זייערס,
זיי אַרט ניט, וואָס מיין האָפנונג איז פאַרשוואונדן ;
זיי טראַכטן נאָר וואָס שווערער מיך צו קרייענקען,
וואָס מערער צו פאַרטיפן מיינע וואונדן.
איך וואַנדער אין אַ פרעמדן לאַנד. מיין גורל
האָט מיך אַרומגעכאַפּט און דריקט מיט צוואַנגען.
איך קען נישט רו געפינען. פרעמדע מענטשן,
מיט פאַלשע פרומע שלייערן פאַרהאַנגען —
זיי האָבן מיר דאָס האַרץ פאַר'סמ'ט, פאַרבלוטיקט,
און זייער בייזע לאַסט האָט מיך געבויגן ;
מיין פרייד איז זייער לייד, מיין גליק איז זייער אומגליק,
מיין וועלט איז טריב און פינצטער פאַר די אויגן.
די צייט האָט וויסט געמאַכט מיין פריידיקן געצעלט.
און די באַוואוינער זיינע איבער וועלט צעטריבן ;
די יאָרן מיינע אָפּגעקירצט, נאָר ס'האָבן
די נעכט זיך אויסגעצויגן, שטיין פאַרבליבן.

די נעכט פון וואנדער האָבן זיך געצויגן,
און זיינען מיט פרימאָרגן ניט פארשוואונדן;
די שטערן: זיינען זיי צעטומלט פון מיין אומגליק,
צי האלט מיין ביינקשאַפט זיי מיט שטריק געבונדן?
איך שוויג פאַרקלעמט, ווי ס׳שוויגן גרויסע גייסטער,
וואָס טראָגן שטיל דעם גורל זייערן דעם שווערן.
וואָס זאָל איך פאַר די אומגליקן זיך שרעקן —
זיי מוזן דאָך צעגאַנגען און צערונען ווערן.
עס האָבן וויסן און פאַרשטאַנד מיך אָפּגעהיט,
געפירט האָט מיך אין וועג מיין פעסטער גלויבן.
זיי האָבן, אויף להכעיס מיינע שונאים,
ביז צו די העכסטע שטערן מיך דערהויבן.
דער גליענדיקער בעכער איז מיר נמאס,
זיין פייערדיקער ווייַן איז מיר דערווידער:
איז ער געפּרעסט פון ווילדע וויינטרויבן,
וואָס ער איז אַזוי רוי און גאַליק-ביטער?
עס קען מיין הארץ קיין פרייד-געזאַנג פאַרטראָגן,
עס קען פאַרנעמען בלויז דאָס ליד פון טרויער;
אַ טרייסט געפין איך נאָר אין אַלטע ביכער,
אין ווערק פון אייביקן און טיפן דויער,
און אין די לידער פון יהודה, ברודער מיינער,
וואָס זיינען ווי דאָס ריינסטע גאָלד געלייטערט;
דאָס איינציקע, וואָס האָט מיין רעכטע האַנט געשטאַרקט,
און מיין מיד הארץ געמונטערט און געהייטערט.
זיין פערז — ווי אָניקס-שטיינער אויף בריליאַנטן,
ווי שוואַרצער ווייַן, וואָס פּרירט אויף אייז אויף ווייסן;
זיין וואָרט איז טיף און וואָגיק, און פּאַעטן,
זיי קומען קליגן זיך זיין מיין אַרויסצואווייזן.

די לידער, וואָס די וועלדער גריסן רווישנדיק,
און דופטנדיקע בערג אנטקעגן טאַנצן;
די לידער, וואָס פאַרמעסטן זיך מיט שטערן,
און ווי די שטערן לויכטן זיי און גלאַנצן.
דו הערסט די פערזן און דו שטייסט פאַרציטערט,
און פרעגסט: ווי קען אַ מאַן די שטערן פאַנגען?
די זינגער פונם תהלים, וואָלטן זיי דערהערן —
זיי וואָלטן זיך געגרויסט מיט די געזאַנגען.
דער שטאַם פון לוי איז דורך אים דערהויבן,
אַנטפּלעקט האָט זיך צו אים די קונסט פון זינגען;
זיין ליד וועט לעבן אייביק, מיט דער זון צוזאַמען,
עס וועט דער שטראָם פון צייט אים ניט פאַרשלינגען.
ניט וואונדערט זיך אויף זיינע גרויסע זעאונגען,
די נביאים האָבן זייער גייסט אויף אים געצויגן.
די שאַרפסטע פייל פאַרשעמט זיך פאַר זיין פעדער,
ווען זי טוט צונ׳ם פאַרמעט שרייבנדיק זיך בויגן.
די פעדערס ווערן שלאַנגען, און דער זינגער,
ער גלעט און שפּילט מיט זיי מיט צאַרטע פינגער;
זיי טרינקען דורשטיקע דעם טינט דעם שוואַרצן,
און שפּריצן אים אַרויס מיט פייערדיקע צינגער.
דעם קלוגן קושן זיי מיט זייער זיכן האָניק,
דעם נאַרן בייסן זיי מיט שאַרפע ציינער;
און זע איך זיינע וואונדער — זאָג איך: זיינע וואונדער,
און הער איך דיכטונג — זאָג איך: ער איז איינער.
דאָס איז אַ קליינער טייל בלויז פון זיין גרויסקייט,
דאָס מינדסטע מינדסטע פון זיינע גרויסע וועגן;
קענסט מעסטן און קענסט וועגן ערד און הימל,
נאָר זיינע וואונדער — ניט צו מעסטן, ניט צו וועגן.

ב.

עיני־סלעים...

די שטיינער האָבן אויף מיין בראָך געטרערט,
און האַרץ פון פעלז האָט זיך כמעט געשפּאָלטן;
און שונאים האָבן זיך אויף מיר דערבאַרעמט —
נאָר מיינע ברידער האָבן מיך פאַרשאָלטן.
זיי האָבן זייער צירונג בייז פאַרשליידערט,
און האָבן זייער זינד גאָר ניט באַנומען.
עס האָבן מיך די אייגענע פאַרשטויסן,
און פרעמדע זיינען מיר צוהילף געקומען.
זיי האָבן טרייסט גערעדט צו מיר, און צאַרט
גענומען איבערבינדן מיינע וואונדן —
נאָר ווי זאָל רוען ס'האַרץ, אַז ס'האָט דער גורל
מיט וואַנדער און מיט בייגקשאַפט אים געצונדן.
ווי קויל ווי גליענדיקער איז מיין עסן,
ווי גיפט ווי ברענענדיקער איז מיין טרינקען;
טאָג־איין, טאָג־אויס קיין רו ניט צו געפינען,
אין טיפעניש פון טרויער צו פאַרזינקען.
ס'האָט וואַנדער איינגעטיילט געווייין צום אויג,
און ברויזנדיקן ווייַ אין האַרצן שווערן;
און איך בין צווישן בייזע וועלף פאַרוואָגלט,
וואָס ווילן גאָר דעם נאָמען מענטש ניט הערן.
שוין בעסער הויזן מיט אַ בער אין ווילדערניש,
שוין בעסער מיטן לייב אין וואַלד צו ריידן;

די מענטשן ווייסן ניט פון ליכט ביז פינצטער,
און קענען ניט פון פרינץ ביז בעטלער אונטערשיידן.
האָב איך געזאָגט צום האַרצן: וואַנדער ווייטער,
קען זיין, וועסט ערגעץ־וואו זיך אויסבאַהאַלטן.
האָט ס'האַרץ געענטפערט: ס'איז אומזיסט דיין האָפן,
ס'האָט דער געבענטשטער רעגן זיך פאַרהאַלטן,
און טרוקן איז דאָס פעלד פון טרייער ליבע,
און אויסגעברענט זיין גראָז, פאַרדאַרט, פאַרדאָרבן;
עס בלוטיקט נאָך דאָס האַרץ אויף די פאַרבליבענע,
די בעסטע זיינען דאָך שוין אויסגעשטאָרבן.
אַזוי, אַזוי האָבן די ליידן מיך באַדרענגט,
פאַרנומען מיך און ס'ווערט דאָס האַרץ ניט גרינגער;
די וועלט האָט מיך פאַרענגט, ווי זי וואָלט זיין אַ רינג,
אַ דריקענדיקער רינג, און איך — אַ פינגער.

י. י. שווארץ

ווײַן און ווײ

אש קרחו אוריו...

א פײַער שפּיגלט זיך און ברענט צעפלאַקערט
אין בעכערן פון האָגלשטיין פון קלאָרן —
ווי קענען זיי זיך ביידע גאָר באַהעפטן,
קען פײַער און קען וואַסער גאָר זיך פאָרן?
דער ווײַן שפּילט לויכטנדיק אין רויטע פלאַמען,
און שנייאיק-ווײַס און קלאָר קרישטאָלן גלאַנצן;
דער צאַרטער שוים גייט-אויף ביז צו די ראַנדן,
און בלעזלט זיך אין פּערלדיקע קראַנצן.
דו טרינקסט, — און ער ווערט אויפגערעגט אין צאָרן,
נאָר גליטשט זיך ווייך ווי וואַסער באַלד אַרונטער;
ער קושט און בײַסט, מאַכט קראַנק און מאַכט געזונט,
פון די קאַפּריזן ווערט דער מענטש גאָר מונטער.
זיי פאַלן, ווי דער׳הרג׳עט, פון זײַן אָטעם,
ער שלאָגט און קלאַפּט — זיי טוען דאָס ניט וויסן;
ווי נאָר זיי שטעלן אויף די פיס זיך ווידער —
זיי בעטן נאָך פון דעם געטראַנק דעם זיסן.
ס׳איז ליב די שטראָף פון ליבענדיקער האַנט,
אָן עולה פון אַ פרײַנט ווערט שנעל פאַרגעבן:
איז ביטער — און פאַרביטערטע פאַרזיסט ער,
פאַרגעסן זייער לייד אין טריבן לעבן.
מאַכט רײַך די נויטבאַדערפטיקע אָן רײַכקייט,
דער צער און ווי פון לײַדנדן פאַרפליען —
זאָל גאָט דעם ווײַנשטאָק בענטשן מיט זײַן רעגן,
און זײַנע צווײַגן זאָלן זיך צעבליען.

דען ער צינדט־אָן די פרייד אין מענטשנס הערצער,
און יאָגט אַרויס דעם עלנט און די ליידן —
די ליפּן פונם טרויער זאָלן שטומען,
ווען ס'נעמען ריידן אויפגעוועקטע פריידן.
דער ווײַן פאַרצינדט די אויגן מיט זיין שפּילן,
און שאַרפט מיין אויער, ווען איך הער זיין נאָמען,
באַ'טעמ'ט דאָס מויל, די הענט זיי ווערן לייכטער,
דער אָטעם דופטנדיק פון זיינע שטראָמען.
דער טיש איז רונד ווי אַ צעשפּרייטער הימל,
און ווי די שטערן — אין די הענט באָקאַלן;
און טרינקען זיי — דאַן ווערן הענט און באַקן
באַלויכטן, ווי מיט לעצטע זונען־שטראַלן.
די בעכער ווערן שווער צום האַנט ווען ליידיק,
נאָר לייכט ווי פויגל, ווען דערגאָסן ווידער;
אַזוי איז לייכט דער גוף מיט אַ נשמה,
פאַרפליט נשמה — פאַלט דער גוף אַנידער.
מיין הארץ ווערט מונטער, ווען מיין כוס פאַרבויגט זיך
צופוסנס פונם קרוג זיין זאַפט צו שלינגען;
איך רוף די פריינט צום טייך אַרויסגיין זינגען,
און ברידער — אויף די לאַנקע־גראָזן טרינקען.
דער ווינטער איז אַוועק: עס גרינען ביימער,
און מירטנצווייגן שטילע בליען דאָרטן;
קומט גיכער אין דעם גרינעם קילן שאָטן,
דער ווינט האָט רויזן אויסגעשפּרייט אין גאָרטן.
און ווינטלאַך האָבן איבער וועלט צעבלאָזן
די איידלסטע און די געשמאַקסטע דופטן;
פון ערגסטן פויגל ווערט אַ זיסער זינגער,
און דער קאַנאַריק זינגט און קלינגט אין לופטן.

איך בעט דיך, שפּילער, שפּיל, מיין האַרץ מאַך ציטערן,
ווי שאָטן זאָל מיין שווער געמיט פאַרשווועבן;
עס ציטערט־מיט מיין האַרץ מיט דיינע סטרונעס —
איין סטרונע שווייגט, די צווייטע קומט צום לעבן.
ער יאָגט אַזוי געשיקט איבער די סטרונעס
מיט פלינקע, צאַרטע, גלעטנדיקע פינגער;
ער ברענגט די פרייד אַריין אין וויסטע הערצער,
און עלנטע געמיטער ווערן גרינגער.
און קלאַנג און אַקציע פאַלן אויס צוזאַמען,
געמאָסטן און געציילט, צונויפגעגאָסן;
עס עפנט זיך דער טויער פונם הימל, —
די טויערן פון פינצטערניש געשלאָסן.
עס שוועבן צוהערער אין הויכע וועלטן,
און שווימען איבער קלאָרע טייכן מונטער;
עס ווערן ריין און לויטער די געדאַנקען,
אַ גייסט פון הימל קומט אויף זיי אַרונטער.
נאָר מיך לאָזט אַלץ ניט אָפּ דער אַלטער ווייטיק:
פון פאָטערס הויז און פריינט בין איך פאַרטריבן —
עס ווערט מיין האַרץ פאַרברענט פון זיינע ליידן,
די טרער איז גאָר, וואָס מיר איז היינט געבליבן.
די אויגן מיינע טרערן אָן אָן אויפהער
אויף מיינע טעג, וואָס זיינען שנעל פאַרשוואונדן;
וויפיל איך בעט זיי ניט זיך אָפּצוהאַלטן —
זיי פאָלגן ניט — מיין וואונד בלייבט ניט־פאַרבונדן.
אַז מאַכטלאָז האָט זיך מיין געדאַנק צוריקגעקערט,
האָב איך זיך אינם שטילשווייגן פאַרמויערט;
כ'באַוויין מיין יוגנט־זון וואָס איז פאַרגאַנגען,
און יוגנט־הימל, וואָס איז שוואַרץ־פאַרטרויערט.

מיין פאַטערס הויז איז פאַלש צו מיר געוואָרן,
פאַרשטויסן מיך און מיך געטאָן באַשווערן:
עס וועלקט נאָר ניט אין מיר דער בוים פון וואַנדער,
ער גרינט צעבליט אויף מיינע קוואַלן טרערן.
דערוויטערט זיינען מיינע פריינט, נאָר נאַכטיק
אין מיינע טרוימען גייען זיי און שוועבן.
וואָס זאָל איך קומען צו דער צייט מיט טענות —
עס האָבן מענטשן מיר פאַרביטערט ס'לעבן.
עס זיינען אויפגעקומען קרייטער גיפטיקע,
וואו מ'האָט זיי ניט פאַרזייט, און וועלט פאַרביטערט;
זיי ציטערן אויף זייער געלט, און ווערן גאָרנישט
פון בייזע מעשים זייערע דערציטערט.
מיין צאָרן ברענט דאַרויף, וואָס מענטשן האָבן
מיין לעבן אין אַ פייער אָנגעצונדן;
עס קאָכט מיין האַרץ, ברייט ווי דער ים, צעוואָרפן,
וואו זיי געפינען ניט קיין ברעג און גרונטן.
נו, רעדן זיי — די הינט האָבן פון אייביק־אָן
געבולן צו דער לבנה אין די הייכן;
אַז ס'ראַנגלט מיין געדאַנק זיך מיט די שטערן —
ווי קענען זיי צו מיין געדאַנק דערגרייכן?
די שטערן ווייגען ביטער אויף מיין מזל,
באַדויערן מיין בראָך אין צער אין שטומען;
די אומפריינט מיינע קלייבן טויטע גראָזן,
ווען איך קלייב זאַפטיקע און רייפע בלומען.
עס פרייען זיך פּאָעטן, לידער־זינגער,
און זיפצן שטילערהייט פון ניט־פאַרגינען.
נאָר מייסטער פּנים וואָרט זיינען צופרידן —
און נעמען־איבער זיך מיט זיי און רימען.

י. י. שוואַרץ

צו אַ פֿריינט

גבירי, בלתד...

מיין פֿריינט, ס'גיסט מיין אויג נאָך דיר טרערן,
און עס בייִנקט נאָך דיר לעכצנדיק ס'בלוט;
און די טעג זייִנען דערנער אין לייב מיר,
און די נעכט זייִנען טריב און ניט־גוט.
איינזאַם וואַנדער איך אום אַ באַטריבטער
צווישן נישטיקע מענטשן אַליין;
און מיט דיר זייִנען טעג געווען לויטער,
און מיט דיר זייִנען נעכט געווען שיין.
און דאָס פֿאָלק אַרום מיר איז פֿאַרווילדעט,
ווי די פֿערד — אַזוי הייס און צעפּראַלט;
כ'בין מיט זיי ווי אַ מאַן צווישן ווילדע,
ווי אַ לייב צווישן אַפּן אין וואַלד.
כ'זע בלויז פּנים'ער ווילדע אין צאָרן
און איך הער בלויז אַ וואָרט, וואָס צעדריקט;
לאָז מיך נאַרן מיט האָפֿנונג, און ווייס דאָך,
יעדע האָפֿנונג אויף גליק איז דערשטיקט.
כ'האָב פֿאַרלוירן מיין מוט: ס'איז אומזיסט נאָר
זיי צו לייטערן, מאַכן זיי גרייט;
מיטן מויל כלומרשט רעדן זיי פֿרידן,
און זיי וואונדן באַהאַלטענערהייט.
און דיין וואָרט מאַכט די קלוגע צום נאַרן,
און דעם נאַרן מאַכט קלוג דיין געדאַנק;
זאָל דיין ליכט ווי אַמאָל זיך צעשטראַלן,
און באַלויכטן אַלץ לויטער און בלאַנק.

מ ש ה   א ב ן־ע ז ר א

עלעגיע

(אויפן טויט פון זיין ברודער יוסף)

פאַרלאָזסטו זיך אויף שטילשווייגן אין טרויער ,
צי דו געפינסט אין דיין געוויין אַ שטראַל ?
ווי לאַנג נאָך וועלן דיינע טרערן פליסן —
אַז אָן אַן אויפהער שטראָמט דיין טרערן־קוואַל.
און וואָס קען העלפן שוין דיין שווערער טרויער,
און וואָס פאַר נוצן ברענגט דיין הייסע טרער ?
נאָר ס׳ברענט דאָס האַרץ אין גליענדיקן פייער,
און ס׳פליסט דאָס אויג מיט טרערן טריב און שווער.
אין טאָג פון שלאַכט די פעסטונג איינציקע,
דיין שוץ און דיין געווער אין גרויסן פעלד ;
ס׳איז אויסגעפאַלן אויף דיין גורל צו באַוויינען,
באַקלאָגן און באַדויערן דיין וועלט.
די צייט האָט אויפגעשטעלט זיך דיך צו פּלאָגן,
דיר ענג געמאַכט דיין וועלט, און דיך באַדרענגט ;
געמאַכט דיך פאַר אַ וואַנדערער און וואָגלער,
פון טאָג צו טאָג אַלץ גרויזאַמער פאַרענגט.
האָסטו געדורשט — האָט זי דיר גיפט געגעבן,
האָסטו געהונגערט — דיר פאַר׳סמ׳ט דיין ברויט ;
האָט אויסגעוואָרצלט דיינע פריינט און ברידער,
און גאָרנישט ניט געלאָזט דיר חוץ דעם טויט.
ווי שטרוי פאַר ווינט איז זיך דיין פרייד צעפלויגן,
שטאָק פינצטער ליגט דיין הימל אויסגעשפּרייט ;

אַ ביישפּיל פאַר דער וועלט ביסטו געוואָרן,
אַ מוסר פאַרן וויטסטן דור דיין לייד.
ווער וועט דיין פוס צוריקהאַלטן פון אָפּגרונט,
ווער וועט דיך אָפּהיטן אין טאָג פון נויט?
ווער וועט דיין הילף זיין אין דעם טאָג פון צאָרן,
אויף וועמען וועסטו לאָזן אַלץ אין טויט?
דו בוים, צעבליט אין וואַסערן פון חכמה,
ווי איז דיין בלעטערקרוין פאַרדאַרט אצינד!
דער שטורעם האָט דיך גרויזאַם אויסגעריסן,
פאַרוועלקט געוואָרן איז דיין פּראַכט געשווינט.
דו שטערן ליכטיקער, ווי איז דער הימל
צעטרייסלט ניט געוואָרן מיט דיין פאַל!
איך קוק צום הימל און דערזע ניט מערער
זיין פריערדיקע לויטערקייט און שטראַל.
דער דופט פון רויזן קען זיך ניט פאַרגלייכן
צום דופט פון דיינע מעשים און געדאַנק;
ווי זיס דער האָניק איז צום מענטשנס גומען —
איז זיסער דאָך געווען פון וואָרט דיין קלאַנג.
ניט ליב דאָס האַרפן-שפּילן צו מיין אויער,
דערמאָן איך זיך דיין קול און דיין פאַרשטאַנד;
די וואָלקן זיינען קאַרג מיט זייער וואַסער
אַנטקעגן דיין צעעפנט-ברייטער האַנט.
איך הער, ווי קלוגע טוען זיך באַראָטן,
נאָר ס'שפּראָצט פון זיי דיין חכמה ניט אַרויס.
ווי שטאַרק דו ביסט געווען — איז שטאַרק דער טרויער,
ווי גרויס דו ביסט געווען — דער ווייטיק גרויס.
דו ליגסט אין קבר — נאָר דיין רום באַנייט זיך,
דו ווערסט פאַרצערט — נאָר ס'לעבט דיין וואָרט און טאַט;

וואָלט איך, מיין ברודער, אַנשטאָט דיך געשטאָרבן,
וואָלט טויט אויף דיר קיין שליטה ניט געהאַט.
דאָס גאַנצע לעבן מיינס האָב איך באַדויערט,
באַוויינט אונזער צעשיידונג אויף דער ערד;
אַצינדערט גאָר איך צו דעם קבר דיינעם,
פאַראייניקט וועלן זאָל אונז זיין באַשערט.
איך רוף פון וויטנס צו: איך בעט דיך, קבר,
מאַך פלאַץ פאַר מיר ביים זייט — פאַרשטויס מיך ניט. —
זאָל דיין גערעכטיקייט פאַרהיט דיר לויפן,
און אָפּהיטן און פירן דיינע טריט.
שלאָף זיכער און שלאָף זיס, און גאָט'ס דערבאַרעמען
זאָל דיך פאַרהילן און פאַרוויקלען מיט זיין גנאָד;
אַן ערנוואָלקן זאָל דיין קבר איינדעקן,
אים פייכט מאַכן געבענטשטער טוי פון גאָט.

י. י. שווארץ

צו זיינעם אַ תּלמיד

דו מענטש פון פאַרשטאַנד, זאָלסט דיין טרויער
און פּיין פון דיין האַרצן פאַריאָגן;
דען וואָס קען דיר העלפן דיין וויינען,
וואָס העלפט אויפן מזל זיך קלאָגן?

דאָס מזל, עס טוט זיין באַגערן
אויך היינט ווי פון אייביקע צייטן;
גיי, פיר מיטן מזל מלחמה,
עס זאָל זיינע וועגן דיר בייטן.

אַזוי איז זיין וועג שוין פון אייביק:
ער טוט ניט מיט כיוון באַרויבן.
מאַכט רייך דורך גאָט'ס וואָרט און מאַכט אָרים,
דערנידעריקט און טוט דערהויבן.

זיין האַנט אויפן לעבן צעלייגט איז,
זיין וואָרט איבער וועלטן טוט פליסן;
און פונקט ווי אַ קראַנקער, טו עפּעס
פון צייט פון דער קאַרגער געניסן.

דען וועלט איז אַ דורכגאַנג, דער טויט איז
דער אָפּגרונט, און מיר זיינען שיפן;
פּרובירט ווערט דער מענטש דאָ, אויף דער וועלט,
די צווייטע — פון לעבן פון טיפן.

וואָס ער האָט געפּלאַנצט — וועט ער שניידן,
די ברכות און אויך זיינע קללות — —
מיין פריינט, נעם אַראָפּ זיך אַ מוסר
פון מיר, אין מיין פינצטערן גלות.

איך דאַרשט נאָך די ווערטער פון אמת —
מיין כום שטראָמט אַריבער מיט ליגן;
געווען איז דאָס מזל אַ שקלאַף מיר,
איצט טוט עס מיך ביטער באַטריגן.

אַ דימענט אין מיסט בין איך איצטער,
אַ מירט אין די וויסטעניש־גלוטן;
און ס'האַרץ גייט מיר אוים אויף דיין טרויער,
און וויטיקט, און הערט ניט אויף בלוטן.

צו אַ פריינט

עַל אַף מְשַׂנְאֵינוּ...

צו להכעיס מיינע שונאים און פארלוימדער
טוט מער און מער זיך אַלץ מיין רום צעטראָגן;
זיי האָבן זיך אין מיר געצילט מיט פיילן —
נאָר ס'האָט גאָט'ס האַנט פון מיר זיי אָפּגעשלאָגן.
וואָס מער זיי האָבן מיך געגלוסט צו קריינקען —
אַלץ מער פאַרשעמטע זיינען זיי געבליבן;
געלויערט האָבן זיי אויף מיר, אין האָפנונג
מיך צו באַליידיקן און מיך באַטריבן.
די הערצער שלעכט, מיט גוטסקייט אויף די ליפּן,
געזוכט נאָר ווי צו שאַרפן מיינעליידן —
פונקט ווי דאָס פייער צינדט געווירצן דופטיקע,
און הויבט זיין רויך אַרויס, און טוט עס שפּרייטן,
און קומט דער ווינט — צעטראָגט ער זיסע ריחות,
דעם דופט פון מיינע בליענדיקע בלומען.
ווי קומט דאָס נידריק גראָז צום שטאָלצן צעדער,
און ווי דער דאָרן צו דעם מירטנבוים קען קומען?
ווי זאָלן פּיקסלאַך קליינע זיך פאַרגלייכן
צו מיינע יונגע לעמפּערטן און לייבן?
ניט וואונדערט זיך דערויף: נאָך דאָן אין מדבר
האָט מען אויף משה'ן שוין אַ האַנט געהויבן.
אַ לויב צו גאָט, וואָס האָט צעשטערט די פּלענער,
הגם צו שוואַך זיינען מיין צונג און ווערטער;

פאַר מיר אַ טייך פון פרידן אויסגעצויגן,
ווען טרוקן איז געווען אין אַלע ערטער.
און ס'האָט אַ קלאָרע זון זיך אַנגעצונדן
און האָט מיין פינצטערניש געטאָן פאַרטרייבן;
אַ מאַן, וואָס טראָגט אויף זיך פון צייט דיליידן,
די דונערן, וואָס טוען ארום אים זיך קלייבן —
וואַרפט פריידיק זיך אין קאַמף אריין צו פעכטן,
און לאַכט זיך אויס פון דונערן און בליצן;
ווייל דאַן, ווען ס'וויל דער מזל מיך פאַרניכטן,
באַוויליקט גאָט מיך מיט זיין האַנט צו שיצן.
כ'שטיי גלייכגילטיק פאַר דעם קאַפּריז פון מזל:
צי ליבט דער גורל מיך, צי האָט ער פיינט מיך?
און טרייבט ער מיך צום וואַנדער און צום וואָגל —
היט גאָט די טריט מיינע און ער באַשיינט מיך.
אַ טאָג האָט גאָט געמאַכט זיך היינט צו פרייען;
פאַר קינדער און קינדס קינדער צו געדיינקען.
פאַררופט די טרייע פריינט מיינע צו קומען,
ביים קרוג מיט ווייַן זיך פריידיק צו פאַרברייַנגען.
עס ברענט אַ פלאַם אַרוים פון די קרישטאָלן,
מיר שפּיגלען זיך אין זיי געטריי צום לעבן.
דעם גאָרטן, רייך־צעבליט מיט פרישע פרוכטן,
נעם, היים, ער זאָל אונז זיינע פרוכטן געבן.
און גיי איך אויס פון טריקעניש און הונגער —
אַ קוואַל און אוצר זיינען דיינע הענט מיר;
ביסט לאַנג צעשיידט מיט מיר, און איבערדריסיק
איז ס'לעבן מיר, מיין בייַנקעניש פאַרברענט מיך.
דער גוף קען אויסטראָגן אַ קראַנקהייט, אָבער
די בייַנקשאַפט־קראַנקהייט קען איך ניט דערטראָגן;

י. י. שווארץ

דו שיק דיין וואָרט צו מיר, עס זאָל מיך היילן,
דערנענטערט זיך צו מיר נאָך ניט דיין וואָגן.
מיט דיר קומען צוריק די טעג די יונגע,
און אויף דער עלטער ווער איך פריש און מונטער;
מיט דיר די באַקציינער פון צייט צעברעך איך,
צום קאַמף און צו געפאַר שטעל איך מיך אונטער.
איך רוף צו גאָט פאַר דיר און פאַר דיין לעבן —
און ער וועט ענטפערן, מיין וואונטש מיר געבן.

מ ש ה   א ב ן־ע ז ר א

עלעגיע

אויפן טויט פון זיין געליבטער

פון פּאָעמע: עין אשר מהבכי...

אין ווייען און טויטלאַכע אנגסטן
אַ זון, ניט צום האַלדזן, געבאָרן;
דער טויט קומט אַלץ נענטער, און זי האָט
צום מאַן זיך געקלאַמערט פאַרלאָרן:
„מיין יוגנט געדיינק, אויף מיין קבר
„קלאַפּ־אָן מיט די ליבנדע פינגער;
„היט־אָפּ מיינע עופה'לאַך קליינע,
„אַ לעבן אָן מאַמען מאַך גרינגער.
„און שרייב צו מיין אָנקל אין גלות
„צוליב מיר געוואָרן פאַרטריבן,
„מיט אייביקן פייער אין הארצן,
„אין אָרימקייט, עלנט געבליבן.
„נאָך בעכער פון טרייסט טוט ער שמאַכטן,
„דעם בעכער פון טויט טראָג אים אונטער".
אָך, ברודער, דו לאַכסט דאָך פון ליידן,
דיין גייסט איז דאָך מוטיק און מונטער;
דיין חכמה צעטרייבט דאָך דעם ווייטיק, —
ווי לאָזסטו מיט פיין זיך באַזויפן?
איר טויט איז דאָך ביישפּיל פאַר אַלע,
וואָס זוכן פון אמת אַנטלויפן.

י. י. שווארץ

שריי־אַן אויף דער טרער ניט צו פאַלן,
באַפעל דיין געמיט ניט צו קלאָגן —
נאָך וואָס אויף אַ טויטן צו וויינען,
מיר וועלן אים זיכער דעריאָגן.
פאַרבאַרגסטו זיך טיף אין דער טיפקייט,
פאַרפליסטו גאָר הויך אין די הייכן —
צי קענסטו פון טויט זיך באַהאַלטן,
זיין האַנט וועט דיך אומעטום גרייכן.
וואָלט וויינען איר הילף געקענט ברייננגען —
וואָלט איך מיינע אויגן געגעבן;
די פרייד וואָלט דערפרישן די הערצער,
וואָלט זי געקענט קומען צום לעבן.
פאַר גאָט זאָל דער וועג אירער לייפן,
ווען זי שוועבט פאַרביי צום גן־עדן;
אַ וואָלקן זאָל דעקן איר קבר,
מיט גראָז און מיט בלומען אים קליידן.

משה אבן־עזרא

קליינע לידער

א.

בני־אדם...

עס האָט גאָט אינם האַרצן פון מענטשן
איינגעכישופ'ט אַ וועלט ביים געבוירן:
ס'איז אַ טייך, וועלכער פליסט, ער זאָל טרינקען,
און דער מענטש ווערט ניט זאַט מיט די יאָרן.
ווי פון זאַלץ וואָלט דאָס וואַסער געוועזן,
און עס דורשטן זיין האַרץ און געפילן:
און ער טרינקט און ער שלינגט פון דעם וואַסער —
נאָר זיין דורשט לאָזט זיך אייביק ניט שטילן.

ב.

איה קברות...

וואו די קברים פון די מענטשן,
וועלכע זיינען לאַנג געשטאָרבן?
קבר איז געהאַקט אויף קבר,
קרבן איז געלייגט אויף קרבן.
ס'מיידט ניט אוים דעם גורל קיינער —
פּראָסטע־שטיינער, איידל־שטיינער.

ג.

תבל...

די וועלט איז אַ פּרוי אַ מאַסקירטע —
ס'איז נישטיק איר שיינקייט און פרייד;
זי רעדט זיסע רייד, אָבער הינטער
איר צונג האָט זי נעצן פאַרשפּרייט.
צעריים אירע נעצן, מיין ברודער,
אַנטלויף, איידער ס'ווערט פאַר דיר שפּעט.
לאַך־אויס יעדן צוזאָג אויף גליקן,
און וואַרף איר אין פּנים דעם גט.

ד.

יזכר אדם...

זאָל דער מענטש דורכן לעבן געדיינקען,
אַז דער סוף, אַז דער טויט איז ניט ווייט;
יעדער טאָג ציט זיך לאַנגזאַם, פאַמעלאַך,
פונקט ווי שטיין וואָלט געבליבן די צייט.
ווי אַ מענטש אויף אַ שיף מיינט ער רוט —
נאָר דער ווינט טראָגט זיין שיף מיטן פלוט.

ה.

חנם אדמה...

אומזיסט נאָר חנ'דלט זיך די ערד און פּוצט זיך —
דעם נאַרן אפשר קען איר פּוץ געפעלן;
זי ווייזט זיך מילד און צאַרט, געהילט אין זיידנס,
און טוט אַ שיין אויף אים מיט ליכט מיט העלן.

מ ש ה   א ב ן־ע ז ר א

זי טיילט אים איין מיט פולער האַנט די ליידן,
נאָר ווייניק פרייד קען ער פון איר פאַרלאַנגען:
זי גיט אים צו פאַרזוכן פון איר האָניק —
דערפאַר אָבער האָט זי זיין האַרץ געפאַנגען.
ווער ס'יאָגט זיך נאָך דער וועלט, דעם מוז זיך דוכטן:
אַ גאָרטן בליט — און דאָס זיינען די פרוכטן.

ו.

אשר בנה...

געבויט אויף דער ערד זיך פּאַלאַצן
פון מאַרמאָר און עלפאַנטביין;
מיט ברייטע און ליכטיקע זאַלן
געשטיצט אויף זיילן פון שטיין.

דו קוקסט — און דער פּאַלאַץ צעפאַלט זיך,
ווערט ליידיק און וויסט און צעשטערט;
אָך, זאָג מיר, וואו זיינען די בויער,
וואו גוף און וואו גייסט אויף דער ערד?

וואָס קען דער מענטש האָבן פאַר האָפנונג
מיט אייביק צו זיין ביטערן סוף?
די צייט איז דער פּאַסטוך, אַ מעסער —
דער טויט, און די מענטשן ווי שאָף.

ז.

...צאה־לך

גיי ארויס צום בית־עולם, באטראכט נאר
די, וואס שלאפן — וועסט בלייבן פארשעמט.
ווי זיי ליגן צעלייגט אונטער שטיינער,
און ס'איז ערד זייער בעט, זייער העמד.
דאס איז גאר, וואס עס איז זיי געבליבן
פון דעם לעבן דעם שווערן און טריבן.

ח.

...וכל שוגה

און יענער, וואס חלומ'ט פון רייכקייט,
און גלויבט אין דער וועלט, אירע גליקן —
דעם יעניקן נעמט זי מיט חנ'דלאך,
מיט זיסינקע רייד און מיט ליגן.
איר רעכטע האנט גיט אים איר האניק,
מיט גיפט טוט די לינקע זיך שטרעקן —
און וואס האט דער מענטש פון זיין ארבעט,
וואס העלפן זיין מי און פארמעגן?

ט.

...קברים

אלטע פארצייטיקע קברים —
מענטשן בארואיקטע שלאפן;
שנאה און קנאה אנטשוויגן,
ליבע און פיינטשאפט אנטלאפן.

מ ש ה   א ב ן־ע ז ר א

הערשער און קנעכט, גליק און ליידן —
האָב ניט געקענט אונטערשיידן.

י.

שלום עלי גרים...

פרידן צו די יעניקע, וואָס רוען
אין גריבער ערד, אין פינצטערניש פון נאַכט;
ביים לעבן זיינען זיי געווען פאַרצערטלט,
אויף שענסטן און אויף בעסטן אויפגעבראַכט.
איצט האָבן זיי פון גאַנצן כבוד גאָרנישט,
בלויז בערגלאַך ערד מיט שטיינער אויפן קאָפּ;
איר, מענטשנקינדער, שטעלט זיך אָפּ, באַטראַכט זיך,
און נעמט פון זיי אַ מוסר זיך אַראָפּ.

י. י. שווארץ

מיינע טעג

היו ימי חלדי...

פארפלויגן זיינען מיינע טעג ווי שאָטנס,
צי ווי אַ ווּיסטער חלום, וואָס פארשוואונדן;
אַוועק ווי קיינמאָל ניט געווען, געלאָזן
אַ האַרץ מיר, וואָס איז קראַנק און פול מיט וואונדן.

מיין יוגנט שליסט די אויגן צו אין דרימל,
און ליידן האָבן אויפגעוואַכט געפינקלט;
און אויפדערנאַכט פון מיינע שוואַרצע לאָקן
מיט זייער טוי דעם זילבערנעם געשפרינקלט.

ווי האָט די צייט פארשוואַרצט מיין ליכטיק פנים,
ווי האָט זי מיך צעגליט מיט העליש פייער;
מיין האַרץ גייט־אויס און שמאַכט נאָך ווייטן הימלאַנד,
און אַלץ, וואָס איז ביז היינט געבליבן טייער.

וואו מיינע נאָנטסטע שלאָפן אונטער בערגלאַך,
און ס'גייט מיין לעבן אוים מיט זיי צוזאַמען;
ווי האָבן מיך די ליידן אויסגעקליבן,
ווי האָבן מיך געברענט זייערע פלאַמען.

זיי האָבן מיך פארשטויסן צווישן מענטשן,
וואָס ליכט פון אמת איז פון זיי פארבאָרגן;
איך הער זיי ריידן, און עס פלאַמט מיין פנים,
ווי כ'וואָלט זיך מיט מיין וואָרט געוואָרגן.

מ ש ה   א ב ן־ע ז ר א

צו דער וועלט

תבל, תני לבד...

וועלט, גיב דיין הארץ און די אויגן
צעעפן, און אויער שפיץ־אָן;
און האָרך אוים דעם אמת פון איינעם
וואָס האָט דיך דערפאַרשן געטאָן.
דערגאַנגען דיין שיינקייט און כישוף —
אַז פאַלש איז דיין וואָרט און דיין חן;
מיט גלאַטינקע רייד און הבטחות,
דעם נאַרן פאַררעדסטו די ציין.
ס'איז זיסער פון האָניק דיין ריידן —
און האָסט אים אין נעצן פאַרפירט;
דו בלענדסט מיט דיין צירונג, די אויגן
מיט פאַרב האָסטו אונטערגעפירט.
דו פוצסט זיך אין העלע קאָלירן,
אין זיידנקלייד צירסטו זיך רויט;
און רייצסט אויף זיי גיפטיקע שלאַנגען,
וואָס בייסן און גיפטן צום טויט.
איך האָב פאַר דיר, וועלט, בלויז איין נאָמען:
אַ זונה ביסטו — ניט קיין פרוי,
דו פעלשסט אָן דיין מאַן — און ווי קענסטו
מיט טומאה שטאָלצירן אַזוי?
ביסט שלעכט צו די מענטשן ביז איינעם,
צום פריינט ווי צום שונא צוגלייך:

גיסט טרינקען פון גיפטיקן בעכער
צו ביידן, צו אָרים און רייך.
ביסט האַרטנעקיק, גרויזאַם, און שוינסט ניט
דעם בעסטן, דעם איידלסטן מאַן;
גיבסט־אוים דיינע זין, דיינע טעכטער —
טיילסט צרות זיי איין און נדן.
נעמסט־אויף אַלע ליבהאָבער דיינע —
און גראָבסט זיי פון הינטן אַ גרוב;
און לייקנסט, דו האָסט זיי געהרג'עט —
און בלוט איז דאָך פול אין דיין שטוב.
דאָס לעבן — אַ פינצטערער חלום,
און טויט איז דיין איינציק באַשייד;
און גרייטסטו אַ טיש ווען מיט עסן —
האָסטו אים מיט ליגן געגרייט.
גיסט ווין אין די זילבערנע בעכער —
פאַרמישסטו אויך גיפט אין געטראַנק;
פאַרשפרייטסטו זיי בלומען — איז צווישן
די מירטן און רויזן אַ שלאַנג.
און בעטסטו זיי אוים אַ געלעגער —
איז שטעכט זיך דיין דאָרן און בריט;
און זינגסטו — פון פריידן ביז ליידן
ביי דיר איז איינאיינציקער טריט.
נאָך איידער דו בויסט זיי פּאַלאַצן —
גראָבסטו שוין דעם קבר פאַר גליק;
דער פויק אויף דיין אָרעם, אין האַנט דיינס
די האַרף, אויף די לענדן אַ שטריק.
ס'געבאָט איז אַ מאַמען צו שעצן —
דיך שענדן איז גאַר דאָס געבאָט;

מ ש ה   א ב ן־ע ז ר א

ס'אַ מצוה באַווייזן דיך נאַקעט,
דיך מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט.
דערוואַך, מיין נשמה, באַפריי זיך,
און קער זיך צוריק צו דיין אָרט;
ניט וויין, וואָס דו לאָזסט דאָ אַלץ איבער,
וועסט רו נאָר געפינען אָט־דאָרט.
וועסט אויפלעבן דאָרט נאָכן שטאַרבן,
און דאָרט וועט דיר גאָט ווייזן ליכט;
פון קוואַל פון דער פרייד וועסטו שעפּן,
און ווערן פון ס'ניי אויפגעריכט.

י. י. שווארץ

צו דער נשמה

אותח נפשי...

מיין נשמה באַגערט צו איר קוואַל,
צום לויטערן, ליכטיקן שטראַל.
זי בייַנקט צו איר שורש, זי לעכצט נאָך דער פּראַכט,
צו גיין דאָרטן טאָג און נאַכט.

גאָט'ס כבוד באַנעמט זי מיט אויג פון פאַרשטאַנד,
זי פליט, און אָן פליגל, צום ליכטיקן לאַנד —
און ציט זיך אַהין, און זי בייַנקט, און זי שמאַכט,
ווען ס'פאַלט־צו די נאַכט,

זי זעט פון גאָט'ס מעשים זיין גרויסקייט אַרויס,
און גאַרט צו געגענענען צו אים, וואָס איז גרויס —
און טאָג דערציילט טאָג פון זיין רום און זיין פּראַכט,
און נאַכט דערציילט נאַכט.

פון קינדהייט צעשפּרייט איבער מיר איז דיין פּאַן —
נאָר איצט איז דיין פּאַרכט פון מיין האַרץ אָפּגעטאָן;
מיין גאָט, דו פאַרשטייסט דאָך מיין האַרץ און דו ווייסט,
און נידערסט צו מיר יעדע נאַכט.

דער שלאָף מיידט מיך אויס און אַנטלויפט פון מיין בעט,
איך שוועב צו די הימלען אַרויף, ווען ס'ווערט שפּעט —
ווען ס'ווערן די מענטשן באַפאַלן פון שלאָף,
אין זעאונג פון נאַכט.

איך האָב נאַריש מיין קינדהייט און יוגנט פאַרשווענדט,
און איצט שטיי איך אָפּהענדיק, אַלט און פאַרשעמט,
דאַרום איז מיין טרער איצט דאָס איינציקע ברויט,
וואָס פליסט טאָג און נאַכט.

נשמה, פאַרקניפּט מיטן גוף ווי מיט שטריק,
באַטראַכט זיך: די וועלט איז ניט מער ווי אַ בריק —
שטיי־אויף האַלבע־נאַכט און דערוואַך פון דיין שלאָף,
און זינג אין דער נאַכט.

צעברעך, און פאַרוואַרף דיינע תאוות — אַוועק,
פאַרנעם זיך צו גיין מיטן ריכטיקן וועג —
דיין וועלט איז ניט מער ווי אַ טאָג, וואָס פאַרגייט,
און טייל פון דער נאַכט.

עס שרעקן אים ים'ען מיט זייער געברום,
דער טויט איז דער פאַסטוך, וואָס פיטערט אים שטום,
דער מענטש לאָזט אַלץ איבער, זיין גוטס און זיין רום,
און שווינדט אין דער נאַכט.

מיין טרויער איז גרויס, און עס דריקט מיך די לייד,
וואָס כ'בין נאָך ביז היינט פון מיין זינד ניט געשיידט.
עס דריקן מיך זיפצן, מיין קישן ווערט נאַס
פון טרערן באַנאַכט.

מיין אויג שמעלצט פון בראַנד פון מיין האַרצן און רינט,
כ'בין גלייך צו אַ פויגל אין מדבר אַצינד;
באַטאָג ברומט מיין זעל שטילערהייט און זי שלוכצט,
שטייט־אויף האַלבע נאַכט.

י. י. שוואַרץ

מיין יוגנט — אַ שאָטן — צערונען געוואָרן,
און פלינקער פון אָדלערס — פאַרפלויגן די יאָרן, —
געדיינק שוין ניט מערער די צייטן פון פרייד,
ניט טאָג און ניט נאַכט.

עס האָבן מיך מענטשן געוויטיקט געמיין,
געערדט צו מיר גוטס, און געביסן מיט ציין.
זאָל קומען פאַר דיר היינט דאָס מענטשלאַכע שלעכטס
דורך טאָג און דורך נאַכט.

מ ש ה א ב ן־ע ז ר א

דערוואַכונג

הקיצותי...

כ׳האָב דערוואַכט פון מיין דרימל: די תאוות
פון הארץ און פון אויג צו באַדרענגען;
פון פאַרלאָפענעם עבר געלערנט,
וואָס די צייט וועט אין צוקונפט מיר ברענגען.
מיין פאַרשטאַנד האָט מיר גרויסקייט באַוויזן,
און גאָט׳ס וואונדער געשטעלט פאַר די אויגן;
האָט אַנטפּלעקט מיר פאַרבאָרגענע סודות,
מיט מלאכים אין הימלען געפלויגן.
און דערזען האָב איך געטלאַכע בילדער,
און אַז גאָט זיצט אין מיר — בין דערגאַנגען;
וואָס זיין פּראַכט איז פאַרדעקט, נאָר באַווייזט זיך
אין די מעשים פאַר מיינע געדאַנקען.
האָט אַ ליכט אין מיין גוף אָנגעצונדן,
און פון חכמה דעם וועג מיר באַוויזן;
ס׳איז דאָס ליכט, וואָס באַלויכט מיך פון יוגנט,
און ביז שפּעטיקער עלטער טוט פליסן.
וואָלט דאָס ליכט פון גאָט׳ס סוד נישט געקומען,
וואָלט עס דאַן ניט געשטאַרקט זיך מיט יאָרן;
ס׳פירט דאָס ליכט מיך אין פּאַלאַץ פון חכמה,
פלי אין הימל — און ווער ניט פאַרלאָרן.
דען מיין וועלט איז צו גאָרנישט געגליכן,
וועל ווי אַלע, וואָס ביז מיר, פאַרשווינדן;
איך וועל גיין צו די זיידעס און פאָטערס,
ס׳וועט די רו מיך די גרויסע פאַרבינדן.

ס'וועט פאַר אַלץ מיך גאָט נעמען צום משפּט,
מיינע מעשׂים — די קלעגער און ריכטער;
און די וועלט איז דעריבער מיר נמאס,
פאַר איר זינד און איר רייץ בלייב איך ניכטער.
איידער זי וואַרפט דעם גט מיר — אַנטלויף איך,
איידער זי טוט פון זיך מיך פאַרשטויסן;
מאָג זי שיינקען מיר זונען און שטערן,
מאָג זי שפּרייטן מיר בעטן פון רויזן.
זיך באַהעפטן צו מענטשן פון חכמה,
איז מיין איינציק באַגער אין מיין לעבן;
גאָר וואָס מער איך באַגער — איז אַלץ ווייטער
טוט די נעץ פון מיין זינד מיך פאַרשלעפּן
צו א פאָלק, וועלכעס וויל ניט פאַרשטיין מיך,
און איך זיי — וויל ניט קענען און וויסן;
ווען איך גיב זיי מיין קוש הער איך שרייען,
אַז איך האָב מיט די ציין זיי געביסן.
כ'האָב איין חלק: די גייסטער די גרויסע,
ס'זיינען באַלזאַם מיר זייערע שריפטן;
זיי פאַרזיסן מיין ביטערן עלנט,
זיי פאַרטרוי איך מיין סוד מיין פאַרטיפטן.
כ'האָב פון טיפקייט פון זייערע ים'ען
מיינע לויטערסטע פּערל געקליבן;
און עס פרייען זיך ס'האַרץ און די אויגן,
און צו זיי זינגען פרום מיינע ליפּן.
ליכט צום אויג, ליד צום אויער, און האָניק
צום מויל, און צום אָטעמען — בלומען;
און דורך זיי בין איך גרויס און דערהויבן
ביז מיין שעה ביז מיין לעצטע וועט קומען.

מ ש ה   א ב ן־ע ז ר א

נאַציאָנאַלע מאָטיוון

א.

מהרו נא...

איילט שנעל צוריק צום וואוינונג פון די טייערע —
די צייט האָט זיי צעשפּרייט, און וואוינונג וויסט פאַרבליבן.
אַמאָל האָבן געלעבט דאָרט אינדן — נאָר אַצינדערט
דאָרט האָבן בייזע וועלף און לייבן זיך פאַרקליבן.
איך הער דאָס שרייען פון דער אינדין, וויינט און קלאָגט זיך
פון אדום׳ס צוואַנג, און פון אַראַביען־לאַנד געפאַנגען;
זי וויינט צו גאָט, צו דעם געליבטן פון איר יוגנט,
און גיסט איר האַרץ אויס אין די צערטלאַכסטע געזאַנגען:
„לענט־אונטער, שטאַרקט מיט ווייַן דאָס האַרץ דאָס טריבע,
„דען איך בין קראַנק, גיי־אויס פון ליבע".

ב.

מה לאהובי...

פאַרוואָס איז מיין געליבטער בייז אויף מיר און וויַט —
און איך — מיין האַרץ גייט־אויס צו אים און מיין געמיט?
האָט ער פאַרגעסן, ווי איך בין אים נאָכגעגאַנגען
אין וויסטעניש — היינט רוף איך און ער ענטפערט ניט.
און טויט ער מיך אפילו — גלויב איך דאָך אין אים,
און ווענדט ער אָפּ זיין פנים — האָפט אויף גוטס מיין האַרץ.
זיין חסד וועט דער האַר ניט אָפּטאָן פון זיין קנעכט —
צי דען קען לויטער גאָלד זיך בייטן, ווערן שוואַרץ?

י. י. שוואַרץ

טעדזינס

פון בוך: תרשיש.

א.

די גרעזער ווייזן אויף אַ שטומען לשון
דעם חסד, וואָס דער רעגן האָט מיט זיי געטאָן:
ער האָט זיי פון דער ערד אַרויסגעצויגן,
און גרוים געמאַכט זיי, און אין גרין זיי אָנגעטאָן.

ב.

וואָס זאָל איך זאָרגן, אַז איך הער די קוואַלן רוישן,
און פויגלען זינגען, און עס ברומען טויבן;
איך רו זיך אין דעם גרינעם מירטן־שאָטן
און טעפּיכער פון גראָז מיין טריט פאַרטויבן.

ג.

אין פרייען פעלד, אין בייטן, מאַך דיין וואוינונג,
אין מירטן־שאָטנס קילע גיין און שטיין;
און זען די טראָפּנס טוי אויף גרינע בלעטער,
ווי קערנדלאַך קרישטאָל און דימענט־שטיין.

ד.

אין דופטנדיקן גאָרטן שווינדן זאָרג און ליידן —
איך וויקל זיך אין לויטער גליק און פריידן לויטער;
אין שאָטן פון דעם דעמבנבוים ביים קלאָרן וואַסער
צו טרינקען וויין, וואָס פינקלט קלאָר און לויטער.

ה.

נעם דעם קרישטאָלענעם בעכער און זאָג:
פון לבנה־ליכט איז ער געגאָסן;
קניט ער צום קרוג זיך אָרונטער נאָך וויין —
ווערט זונשיין אין אים אָנגעגאָסן.

ו.

די טענצערן טאַנצט אַ צעגליטע,
די ברוסטן — גראַנאַטן באַשווערט;
און לייכט און גראַציעז איז איר טאַנצן
ווי איבער אַ שאַרף פון אַ שווערד.

ז.

ווי אַ מירטנצווייג וויגט זיך מיין ליבע,
זי טאַנצט מיט צעפלויגענע האָר;
טרינקט־אָן מיט מיין בלוט אירע פיילן,
און ווערט ניט באַשטראָפט אויף אַ האָר.

ח.

צעגליט איז איר פּנים פון פייער,
איר בעכער, אַ פונק, גליט מיט פרייד;
פון דאַזיקן פונק צינד איך אָן זיך,
מיין הארץ ווערט צעגליט און דערפרייט.

ט.

אין אַראַבישער טענצערנ׳ס האַנט איז מיין זעל:
מיין פלאַם אין איר בלוט איז פאַרצונדן;
איר ליפּ איז פון בלוט פון מיין הארצן געפאַרבט,
איר אויג פון מיין אויג איז געצונדן.

י.

גיב, שיינקייט מיינע, מיר דיין רויטע ליפּ,
און דיינע ברוסטן זאָלסט מיר ניט פאַרווערן;
און קוש מיך אויפן מויל, באַטרינק מיך מיט דיין וויין,
אַז איך זאָל, טייערע, פאַר׳שכור׳ט ווערן.

יא.

פאַר׳שכור מיך, קוש מיינע ליפּן —
רויט דיין ליפּ, און די ציין ווייסער ביין;
און דריק זיך צו מיר מיט דיין קערפּער,
מיטן קערפּער פון עלפאַנטביין.

יב.

כ׳וועל לערנען מיין הארצנס געליבטן, —
דעם וועג פאר דעם ליבן פארגלעטן:
נעם פליק פון די באקן די רויזן,
די ברוסטן־גראנאטן טו גלעטן.

יג.

דו טרייסל־אפּ זיך פון די פריינט, וואס ליבן דיך
פון זייער אייגענער הנאה וועגן —
ווען ס׳ווערט דיר ענג, דערזעסטו זייער פאלשקייט:
צעלויפן זיך פון דיר מיט זיבן וועגן.

יד.

איך רוף די יונגע טעג, וואס האבן זיך דערווייטערט:
„צוריק קומט, קומט צוריק!"
זיי ווילן אבער מיר ניט פאלגן.
אך, יוגנט מיינע, קום צוריק — די בייזע עלטער
האט זיך געלייגט אויף מיר מיט אלע אירע פאלגן.

טו.

וואש־אפּ די פארבן פון די האר די גרויע,
און ווארף די מאסקע אפּ פון פאלשקייט און פון ליגן.
קומט גרויקייט — האסטו שוין פארשפילט דיין וועלטל,
און גרייט זיך אונטער בערגל ערד צו ליגן.

יהודה הלוי

יהודה הלוי

...נאַר חלום איך פון דיין דערלייזונג ווידער —
ווער איך די האַרף פאַר דיינע לידער...

א.

יהודה הלוי — די ליכטיקסטע פיגור פון דער גלענצנדער שפּאַניש־העברעאישער תקופה — איז געווען דער מזלדיקסטער פון אַלע ספרדישע פּאָעטן ביי זיין לעבן, און דער מזלדיקסטער נאָך זיין טויט. זיין לעבן — דאָס איז אַן אויסגעחלומט ליד פון אַ גרויסן פּאָעט, און זיין טויט — אַן אויסגעבישופטע לעגענדע, געשאַפן פון דער אידישער פאָלקס־פאַנטאַזיע. מיט רעכט, צי ניט — זיין נאָמען האָט פאַרטונקלט אַלע אַנדערע נעמען פון דער גרויסער שפּאַנישער עפּאָכע. און ווען די אַלע אַנדערע פּאָעטן פון יענער תקופה — אפשר מיט דער אויסנאַם פון בן־גבירול׳ס שירי־קודש — זיינען געלעגן פאַרלוירענע, פאַרגעסענע אין דעם שטויב פון אַלטע אַרכיוון — האָט דער נאָמען יהודה הלוי געלעבט אין די הערצער און אויף די ליפּן פון אידישן פאָלק.

און אפשר איז גאַנץ פאַרשטענדלאַך פאַרוואָס דאָס איז אַזוי; וואָס ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס בן־גבירול איז דער פּאָטענציעלסטער און אָריגינעלסטער פון די צוויי דיכטער — האָט דאָך יהודה הלוי זוכה געווען, אַז ער זאָל מער בארימט און באַוואונדערט ווערן פון דעם ערשטן. דאָס פאָלק, וואָס האָט דורך די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער געהאַט דורכצוטראָגן און אויסצושטיין די אינקוויזיציע, די מסעי־הצלב, די גזירות און גרושים פון איבער אַלע אייראָפּעאישע לענדער — האָט געמוזט האָבן פאַר זיך אַ קוואַל פון טרייסט, אַ ליכטיקן שטראַל פון נחמה אויף בעסערע צייטן, אויף אַ פרייערער צוקונפט. אין בן־גבירול׳ס מיסטיש־קאַבאַליסטישע משיח־לידער מיט זייער טיפן דראַנג נאָך דער גאולה של מעלה — האָט דאָס פאָלק זיך ניט געקענט צופרידנשטעלן. צו קורץ איז געווען זיין אָטעם — און ניט איינמאָל האָט אים די צעפלאַמטע קאַבאַליסטישע פאַנטאַזיע קאַטאַסטראָפאַליש אָפּגענאַרט. דאָס פאָלק האָט אינסטינקטיוו געזוכט

א מער־ערדישע האפנונג, א מער־נאטירלאכע גאולה. און דאס אלץ האט דאס פאלק געפונען אין דעם פאעט, וועלכער איז מיט זיין גאנצן מהות און לעבן געווען דער פארקערפערטער סימבאל פון אלע זיינע חלומות אויף גאולה.

סימבאליש פארן גאנצן אידישן פאלק — ווארפט ער אוועק שפאניע אויף די עלטערע יארן. פארלאזט רום, רייכקייט און זיין אייגענע משפחה, און לאזט זיך, אויסשטייענדיק אלע געפארן פון א וויטער נסיעה אין יענער צייט, אויפצוגיין צו זיין אייגן לאנד, צום לאנד פון פאעטס חלום. זיינע פריינט ווילן אים פארהאלטן, אזוי ווי דער מלך פון די כוזרים וויל פארהאלטן דעם חבר, אין זיין ספר־הכוזרי. אבער דער חבר, דער פאעט יהודה הלוי, שלאגט אים אפ אויף אלע זיינע טענות. דער דראנג, וואס אין זיין הארצן, איז צו שטארק, צו פארכאפנדיק — און אנדערש איז ניט מעגלאך. אויב איר ווילט, אט האט איר ממש די רעאליזירונג פון דער גאולה אין דעם פאעטס ווערטער. „אז ירושלים וועט בלויז דאן געבויט ווערן, ווען דאס פאלק וועט אויסגיין נאך איר פון ביינקשאפט און קושן די שטיינער אירע און איר ערד" (כוזרי, מאמר חמישי, סימן כ"ז).

דער פאעט, דאס הארץ פון זיין פאלק, האט זיך צוגעהערט צום פייער־דיקן רוף — און איז געגאנגען. און דאס אידישע פאלק האט אים דערפאר אפגעצאלט, און אים אייביק ניט פארגעסן. ווארים ער איז געווען דער חלום פון זיין חלום, און די הארף פאר זיינע טרויעריקע לידער.

ב.

יהודה בן־שמואל הלוי איז געבוירן געווארן אין טאלעדא, דרום־קאס־טיליע, אין יאר 1085. אז דער צוקונפטיקער פאעט איז אונטערגעוואקסן, האט אים זיין פאטער געשיקט נאך לוצענא, אין דער מחמדנישער שפאניע, אין דער בארימטער ישיבה פון ר' יצחק אלפסי. ער קריגט אויך א טיפע, גרינטלאכע ידיעה אין דער גריכיש־אראבישער פילאזאפיע און לערנט מע־דיצין. נאכדעם ווי ער פארפאלקאמט זיך אין ידיעות — קערט ער זיך צוריק נאך זיין געבורטשטאט טאלעדא און פארנעמט זיך מיט מעדיצין. „איך בין פארנומען טאג־ווי־נאכט מיט די נארישקייטן פון רפואה — שרייבט ער צו איינעם א פריינט, דוד בן־יוסף פון נארבאנא — די שטאט טאלעדא איז גרויס, און די באפעלקערונג איז א ריזיקע, און זיי זיינען שווערע הארן, וואס פאדערן מיין פולע צייט".

ווי לאנג דער פאעט האט געלעבט אין טאלעדא איז ניט באקאנט. ווי עס זעט אויס, האט ער דארטן חתונה געהאט, און דארט איז געבוירן

געוואָרן זיין געליבטע טאָכטער, זיין איינציק קינד. ער האָט זיך מער ניט געקענט איינלעבן אין דער קריסטלאָכער אַפּגעשטאַנענער קאַסטיליעז, און ער ציט זיך איבער אין דער מחמדנישער קאָרדאָווע, דאָס פּלאַץ פון וויסנ־שאַפט און פרייען געדאַנק. ער קומט אין באַרירונג מיט די שענסטע גייסטער פון זיין צייט און זיינע פּאָעטישע און פילאָזאָפישע כחות דערגרייכן צו זייער העכסטער מדרגה.

אַזוי ווי זיין פאָרגענגער שלמה אבן־גבירול, אַזוי האָט ער אויך שוין מיט זיינע איגנלשע לידער געצויגן אויף זיך אויפמערקזאַמקייט און באַוואונדערונג פון זיינע צייט־חברים. אָבער ער האָט געהאַט דעם פאָרצוג, וואָס מיט זיין קומען איז שוין די העברעאישע פּאָעזיע געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה פון שלמות. ער האָט שוין געהאַט פאַר זיך בן־גבירול'ס נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּאָעזיע און אבן־עזרא'ס פּלאַסטישע שילדערונגען. דער יונגער לוי האָט בלויז באַדאַרפט צוגעבן די איינגאַרטיקע מוזיק פון זיין וואָרט — ווייל ער איז געווען דער צויבער־מוזיקער, וואָס האָט זיין פרישקייט און זיין מוזיק אַריינגעגאָסן אין דער העברעאישער שפּראַך. פאָרם און וואָרט האָבן זיך אין זיין ליד אויסגעגאָסן האַרמאָניש, ניט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן פון דער אַראַבישער מעטריק און די קונציקע אַקראָסטיכן. דאָס איז געקומען דער מייסטער פון וואָרט — און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס אַלע פריערדיקע פּאָעטן, חכמים און געלערנטע האָבן מיט אַזאַ אַנטציקן און באַוואונדערן אויפגענומען דעם געבענטשטן אינגל־פּאָעט מיט זיין דערשיינען. עס לוינט זיך אַפּצושטעלן אויף דער זעלטענער פריינטשאַפט צווישן אים און זיין עלטערן חבר משה אבן־עזרא. אבן־עזרא, וואָס איז ביי דעם יונגן לוי'ס קומען געווען שוין דער באַרימטער דיכטער, האָט באַלד מיט זיין פיינעם קריטיש־עסטעטישן חוש דערשפּירט די גרויסע פּאָטענציעלע מעגלאַכקייטן, וואָס באַהאַלטן זיך אין דעם יונגן טאַלאַנט — און אים באַגריסט מיט באַגייסטערטע לידער־ווענדונגען:

פון קאַסטיליען איז אַ שטערן
אויפגעגאַנגען אויף דער וועלט —

דידאָזיקע פריינטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן באַלד מיט די ערשטע טריט פון דעם לוי אין דער פּאָעזיע — און זיך געענדיקט ערשט מיט אבן־עזרא'ס טויט. די לידער־ווענדונגען פון די צוויי פּאָעטן זיינען, דאַכט זיך, איינציק אין זייער מין אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. מיט וואָס פאַר אויפריכטיקייט און פאַרהערלאַכנוג דער עלטערער פּאָעט בויגט זיך פאַרן אינגערן און זינגט וועגן אים:

זיין פערז — ווי אָניקס־שטיינער אויף בריליאַנטן.
ווי שוואַרצער ווײַן, וואָס פּרירט אויף אײַז אויף ווייסן;
זיין וואָרט איז טיף און וואַניק — און פּאַעטן
זיי קומען קליגן זיך זיין מיין אַרויסצואווייזן.
די לידער, וואָס די וועלדער גריסן רווישנדיק,
און דופּטנדיקע בערג אַנטקעגן טאַנצן;
די לידער, וואָס פאַרמעסטן זיך מיט שטערן,
און ווי די שטערן לויכטן זיי און גלאַנצן.
דו הערסט די לידער און דו שטייסט פאַרציטערט,
און פרעגסט: ווי קען אַ מאַן די שטערן פאַנגען?

און אזוי ווייטער*).

די לידער פון דעם עלטערן פּאָעט צו דעם אינגערן, דורך זיין גאַנצן וואַנדער־לעבן, זיינען פול מיט אינטימע איבערלעבענישן; ער פאַרטרויט זיך אין אים — ווייל ער איז זיין אינטימער באַגלויבטער חבר און פריינט. מען שפּירט בחוש, אַז עס פאַלן־אָפּ זיינע ליידן, עס ווערט אים גרינגער, ער רעדט זיך אַראָפּ פון הארצן פאַר דעם אינגערן פּאָעט.

און מיט וואָס פאַר אַ יראת־הכבוד און דרך־ארץ יהודה הלוי ענטפערט זיין עלטערן חבר און פריינט — אַזוי שטייט אַ געניאַלער תלמיד פאַר זיין גרויסן רבין — ער שרייבט צו אים:

ווי קען איך רו נאָך דיר, פּאָעט, געפינען?
דו וואַגלסט, וואַנדערסט — און מיין הארץ גייט־מיט.
— — — — — — — — — — — —
דו, מערב־ליכט, צום מערב קום צוריק,
און איטלאַך הארץ און זעל באַשטראַל, באַגליק.

אָדער אין אַנאַנדער ליד, וואו ער רעדט וועגן דעם, וואָס זיין עלטערער חבר און פריינט האָט פאַר אים געטאָן, אים געהאָלפן קומען צום פּאָעטישן אויסדרוק:

דו האָסט גאָלד פולע הויפנס גענומען,
געשמידט קרוינען פאַר זייערע קעפּ;

*) ס'איז אַ וואונדער, וואָס אין זיין בוך „שירת־ישראל" שטעלט זיך משה בן־עזרא ניט אָפּ באריכות וועגן יהודה הלוי. ער דערמאָנט אים בלויז פאַרבייגייענדיק אין אַ קורצער באַמערקונג צוזאַמען מיט אברהם אבן־עזרא. סיידן מיר זאָלן אָננעמען, אַז זיין העכסטער ליב און פאַרערונג האָט ער שוין געהאַט אויסגעדריקט אין פּאָעטישער פאָרם אין זיינע לידער־ווענדונגען.

אבער איך בין אין צווייען דיר שולדיק,
און דיין קנעכט בין איך כל־זמן איך לעב.
און ווען וועל איך זיך קענען באפרייען? —
בין פארקויפט צו דיר אייביק — און גאר.
האב געדינט דיר אין קינדהייט און יוגנט,
און אויך איצט אין די רייפע יאר.
קען איך טראכטן פון עמיצן אנדערש —
ס'איז פארשיכורט מיט דיר מיין געמיט;
אז געוועז איז מיין ליד אן אלמנה,
און האסט זי ווי א כלה צעבליט.

דידאזיגע פריינטשאפט זייערע — די ליבע פון דוד און יהונתן — איז דורכגעגאנגען זייער גאנץ לעבן, און ביזן יאר 1139, ווען משה אבן־עזרא איז געשטארבן.

ג.

דער יונגער לוי האט אנגעהויבן, ווי דער שטייגער איז געוועזן פון יענער צייט, און אפשר אויך פון אלע צייטן, מיט וויין־ און ליבע־לידער, מיט ווידמונגען צו פריינט און באקאנטע פערזענלאכקייטן, מיט רעטענישן און שטיפערייען. ער האט געוואוסט די פריידן פון יוגנט און ליבע, און זיך פארשיכורט מיט זייער וויין. עס איז דא פון אים א גאנצע שורה ליבע־לידער, וואס האט נאך ביז היינט אויפגעהאלטן איר ערשטן חן און פרישקייט. די טענצערן טאנצט —

— — — — — — — זי ווארפט
די שלייערן אראפ און בלייבט ניט נאקעט,
ווייל חן און פראכט און שיינקייט וויקלען זי ארום.
— — — — — — — — — — — — — — — —
די נאכט, ווען ס'האט מיין שיינקייט מיר אנטפלעקט
איר קלארע באק און כוואליעס לאנגע האר,
די גאלדיק־רויטע האר, וואס האבן צוגעדעקט
איר בלאסן שטערן ווי קרישטאלן קלאר —
געגליכן צו דער זון אין אויפגיין: וויקלט־איין
און צינדט די וואלקנס אין א פלאמיק־רויטן שיין.

אַן ערשט־ראַנגיקער פּאָעט רעדט אַרויס פון זיינע נאַטור־שילדערונגען. ער רעדט מיט אימאַזשן, און די אימאַזשן זיינען אַזוי שאַרף און בולט, היינט פּונקט ווי אין דעם טאָג, וואָס זיי זיינען געשריבן געוואָרן:

די ערד האָט געבעטן נאָך געזויגן ווי אַ קינד
די שטראָמען פון דעם ווינטערדיקן רעגן;
צי ווי אַ כלה, שמאַכטענדיק נאָך איר באַגערטן,
פאַרביינקט נאָך זומער, שווייגנדיק געלעגן.
— — — — — — — — — — — — — — —
די בלומען זיינען זייער שיין, און ס׳דוכט מיר,
זיי האָבן פון קאַליר באַרויבט די שטערן.
— — — — — — — — — — — — — —
די הענגלאַך טרויבן זיינען קיל ווי שנייען,
נאָר אין זיי גליען פלאַמענדיקע פונקען.
— — — — — — — — — — — — — —
עס לאַכט די ערד צו דעם געוויין פון רעגן,
זי לאַכט — און ס׳שטייען טרערן אויף איר פּנים,
ווי פּערלדיקע שפּריצן פון פאָנטאַנען — — —

נאָר צו וואָס דאָס ציטירן — זאָל דער לעזער אַריינקוקן אין די לידער און לייענען. כמעט יעדע שורה פון זיינע ליבע־ און נאַטור־שילדערונגען זיינען רייף און פול אָנגעגאָסן, ווי אַ צייטיקער פולער ווייַנטרויב. וואָס פאַר אַ גוואַלדיקן מהלך די העברעאישע פּאָעזיע האָט דורכגעמאַכט זינט דעם יונגן שלמה אבן־גבירול. דער קרייַנקלאַכער בן־גבירול האָט כמעט אינגאַנצן די נאַטור ניט געשילדערט. ביי משה אבן־עזרא׳ן האָט נאָך דער אינהאַלט געקעמפט מיט דער שפּראַך — און ביי דעם תלמיד, ווען עס איז באַשערט געווען אַריבערצושטייגן דעם רבין, זיינען שוין אינהאַלט, שפּראַך און פאָרם — אַרויסגעקומען האַרמאָניש, סינטעטיש, אין איין ליכ־טיקער סימפאָניע.

און אויף דעמאָזיקן מין לידער האָט דאָס דעם דיכטער פאַרדראָסן אויף דער עלטער, פאַרוואָס ער האָט זיי געשריבן. ער האָט חרטה געהאַט אויף דידאָזיקע „יוגנטלאַכע זינד" זיינע, און גענומען אַ תשובה אויף זיך מער ניט צו דיכטן, — ווי זיין תלמיד שלמה פּרחון פון סאַלערנאָ דערציילט אין יאָר 1160 וועגן זיין רבין, ר׳ יהודה הלוי. ער האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך באַנוצט מיט דער אַראַבישער מעטריק; ער האָט געהאַלטן, אַז די פרעמדע פאָרמען האָבן פאַרדאָרבן די שיינקייט פון דער העברעאישער

שפּראַך. „מיר האָבן גענוג אייגענע ברייטקייט געהאַט אין אונזער אַלטער פּאָעזיע, וואָס שעדיקט ניט די העברעאישע שפּראַך" — אַזוי זאָגט ער אין זיין ספר הכוזרי (מאמר שני, סימן ע"ח), דער פּאָעט צו זיינע עלטערע יאָרן, ווייל אַוועקוואַרפן אַלע פרעמדע פאָרמען, אין וועלכע די העברעאישע פּאָעטיק האָט זיך איינגעצוימט, און זיך אומקערן צו די יסודות פון אַלט־העברעאישן פערז, ווי מיר געפינען אים אין תנ"ך.

נאָר ניט אין זיינע יוגנטלאַכע לידער, שיין און חנעוודיק ווי זיי זאָלן ניט זיין, ליגט די גרויסקייט פון יהודה הלוי — זיין עכטן אויסדרוק און זיין אמתע גאונות האָט ער געפונען אין זיינע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע לידער.

ד.

דאָס איז די רעליגיעזע פּאָעזיע פון יהודה הלוי:

גאָט, וואו זאָל איך דיך געפינען —
אַז דיין פּלאַץ איז פאַרהוילן, פאַרשטעלט;
און וואו זאָל איך דיך ניט געפינען —
אַז דיין כבוד פילט־אָן די וועלט.

— — — — — — — — — — —

די העכסטע הימלען אים דערטראָגן קענען ניט,
און געניִדערט אויף סיני און אין דאָרן געגליט.

— — — — — — — — — — —

בין איך ווייט פון דיר — שטאַרב איך ביים לעבן,
בין איך נאָענט צו דיר — לעב איך אין טויט.

דאָס איז אַ המשך פון דעם רעליגיעז־געטלאַכן אידישן געפיל פון די אַלטע זינגער פון תהלים: „וואו זאָל איך אַהינקומען פאַר דיין גייסט, און וואוהין זאָל איך פון דיר אַנטלויפן". שלמה אבן־גבירול האָט דאָסדאָזיקע געפיל ווייטער געצויגן, און ער זאָגט: „און אויב דו וועסט מיין זינד אויסזוכן, וועל איך פון דיר צו דיר אַנטלויפן, און פון דיין זון באַהאַלטן זיך אין דיין שאָטן". און יהודה הלוי זאָגט:

נאָר פעסט אָן ברעג פון מאַנטל זיינעם האַלט איך מיך —
און ער איז פירכטערליך און וואונדערליך.

ער זוכט ניט וואו צו אַנטלויפן, ער וויל זיך ניט באַהאַלטן, פאַרקערט, ער קלאַמערט זיך און האַלט זיך פעסט, מיט אַלע זיינע כחות, אָן ברעג פון מאַנטל.

זיין וועזן איז אָנגעזאַפּט און דורכגעשטראַלט מיט אַ ליכטיקער ליבע און אַ דבקות צו גאָט, צום גאָט פון אברהם, דעם גנעדיקן און דערבאַרעמדיקן, וואָס טיילט זיין השגחה און ליבע צו אַלע באַשעפענישן. דערפון נעמט זיך זיין העפטיקע התנגדות צו דער גריכישער פילאָזאָפיע און וועלט־אַנשויאונג, וועלכע ער באַקעמפט אין זיין „כוזרי״, און אפילו אין זיינע לידער. דער אידישער פּאָעט, מיט דעם אידיש־רעליגיעזן געפיל אין האַרצן, האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט מסכים זיין, אַז לית דין ולית דיין, אַז עס איז ניטאָ קיין השגחה פּרטית, און אַז דער וועלט־באַשאַף האַלט זיך און ווערט געפירט פון זיין אייגענער אינערציע. ער וואָרנט פון דער דאָזיקער קאַלטער, האַרצלאָזער גריכיש־פילאָזאָפישער וועלט־אַנשויאונג:

ניט פאַרפירט זיי פון גריכישער חכמה,
דען זי גיט ניט קיין פּרוכט אונז — בלויז קווייט;
אַז די וועלט שטייט פון אייביק און אייביק,
ס׳איז דער הימל פון תמיד צעשפּרייט.
אַז עס האָט מעשה־בראשית קיין אָנהויב,
און די צייט האָט קיין אָנהויב און ענד;
הערסט די ווערטער פון אירע חכמים,
און זיי האָבן קיין האַפט און צעמענט.
קערסט זיך אום מיט אַ האַרץ מיט אַ ליידיקס,
פּוסטע ווערטער אין מויל — גיי אַוועק.
נאָך וואָס בלאָנדזשען אויף שטעגן אויף קרומע,
און פאַרלאָזן דעם אָפענעם וועג?

דער פּאָעט האָט געפונען זיין וועג, און דאָס איז געווען דער וועג, וואָס פירט דורכן האַרצן. ער זאָגט:

און מיין האַרץ האָט דערזען און געגלויבט דיר,
ווי עס וואָלט ביים באַרג סיני געשטאַנען —

ער האָט דערזען מיטן האַרצן און געגלויבט.

גאָט — איז זיין ערשטע ליבע, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּאָעטס גאַנצן מהות און אים פאַרשלונגען. און זיין צווייטע ליבע — זיין מסירת־נפשדיקער געפיל צו זיין פאָלק. דאָס פאָלק, וואָס „איז צווישן אַנדערע פעלקער, ווי ס׳האַרץ צווישן די אַנדערע אברים פון גוף—און ס׳איז געזינטער. ס׳ליידט מער פון אַלע אַנדערע אברים פון גוף״ (כוזרי, מאמר שני, סימן ל״ו), דער פּאָעט איז

ממש שיכור פון פיין, ווען ער רעדט פון די יסורים און ליידן פון זיין פאלק. דאס נאציאנאלע ווערט אויסגעמישט מיטן רעליגיעזן — און עס איז שווער אפצוטיילן איינס פון דעם צווייטן. זיין טיפער צער און רחמנות, זיין לויטערע ליבע, און זיין צעווייטיקט הארץ — ברויזן צוזאמען אין זיינע נאציאנאל־רעליגיעזע אויסגוסן. דער פאעט ווערט פארוואנדלט אין יענעם גליענדיקן דארן, וואס ברענט און ברענט — און ווערט ניט פארברענט.

וואונדערבארע ציונאדן פון יהודה הלוי — וואס האבן אויפגעהאלטן זייער זיסקייט און ביטערניש דורך א משך פון געגויע טויזנט יאר. זיין שמייכל דורך טרערן — און זיין געוויין דורך שמייכל. די קליינע אלטע פיוטים פון די פארגעלבטע אלטע מחזורים קוקן ארויס, ווי ליכטיקע אנטיק־ווארע פערל, וואס זיינען אויסגעווארעמט און אויסגעווייינט געווארן פון די הערצער פון א צעריסן אומגליקלאך פאלק. ער איז געווען די הארף פון קיניג דוד'ס צוקאפנס, וואס האט אויפגעציטערט ביים מינדסטן נאכטיקן ווינטל. זיין אומגעהויערע בייינקשאפט האט דערגרייכט צו אמתער השתפכות־הנפש. עס האט אפגעקלונגען פון דער הארף דאס טיפע גלויבן פון דעם געפייניקטן, וואס ווערט דערהויבן און געלייטערט דורך יסורים:

דער שאטן זאל זיך אפציען פון אונזער וועלט,
די זון זאל זיך צעשטראלן קלאר און שארף;
דאס ליכט פון דוד'ס הויז, ווי לאנג וועט זיין פארשטעלט,
און ביז ווי לאנג וועט שטומען די לוים'ס הארף?
זאל גאט, וואס האט פאריאגט זיי, ברייננען זיי צוריק —
און וועלט זאל ווערן אויפגעריכט מיט זון פון גליק.

— — — — — — — — — — —

גייסטויסן אין רוים דער פארהאסטער,
אין ווייטער אראביע פארטריבן;
געשמאלצן אין גריכישן טיגל,
אין פערזישער קנעכטשאפט צעריבן.

— — — — — — — — — — —

געזאגט האבן מיינע באדריקער:
ס'האט אפגעטאן גאט זיך פון מיר —
נאר כ'וויים, מיין דערלייזער איז מאכטיק,
און וואונדער באווייזט ער ווי פריער.

— — — — — — — — — — —

איז דאָס הייליק פאָלק געוואָרן
וואַכיק אין זיין וועג דעם לאַנגן —
פון אַ רויז צווישן דערנער
קענט איר שיינקייט דען פאַרלאַנגען?

— — — — — — — — — — — — — —

פאַרפלויגן איז די טויב די עלנטע אין וועלדער,
און האָט זיך מער ניט אויפהויבן געקענט;
געפלאַטערט אַ פאַרמאַטערטע, געפטרטע,
איר ליבהאָבער געזוכט אין ווייטער פרעמד.

און נאָך, און נאָך, אָן אויפהער. ביז די אַלע געזאַנגען גיסן זיך צונויף אין איין מעכטיקן אַקאָרד, פון די אַלע פונקען ווערט איין גרויסער פייער, וואָס רייסט זיך אַרויס פון זיינע לעצטע ציון־לידער. דעם פּאָעטס ברענענדיקע בייגקשאַפט און זיין ליידנשאַפטלאַכער באַגער — זיינען אויסגעוואַקסן צו גרויס און צו שטאַרק, און ער מוז זיי געבן אַ רעאַלן, ממשותדיקן אויסדרוק.

אין יאָר 1140, נאָך זיין ווייבס טויט, און נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן „ספר־הכוזרי" — באַשליסט דער פּאָעט צו פאַרלאָזן שפּאַניע. ער רייסט זיך אַרויס פון זיין איינגעוואָרצלטער סביבה, ער צעשיידט זיך מיט זיין איינציקער טאָכטער און אייניקל, און לאָזט זיך מיט אַ הייפל באַגלייטער צום הייליקן לאַנד.

ה.

דאָ קומען מיר צום פינאַל, צום שלום־אַקאָרד, וואָס טראָגט דעם נאָמען יהודה הלוי. זיין צוג דורך די שפּאַנישע קהלות ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טריאומף־צוג, און דער דיכטער ווערט אַרומגערינגלט מיט ליבע און פאַרערונג. זיין מאַרשרוט איז פאַר אונז רעגיסטרירט אין זיינע רייזע־ און ים־לידער, און אין די לידער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין מצרים און אויפן טייך נילוס. אַלעקסאַנדריע, וואָס האָט פון אַלטע צייטן־אָן געהאַט אַ גרויסע אידישע קהלה, נעמט־אויף דעם פּאָעט — און וויל זיך מיט אים ניט שיידן. זיינע פריינט און פאַרערער בעטן זיך ביי אים, ער זאָל זיך באַזעצן צווישן זיי, און זאָל ניט פאָרזעצן זיין נסיעה. ארץ־ישראל איז דעמאָלט ניט געווען זיכער פאַר אידן — דאָס לאַנד איז געלעגן אין די הענט פון די נוסעי־הצלב. ער פאַרהאַלט זיך אַ לענגערע צייט אין מצרים — נאָר ער רייסט זיך אַרויס און לאָזט זיך ווידער אין וועג אַריין צום לאַנד —

ווען ס'איז צעברעכט פון זיין פלאם,
וועמעס ערד ס'איז צעווייקט פון זיין טרער.

ער דערגרייכט ביז דעם מדבר־יהודה — און דא פארשווינדן פון אים אלע שפורן. די פאלקס־לעגענדע דערציילט, אז ווען ער איז צוגעקומען צו די טויערן פון ירושלים, איז ער צוגעפאלן צו דער ערד, זינגענדיק זיין ליד „ציון, הלא תשאלי". א מחמדנישער רייטער, וועמען עס האט פארדראסן צוצוזען די באגייסטערטע התלהבות פון דעם אלטן זינגער, איז אויף אים אנגעלאפן און אים צעטראטן מיט די קלויען פון זיין פערד.

* * *

די שקיעה פון דעם לעצטן גרויסן פאעט פון דער אידיש־שפאנישער גאלדענער תקופה איז פארגעקומען, ווען ער איז נאך געווען ביי זיינע שטארקסטע שאפנדיקע קרעפטן. אויף דעם זאגן עדות זיינע ים־לידער. עס הויכט פון זיי מיט אזויפיל קראפט, מיט ברייטער גבורה, מיט געצוימטער פלאסטיק און ריטמיש־מוזיקאלישן אטעם. עס איז גענוג צו דערמאנען זיין „ים סוער", וואס לייענט זיך אין אידיש:

כוואליעס יאגן, כוואליעס שלאגן,
רוישן, ברויזן אין דעם מער;
ס'זידט דאס וואסער ראש און ראשער,
מישט זיך, גיסט זיך טריב און שווער.

אדער דעם פינאל פון דער גרעסערער פאעמע: „זאל ס'הארץ דיינס אין ים זיך ניט שרעקן", אין דער פאעמע, וואו עס ווערט איבערגעגעבן אין קינסטלערישע בילדער דער שטורעם אויפן ים, און שפעטער, די שטילקייט, וואס נאכן שטורעם —

דער ים איז אין שיין גלייך צום הימל,
צוויי ימען צוזאמען געגאנגען —
א דריטער ים, ס'הארץ מיינס, שלאגט צווישן
מיט כוואליעס פון נייע געזאנגען.

די לעגענדע פון אכט הונדערט יאר צוריק איז נאך ביים לעבן, און איז נאך בכח צו באפרוכפערן די שאפנדיקע כחות פון א פאלק און א ליטעראטור מיט איר גייסטיקן שיין.

מיטן מאָרגנשטערן

כל כוכבי בקר . . .

די מאָרגנשטערן זינגען דיר אַ ליד —
ס'איז דיין דער שימער זייערער, וואָס גליט;
גאָט'ס קינדער אַלע שטייען אויף דער וואַך
און זינגען לויב דיין נאָמען טאָג און נאַכט;
דאָס הייליק פאָלק נעמט-איבער זייער וואָרט
צו זוכן פון דיין ליכטיק הויז דאָס אָרט.

יהודה הלוי

נאָך איידער...

ידעתני בטרם...

נאָך איידער דו האָסט מיך באַשאַפֿן
האָסטו מיך, מיין גאָט, שוין געקענט;
דו וואַכסט איבער מיר, כל־זמן ס׳גליט נאָך
דיין פונק אין מיין האַרצן און ברענט.
קען איך אַ באַשטאַנד וואו געפינען —
אויב ווילסט מיך פאַרשטויסן פון אָרט?
און ווי קען איך גיין נאָך מיין ווילן —
אויב אָפּשטעלן טוט מיך דיין וואָרט?
און וואָס קען איך זאָגן און ריידן —
עס ליגט מיין געדאַנק אין דיין האַנט;
און וואָס קען איך אויפטאָן, אויב דו וועסט
ניט קומען צוהילף מיין פאַרשטאַנד?
איך רוף דיך אין צייט פון דיין ווילן,
און וואַרט אויף דיין ענטפער, מיין גאָט;
און ווי מיט אַ פאַנציר באַקלייד מיך,
און וויקל מיך איין מיט דיין גנאָד.
לאָז פעדערן זיך אין דיין הויז —
צו לויבן דיין נאָמען, וואָס גרויס.

י. י. שווארץ

דאַנק

יעירוני בשמד...

מיין געדאַנק האָלט מיך וואַך אין דיין נאָמען
פאַר דיין איטלאַכן חסד באַזונדער;
האָסט פאַרקניפּט מיט מיין לייב אַ נשמה,
איז אין מיר, און זי בלייבט מיר אַ וואונדער.
און מיין האַרץ האָט דערזען און געגלויבט דיר,
ווי עס וואָלט ביים באַרג סיני געשטאַנען;
אין מיין וואָלקן אַראָפּ איז די שכינה
און זי איז אין מיין זעאונג פאַראַנען.
דער געדאַנק האָט פון בעט מיך געהויבן
דיר צו דאַנקען, מיין גאָט, און צו לויבן.

י ה ו ד ה ה ל ו י

שלאָף ניט . . .

ישן, אל תרדם . . .

שלאָף ניט, דיין וועלט ניט פאַרשלאָף,
וואַרף זיך פון נישטיקייט אָפּ.
ווייך פון די וועגן פון מענטשן,
הויב צו׳ם הימל דיין קאָפּ.
לויף דיין באַשעפער צו דינען,
ווי שטערן אין הימלישן ראָד;
שלאָף ניט, גענוג דיר צו שלאָפן —
בעט, זיי מתפלל צו גאָט.

אויף, און דערזע זיינע הימלען,
זיי מיט גאָט׳ס וואונדער באַקאַנט;
זע, זיינע הויכע געצעלטן
היינגען אַראָפּ פון זיין האַנט.
זיינען די שטערן זיין זיגל,
אויפשריפט אין געטלאַכן רינג —
ציטער, דו מענטש, אין זיין אימה,
האָף, און ס׳וועט ווערן דיר גרינג.

י. י. שוואַרץ

גיי מיטן וועג פון די גרויסע —
האַלבנאַכט אין זייערע טריט:
לויבליד צו גאָט זייער לשון,
ליכטיק איז זייער געמיט.
זייערע נעכט זיינען תפלות,
פייניקונג — זייערע טעג;
האַרץ איז אַ ליכטיקער לייטער
ס'פירט דיך צום הימל זיין וועג.

ס׳איז גוט און וואויל...

בביתך מחנה...

ס׳איז גוט און וואויל צו רוען אין דיין הויז —
דעם פאָלק, פון וועלכן ס׳לויכט דיין נאָמען העל ארוים.

דער נאָמען, וואָס אין הויך פון וועלטן איז פאַראַן —
און לעבט אין דעם געפּייניקטן און מידן מאַן.

די העכסטע הימלען אים דערטראָגן קענען ניט —
און געשנידערט אויף סיני, און אין דאָרן געגליט.

ס׳איז זייער ווייט און זייער נאָנט זיין וועג —
אין אַלץ, וואָס עס איז דאָ, און פונזיינעטוועג.

אין האַרצן טראָג איך דעם געדאַנק פון גאָט,
און אויף מיין צונג אַן ענטפער פון זיין גנאָד.

י. י. שוואַרץ

צום קוואַל פון לעבן

לקראת מקור חיי...

צום קוואַל פון לעבן מיינעם וועגד איך מיין געדאַנק,
ביז ס׳וועלן צו דער ערד מיך אומקערן די טעג.
וואָלט קלוג געווען מיין גייסט צו וויסן און פאַרשטיין,
אַז ער איז נאַר, וואָס בלייבט פון ערדישן פאַרמעג.
וואָלט וואַך געווען מיין האַרץ, פאַרשטאַנען, אַז אין טויט
וועט עס גאַר ווערן אויפגעריכט און אויפגיין העל —
אין טאָג, וואָס מיינע מעשים וועלן שטיין פאַר מיר,
אין טאָג, ווען גאָט וועט איינזאַמלען צו זיך מיין זעל.

אַ תפלה

אדוני, נגדך...

גרויסער גאָט, ביסט מיין איינציק באַגערן,
כאָטש איך ברענג עס ניט קיינמאָל צום ליפּ —
בלויז איין שמייכל דיינס וויל איך איין רגע,
און דערנאָך וועט דער טויט מיר זיין ליב.
און מיין גייסט אין דיין האַנט גיב איך איבער —
צו דעם שלאָף צו דעם זיסן באַרייט:
בין איך ווייט פון דיר — שטאַרב איך ביים לעבן,
בין איך נאָענט צו דיר — לעב איך אין טויט.
נאָר איך ווייס ניט מיט וואָס דיר צו דינען,
און מיט וואָס דיר געפעלן אַצינד —
איז באַווייז מיר, מיין גאָט, דיינע וועגן
און באַפריי מיך פון קנעכטשאַפט פון זינד.
ווייז דיין וועג, כל־זמן ס׳דינען די קרעפטן,
און מיין פייניקן זיך ניט פאַרשטער;
איידער ס׳פאַלט מיר דאָס לעבן צו משא,
און איין גליד אויפן צווייטן פאַלט שווער.
איידער כ׳ווער איבערגוואַלט אונטערטעניק,
ס׳ווערט געבראָכן און אַלט מיין געביין;
און אַהיים צו די פאָטערס און זיידעס
וועל איך גיין אַזוי עלנט און קליין.
כ׳בין אַ גאַסט, אויף אַ רגע געקומען,
נאָר די גרוב צו מיין היים איז די שוועל;

י. י. שווארץ

ס'האָט ביז היינט מיך מיין יוגנט פאַרנומען,
איז שוין צייט עפּעס טאָן פאַר מיין זעל.
דען די וועלט, וואָס איך טראָג אין מיין האַרצן,
האָט מיר זוכן דעם תּכלית געשטערט:
ווי אַזוי קען איך דינען מיין בורא,
אַז כ'בין שקלאַף צו די תּאוות פון ערד.
און ווי קען איך פון גרויסקייטן טרוימען,
אַז אַ וואָרעם איז מאָרגן מיין פריינט?
אַז איך ווייס ניט וואָס מאָרגן וועט ברענגען —
ווי קען איינגיין דאָס גליק מיר פון היינט?
און די טעג און די נעכט זיינען ערב,
אַז מיין ליבע וועט צערינען, פאַרצערט:
אַז איין העלפט וועלן ווינטן פאַרטראָגן,
און איין העלפט וועט פאַרשלינגען די ערד.
און די לוסט פון'ם בלוט איז מיך רודף,
ווי אַ שונא, און גיט נישט קיין רו;
און וואָס גיט מיר די וועלט, אויב כ'האָב דיך נישט,
און וואָס איז מיין גאָב — אויב נישט דו?
איך בין הויל, איך בין נאַקעט פון מעשׂים,
ס'איז דיין חסד מיין איינציק קלייד.
און וואָס נאָך בלייבט מיר איבער צו בעטן —
דו, מיין גאָט, ביסט מיין איינציקע פרייד.

אַ חלום

ישנה בחיק...

דו ליגסט אין אַ קינדערשן חלום —
ווילאַנג וועסטו ליגן?
זיי ווייסן, דיין יוגנט פאַרפליט באַלד
פאַרשעמט און אַנטשוויגן.

איז ליכטיקע יוגנט דען אייביק?
דערוואַך פון דיין שלאָפן —
און זע די שלוחים פון עלטער,
זיי נעמען דיך שטראָפן.

און טרייסל זיך אָפּ פון דעם צייטגאַנג —
צי טרויריק, צי מונטער —
ווי פויגלען, וואָס טרייסלען פון פליגלען
דעם נאַכט־טוי אַרונטער.

און פלי ווי אַ שוואַלב, זיך באַפרייען
פון פאַלשקייט און פלאָגן;
פון ליידן און פריידן, וואָס ברויזן,
ווי כוואַליעס, וואָס שלאָגן.

און יאָג זיך נאָך גאָט, נאָך דיין קיניג,
זיין סוד צו דערגרייכן —
ווי אַלע נשמות, וואָס לעכצן
צו אים אין די הייכן.

י. י. שוואַרץ

ווי טאָג אַזוי נאַכט...

יומם ולילה...

ווי טאָג אַזוי נאַכט צו גאָט זאָלט איר לויבן —
ער האָט מיך באַלויכטן, ער האָט מיך דערהויבן.

אין חושך געצונדן אַ ליכט מיך צו היטן —
און האָט מיר אין הימל אַ פענצטער געשניטן.

ער האָט פון זיין גלאַנץ איבער מיר געטאָן שפרייטן —
זיין גייסט האָט דורך משה'ן צו מיר געטאָן ריידן.

ער האָט מיך געפירט איבער ליכטיקע וועגן —
דורך אדום, פון סיני געלויכטן אַנטקעגן.

ווי נאָר כ'האָב זיין האָניק פון גלויבן געזויגן —
האָט ליכט זיך געצונדן ביי מיר אין די אויגן.

יהודה הלוי

ליבע

ייטב בעיניך...

זאָל וואויל געפעלן זיין אין דיינע אויגן
מיין ליד פון האַרצן און מיין לויבגעזאַנג —
דער טרייער, וועלכער האָט פון מיר זיך אָפּגעצויגן
צוליב די בייזע מעשים מיינע שוין פון לאַנג.
נאָר פעסט אָן ברעג פון מאַנטל זיינעם האַלט איך מיך,
און ער איז פּירכטערליך און וואונדערליך.
דער כבוד פון דיין נאָמען דאָס איז גאָר מיין ציר,
דאָס גאָר, וואָס איז מיר פון מיין מי געבליבן.
וואָס מער דו וויטיקסט מיך, אַלץ מער טו איך דיך ליבן —
דען וואונדערלאַך דיין ליבע איז צו מיר.

י. י. שווארץ

גאָט

יה. אנה אמצאך...

גאָט, וואו זאָל איך דיך געפינען —
אַז דיין פּלאַץ איז פאַרהוילן, פאַרשטעלט;
און וואו זאָל איך דיך ניט געפינען —
אַז דיין כבוד פילט-אָן די וועלט.

געפינסט זיך אין טיף פון די הערצער,
האָסט ברעגן פון ערד אויפגעשטעלט;
ביסט שטאַרקייט פאַר נאָנטע און שוץ פאַר די ווייטע,
און רוסט אין דיין הימליש געצעלט.

געלויבט פון די הערשאַפטן אויבן,
און העכער ביסטו פון לויב;
ניט גרוים זיינען ספערן דיך טראָגן —
היינט — ווי שוין א טעמפּל פון שטויב?

דו האָסט איבער זיי זיך דערהויבן
אויף דיין הויכן, דערהויבענעם טראָן;
ביסט נאָענט צו זיי דאָך און אייגן,
און גייסט און לייב פילסטו אָן;
דאָס מויל זייערס זאָגט אויף זיך עדות:
דו האָסט זיי באַשאַפן געטאָן.

יהודה הלוי

ווער טראָגט ניט דיין מורא אין הארצן —
דער יאָך פון דיין קעניגרייך נויט;
צי ווער טוט צו דיר ניט רופן —
אַז איטלאַכן גיסטו זיין ברויט.

דיין נאָענטקייט האָב איך געזוכט,
גערופן פון הארצן צו דיר;
און בין איך אַרויס דיר אַנטקעגן —
האָב איך דיך געטראָפן פאַר מיר.
אין וואונדער פון גבורה געוויקלט,
דיין הייליקייט האָב איך דערשפירט.

ווער איז, וואָס זאָל זאָגן, ער זעט ניט?
אַז הימל און ערשאַפט אָן צאָל
פאַרקינדיקן יעדן דיין מורא —
הגם מען פאַרנעמט ניט דאָס קול.

איז וואָר, אַז גאָט זיצט מיטן מענטשן
און גייט צווישן אונז מיט זיין גנאָד;
און יעדער, וואָס טראַכט, וואָס זאָל טראַכטן:
אַז ערד איז דעם מענטשנס יסוד.
און דו זיצסט פאַרהייליקט, באַערט
אין לויב און אין רום פון דער ערד.

מלאכים זינגען דיין וואונדער
אין הויכקייט פון אין־סוף;
דיין טראָן איבער זיי איז דערהויבן,
און דו האַלטסט זיי אַלעמען אויף.

י. י. שוואַרץ

צו דער נשמה

יונה פּותה...

דו נאַרישע טויב, פאַלסט מיט איטלאַכן טריט —
די קערנדלאַך זעסטו, די נעץ אָבער ניט.
דיין וועלט גייט פאַרביי, און עס בלייבט די נעץ ניי,
און וואָס ווערסטו ענטפערן גאָט דיינעם טריי?
מאַכסט שווער דיין געמיט, און דאָס לעבן פאַרפליט,
און דיין קראַפט גייט אַוועק. קוק זיך צו צו דיין וועג
און באַטראַכט נאָר געשווינט:
פון וואַנען דו קומסט און וואו גייסטו אַצינד?

איז ווייניק פאַר דיר נאָך דאָס שפּיל אויף דער ערד
אין פריידן פון צייט, פיל ס׳איז לעבן באַשערט?
אין פינצטערניש קומסטו, און שווינדסט באַלד אין שרעק —
שייד־אָפּ זיך, — עס קומען פון טרויער די טעג.
וואַרף נאַרישקייט אָפּ, האַלט געבויגן דיין קאָפּ,
דאָס האַרץ דיינס צעפליק יעדע רגע אויף שטיק;
גים טרערן ביז בלינד:
פון וואַנען דו קומסט און וואו גייסטו אַצינד?

און אויב דו קוקסט איצט ניט צום הימל אַרויף —
איז ווי ווערסטו קענען באַצאָלן דיין חוב
פאַר גאווה און שלעכטס, און פאַר אומרעכט און ווינד?
ס׳איז קראַנקייט דיין זינד, וואָס דיין פאַסטן מאַכט לינד,

י ה ו ד ה ה ל ו י

דיין ודוי מאכט ריין, און עס העלפט דיין געוויין,
ווען גאָט זען דיין נויט — ער גיט לעבן און טויט —
און פאַרגעבן דיין זינד:
פון וואַנען דו קומסט און וואו גייסטו אַצינד?

ביסט שיין, ווי די זון ביסטו ליכטיק און גוט —
וואָלסטו נאָר פאַרפלעקט ניט געווען אין בלוט.
ניט־ריין ביסטו, לויכטסטו דעריבער ניט העל,
און ווי קען דערלייזט זיין אין פלעקן אַ זעל?
וואַש־אָפּ זיך פון שמוץ און פאַרנעם זיך טאָן גוטס,
די זינדיקע פרוכט, וועלכע דו האָסט פאַרזוכט —
פאַרוואַרף זי געשווינט:
פון וואַנען דו קומסט און וואו גייסטו אַצינד?

י. י. שוואַרץ

פרילינג

ארץ כילדה...

די ערד האָט נעכטן נאָך געזויגן ווי אַ קינד
די שטראָמען פון דעם ווינטערדיקן רעגן —
צי ווי אַ כלה, שמאַכטנדיק נאָך איר באַגערטן,
פאַרביינקט נאָך זומער שווייגנדיק געלעגן.
ביז ס'האָט דער זומער זי געקושט, געוואָרעמט,
באַלעבט איר האַרץ, וואָס האָט געקלעמט צום שטאַרבן;
ווי אַ צעפּיעסטשעט מיידל בייט זי אירע קליידער,
געהאַפטן און געשטריקט מיט פרישע פאַרבן.
זי קליידט זיך יעדן טאָג אין נייע זאַכן,
און טוט אויף דאָס אַרומיקע קאָלירן ציען;
טאָג-טעגלאַך בייטן זיך איר חן און צירונג:
שמאַראַגדן גרינען און רובינען גליען.
אָט איז זי ווייס, אָט גרין, און אָט פאַררויטלט,
ווי אין איר קוש אַ מיידל רויט נעמט ווערן;
די בלומען זיינען זייער שיין, און ס'דוכט מיר,
זיי האָבן פון קאָליר באַרויבט די שטערן.
דעם וויינגאָרטן, וואָס ליגט צעשטראַלט אין זונשיין,
האָט זי געקושט מיט פייערדיקע צונגען;
די הייגלאַך טרויבן זיינען קיל ווי שנייען,
נאָר אין זיי גליען פלאַמענדיקע פונקען.

דער ווייַן וועט פֿון דעם קרוג ווי זון פֿאַרלויכטן,
און וועט אין דעם קרישטאָל ווי פֿלאַם זיך וועקן —
איך וואַנדער אום אין שאָטנס פֿון די בוימער,
עס לאַכט די ערד צו דעם געוויין פֿון רעגן.
זי לאַכט — און ס׳שטייען טרערן אויף איר פּנים,
ווי פּערלדיקע שפּריצן פֿון פֿאָנטאַנען;
זי פֿרייט זיך מיטן זינגפֿויגל, וואָס טרילערט,
מיט טויבנברום און סודות פֿון קאַשטאַנען.
זי זינגט פֿון אונטער בלעטער, ווי אַ מיידל
וואָס טאַנצט אַהינטער פֿאָרהאַנגען פֿאַרבאָרגן.
פֿאַרשווימט מיך און פֿאַרנעמט מיט צאַרטע דופֿטן,
און וועקט און רעגט מיין גייסט מיטן פֿרימאָרגן.
אַ ווינטל שפּילט זיך און צעפּאָכט די מירטן,
און טראָגט צו פֿריינט צו ווייטע זיסע דופֿטן;
די שלאַנקע פּאַלמענצווייגן פּאַטשן-צו
צום כאָר פֿון פֿויגל-לידער אינדערלופֿטן.

י. י. שוואַרץ

אַ ליבע־ליד

מה לך, צביה...

אויב שיידן זיך איזביידן אונז באַשערט —
איז וואָרט אַ רגע איידער גייסט אַוועק.
איך ווייס ניט: איז מיין האַרץ ביי מיר פאַרבליבן,
צי וואַנדערט עס מיט דיר צוזאַמען אין דיין וועג.
געדיינק די טעג פון אונזער ליבע, איך באַשווער דיך,
ווי איך געדיינק די נעכט פון לוסט צעשטראַלט;
ווי דיין געשטאַלט שוועבט תמיד אין מיין חלום,
אַזוי זאָל אויך פאַר דיר זיך טראָגן מיין געשטאַלט.
אַ ים מיט טרערן שלאָגט צווישן מיר און דיר —
צו דיר אַריבערטרעטן קען איך ניט;
נאָר וואָלסטו בלויז איין טריט געמאַכט אַנטקעגן,
וואָלט זיך זיין וואַסער שפּאַלטן פאַר דיין טריט.
אויב נאָך מיין טויט וואָלט צו מיין אויער צוקומען
דאָס גאָלדן גלעקל־קלאַנג, וואָס אויף דיין קלייד;
צי וואָלסטו זיך אויף דיין געליבטן נאָכפרעגן —
וואָלט איך פון קבר דיך באַגריסט מיט פרייד.
כ'האָב עדות צוויי, דו האָסט מיין בלוט פאַרגאָסן,
דיין רויטע ליפּ און באַק, וואָס ליכטיק ברענט.
דו קענסט ניט זאָגן „ניין“, זיי זיינען עדות:
מיין בלוט פאַרגאָסן האָבן דיינע הענט.
פאַרוואָס זאָלסטו מיין טויט באַגערן, אַז איך זוך
דיר צוצוגעבן יאָרן אָן אַ סוף?

האסטו מיין שלאף גערויבט אין נאכט פון ליבע,
גיב איך דאך דיינע אויגן אפ מיין שלאף.
דיין פייער האב איך מיט מיין טרער געלאשן,
און ס'האט דיין טרער געברענט מיין הארץ ווי סם;
אין פייער פון דיין לוסט און וואסער פון מיין טרער —
ברען איך אויף דיינע קוילן און דיין פלאם.
צווישן זיס און ביטער הייגט מיין הארץ:
דיין קוש און ביטערניש פון לעצטן בליק;
עס האט דיין ווארט מיין הארץ אויף דין צעהאמערט,
צעשוירן האבן עס די הענט דיינע אין שטיק.
די רויטע ליפן דיינע איבער ווייסע ציין,
רובינען אויף קרישטאלן זייער פראכט;
א זון — דיין פנים, און די שווארצע לאקן
פארציען איבער איר א שווארצע נאכט.
דאס קלייד פון גוף דיינעם איז האפט און זיידנס,
נאר חן און שיינקייט פון דיין אויג דאס קלייד.
דעם מענטשנס האנט באשאפט אים זיינע אוצרות,
דיין אוצר: פראכט, וואס ברייגגט אין לעבן פרייד.
און גארנישט ניט פארלאנג איך שוין פון לעבן —
דיין ליבע בלויז, וואס שטראמט פון דיר ארוים.
מיין זיסער האניק פליסט פון דיינע ליפן,
און אויף דיין ברוסט צעגליט מיין דופטנדיקע רויז.
זאל איך ניט וויסן פון מיין רעכטער האנט ביז לינקער,
אויב איך פארגעס דיין ליבע פון דער יוגנטצייט;
צעשיידונג האט פארביטערט מיך, נאר איך געדיינק
די זיסע קושן דיינע און דיין צערטלאכקייט.
גיב גאט, כ'זאל ווערט זיין נאכאמאל דערהערן
דיין דופט דעם צערטלאכן און שטאלצן גאנג;

י. י. שווארץ

איך הער ניט מער דיין קול, נאָר ס'קלינגט אין הארצן
פון דיינע טריט די איידעלע דער קלאַנג.
באַפעל דעם טויטן לעבעדיק צו מאַכן —
איך בין אַ קרבן דאָ געפאַלן צו דיין לוסט;
דו האָסט מיין הארץ אין וועג מיט זיך פאַרנומען —
באַפעל, עס זאָל זיך אומקערן צוריק אין ברוסט.

י ה ו ד ה ה ל ו י

אַנטפּלעקונג

לֵיל גלתה...

די נאַכט, ווען ס'האָט מיין שיינקייט מיר אַנטפּלעקט
איר קלאָרע באַק און כוואַליעס לאַנגע האָר —
די גאָלדיק־רויטע האָר, וואָס האָבן צוגעדעקט
איר בלאַסן שטערן דורכזיכטיק און קלאָר —
געגליכן צו דער זון אין אויפגיין: וויקלט־איין
און צינדט די וואָלקן אין אַ פלאַמיק־רויטן שיין.

צו אַ טענצערן

בעלת־כשפים...

די צויבערין, וואָס האָט זיך אויף אַ צייט צעשיידט
און האָט פון אירע פריינט דאָס לעבן אָפּגעקירצט —
איז ליכטיק ווי אַ זון, וואָס קיינמאָל ניט פאַרגייט,
און פון איר באַק גייט קיינמאָל ניט אַראָפּ די רויז.
די לענדן אירע נעמט אַרום אַ ברייטער שלייף —
איז דין און שלאַנק און בויגיק און גראַציעז.
איר באַק פאַרשעמט די לבנה מיט איר ווייסקייט,
און שווימט פון שלייער־פאַרהאַנגען אַרויס. זי וואַרפט
די שלייערן אַראָפּ — און בלייבט ניט נאַקעט,
ווייל חן און פּראַכט און שיינקייט וויקלען זי אַרום.

א גרוס דיר, שיינקייט, פון אין־דיר־ביז־טויט־פארליבטע,
נעם־צו א גרוס פון איינעם פון די שקלאפן דיינע;
איך גיב מיין נשמה אפ פאר בלויז איין נאכט,
אין וועלכער ס'זאל געפינען אויסלייזונג דיין שקלאף.
דו ביסט די ערד מיט אלע אירע גלוסטונגען —
ווי דורשט איך טרינקען פון דיין רויטער ליפ
און זיך פאר'שיכור'ן פון גליענדיקן בעכער.
די קארמין ליפן עפנען זיך צום זינגען —
זי נעמט איר הארף, ווי ס'נעמט א מאמע איר מינדסט קינד,
זי גלעט זי מיטן האנט און בויגט זיך נאנט
צו הערן מויל צו מויל וואס ס'קינד פארטרויט.
זי זינגט פון ליבע און צעשיידונג. ס'קלאגט דאס ליד,
איר שטים פארגייט זיך רירנדיק, א שטיל געוויין
צערייסט איר הארץ אויף שטיק, און טרערן פאלן,
אזעלכע ליכטיקע און קלארע ווי די פערל. —
וואס איז דיר, טייערע, וואס ווייסטו?...

י ה ו ד ה ה ל ו י

שפּילערייען

א.

זי:

ווען איך האָב אים אויף מיינע קני פאַרשפּילט,
און ער האָט אין מיין שוואַרצאַפּל דערזען זיין בילד —
האָט ער מיר אויסגעקושט די אויגן מיינע ווילד —
דער אָפּנאַרער — ניט מיך, געקושט האָט ער זיין בילד.

ב.

ער:

זי וואַשט איר זיידן קלייד אין מיינע טרערן,
און שפּרייט עס אויף דער זון, וואָס לויכט צעשראַלט;
זי דאַרף קיין קוואַלן ניט מיט מיינע אויגן,
און דאַרף קיין זון — ווייל זון איז איר געשטאַלט.

ג.

זי:

וואַך-אויף, געליבטער מיינער, פון דיין דרימל,
לאָז אויף דער וואָר מיר איינזאַפּן דיין שיין;
אויב עמיץ קושט אין חלום דיינע ליפּן —
וועל איך דיר פּותר-חלום זיין.

עפּיגראַם

אז דער קוואַל פון געזאַנג איז פאַרדאַרבן,
קען מיין זעל עס ניט מערער פאַרטראָגן:
ווי זאָל אָנשטיין דעם לייב גיין אויף וועגן,
וואו די פּיקסלאַך די קליינע זיך יאָגן?

י. י. שווארץ

פויל

עצל, הלא תבוש...

דו פוילעצער, שעמען זיך מעגסטו —
פאַרשלאָפסט דעם פרימאָרגן אין בעט;
ס'קלינגט פעלקער־געשריי אין דיין אויער —
דאָס דינען זיי גאָט דורך געבעט.
אַ פאָלק, וועלכעס וויים אים ניט, דינט אים —
קענסט דו, וואָס דו ווייסט אים, זיין שטום?
וואָס שלאָפסטו? אויף וואַך שטייען פרעמדע,
און דו ליגסט און הלומסט אַרום!

טעג פון יוגנט

מה לי ולכם...

וואָס ווילט איר פון מיר, טעג פון יוגנט מיינער,
וואָס כישופט איר דעם ליגן אין מיין הארצן?
עס לויכטן ווייסע האָר שוין ווי אַ קרוין
אַנשטאָט די יונגע האָר די שווארצע.

חברים זייט איר צו דעם מענטש ביים לעבן,
נאָר אוים־חברים — אין די קברות־שטיבער —
איר וועט מיך מערער שוין ניט איבעררעדן,
גייט בעסער, רעדט אַ צווייטן איבער.

איר ציט אָבער און כישופט — און עס וועט אייך
די זינד קיינמאָל ניט זיין פאַרגעבן —
אויב איר האָט רעכט — ווישט־אָפּ די שולד די גאנצע,
ארונטער פון די בלעטער פון מיין לעבן.

י ה ו ד ה ה ל ו י

דער פּאָעט רעדט:

יונה תקונן...

די טויב ברומט און רעדט אין די צווייגן —
פאַרקלעמט מיר דאָס האַרץ אויף אירריידן:
איר ווייטיק איז גרויס פּונקט ווי מיינער,
איין אומגליק געטראָפן האָט ביידן.
איך וויין אויף מיין פאָלק און מיין היימלאַנד,
ווי זי אויף איר נעסט, וואָס איז חרוב;
זי קלאָגט אויף איר חבר דעם טרייען,
ווי איך אָן אַ גואל און קרוב.
זי וויינט אויף די טעג פון איר יוגנט,
ווי איך — אויף פאַרשוואונדענע יאָרן;
די צייט האָט פאַרשניטן מיין וואָרצל,
האָט אויך אירע פליגל געשאָרן.
אויף איטלאַכן טריט איז אַ שטרויכלונג,
כ'האָב מורא פאַר יעטווידן שלעגער;
פאַר איר ליגן אויסגעשפּרייט נעצן,
זי ציטערט פאַר יעטווידן יעגער.
די ליידן פון צייט זיינען פיילן,
מיין ברוסט איז צעשאָסן אין וואונדן;
מיין האַרץ איז אויף שטיקער צעריסן,
און פלאַמפּייער ברענט דאָרט געצונדן.
ווען ניט פאַר מיין הויכער נשמה,
וואָס בייז קען צו איר ניט דערלאַנגען —

וואָלט איך אין דעם פינצטערן לאַנד שוין
פון ווייטיק און אַנגסט אויסגעגאַנגען.
זי האָט ווי די זון זיך צעלויכטן,
און וועט זיך ניט לאָזן פאַרפלעקן;
זאָל איך האָבן מורא פאַר מענטשן,
פאַר מיר לויפן לייבן אין שרעקן.
וואָס גייט מיר אָן נויט — אַז בריליאַנטן
גראָב איך פון די בערג פונם וויסן;
אויב הונגער — נעם עס זיינע פרוכטן,
אויב דורשט — טרינק זיין וואַסער דעם זיסן.
און וואָס איז מיר אומעט — זיין פידל
באַגריסט מיך מיט לידער, פאַרוויגט מיך;
וואָס דאַרף איך אַ פריינט און אַ חבר —
דאָס וואָרט פונם וויסן גענוגט מיר.
מיין האַרף און מיין פידל — אין פעדער,
אין ביכער — מיין לוסטגאָרטן שיינער;
מעג וועלט מיט דאָס ערגסטע מיך שטראָפן,
ס'איז שטאַרקער מיין האַרץ פאַר די שטיינער.
האָב איך מיט איר וויין זיך באַטרונקען —
דאַרף ליב זיין איר הייוון, איר צאָרן;
געוואוינט צו איר שלעכטס איז מיין נשמה,
פון גאַל איז מיר האָניק געוואָרן.
די וועלט — זאָל זי טרייבן די מענטשן,
און שפּאַנען אַן יאָך זיי ווי שקלאַפן;
נאָר איך זאָג זיך אָפּ איר צו דינען,
מיט מיר וועט די וועלט זיך ניט שאַפן.
מיך רייצט ניט איר שיינקייט און כישוף,
מיט אַלץ, וואָס די וועלט נעמט זיך איבער;

יהודה הלוי

פאַר וועמען זי איז אַ גן־עדן,
פאַר מיר — אַ בית־עולם מיט גריבער.
איך וואַרף־אָפּ איר גוטס, אירע אוצרות,
ווי נשמה — דעם חומר דעם שווערן;
איז פינצטער — ווי זאָל איך זי קרוינען,
איז שמוציק — ווי זאָל איך זי ערן?
איך בייט ניט מיין גלויבן מיין טיפן,
וועל אייביק מיין בונט ניט צערייסן;
איך וואַרט אויף אַ ליכט פונם הימל,
ס'וועט אפשר דאָס ליכט זיך באַווייזן.
איך לייד און איך טראָג מיינע פּלאָגן,
עס מוזן צעשפּרינגען די קייטן;
עס וואַכן מיין האַרץ און נשמה,
די שרעקן פאַרביטן אויף פריידן.
איך וואַרט אויפן ליכטיקן מאָרגן
אין נאַכט, וועלכע טרינקט זיך אין טרויער;
ס'וועט גאָט פאַר מיין זעל דער דערוואַכטער
צעעפענען ליכטיק זיין טויער.

י. י. שווארץ

צו משה אבן-עזרא

א.

התמיר בזקנים...

ס'ווערט דיין יוגנט פארביטן אויף עלטער,
און דיין קאפ שווארצע האר איז שוין גרוי —
און דו בייטסט ניט דיין קנעכטשאפט אויף פרייהייט,
און דו ווייסט נאך דיין וועג ניט גענוי.
דו פארנארסט זיך אליין, אז עס פאסט דיר
זילבער־האר צו דיין טונקל געזיכט;
אז דאס ווייס אינם שווארץ איז געגליכן,
ווי אין פינצטערער נאכט פאסן ליכט.
און דיין טונקלקייט גלייכסטו צום נעבל,
און דיין גרויקייט — צום ליכטיקן שיין;
ניט קיין שטענגעס פון ליכט, ס'זיינען שלאנגען,
וואס פארפירן אין גרוב אונז אריין.
זאל שטאלצירן מיט גרויקייט און עלטער
מענטש ווי דו, וועמעס ריין איז די האנט;
וואס איז האר איבער זיינע געפילן,
און זיין לוסט איז געצוימט פון פארשטאנד.
וואס דיין האנט האט קיין אומרעכט באגאנגען,
ריין פון ליידנשאפט־ווין איז דיין מויל;
דיין געדאנק בלאנדזשעט קיינמאל פון וועג נישט,
ברענט פאר גאט ווי א ליכטיקער קויל.

ביסט דער אייביקער זוכער פון אמת,
און דו צילסט, און פארפעלסט ניט דעם ציל;
רייסט דעם שקר אַרום מיט די וואָרצלען,
פאַרפלאַנצסט אמת און ליכט און געפיל.
און דו זיצסט אין דעם שאָטן פון חכמה
אין דיין ליכטיק און שטראַלנדיק קלייד —
און די מענטשהייט אַרום דיר ווי נאַקעט,
א פאַרשעמטע, פאַרטרויערטע שטייט.
האָבן אויגן און אויערן, דוכט זיך,
און זיי זיינען דאָך בלינד און פאַרשטאַרט;
האָבן ברייטע, צעעפנטע מיילער —
נאָר דאָס האַרץ איז פאַרפירט און פאַרנאַרט.
איז דאָס דו, מיין האַר משה, דיין נאָמען,
וואָס קלינגט זיסער צום אויער ווי גליק?
ס'איז דיין שריפט, וואָס איז שענער פון פרויען,
און דיין שטים ווי די פיינסטע מוזיק.
דו באַנייסט יעדן טאָג דיינע חסדים
צו דעם מענטשן, וואָס דו האָסט פאַרשקלאַפט.
צו פאַרציילן דיין לויב און דיין חסד
בין איך מיד און פאַרמאָג נישט די קראַפט.
פיל, גאָר פיל צו דיר זיינען פאַרשקלאַפטע,
ס'האָט פאַרשקלאַפט זיי די גנאָד פון דיין האַנט;
האָסט באַקרוינט זיי מיט טייערע שטיינער,
און דו האָסט אין דיין יאָך זיי געשפּאַנט.
דו האָסט גאָלד פולע הויפנס גענומען,
געשמידט קרוינען פאַר זייערע קעפּ;
אָבער איך בין אינצווייען דיר שולדיק,
און דיין קנעכט בין איך כל־זמן איך לעב.

אונ ווען ווער איך זיך קענען באפרייען —
בין פארקויפט צו דיר אייביק — און גאר.
האב געדינט דיר אין קינדהייט און יוגנט,
און אויך איצט, אין די רייפע יאר.
קען איך טראכטן פון אימיצן אנדערש —
אז ס'איז שיכור מיט דיר מיין געמיט:
אז געווען איז מיין ליד אן אלמנה,
און האסט זי ווי א כלה צעבליט.
ס'בליט א לוסטגארטן טיף אין דיין הארצן,
און דאס וואסער פון חכמה דארט קוועלט;
האסט באגריסט מיך מיט לידער ווי פערל,
וואס באלויכטן, באשטראלן די וועלט.
נאך דיין קוואל, נאך דייןווארט בין איך דורשטיק,
ווי נאך רעגן די וויסטעניש דארט;
זאל דיין האנט פאר מיר זיין ניט געשלאסן,
און דיין וואלקן פאר מיר ניט פארשפארט.
מיין געזאנג גייט געלאדן מיט פרידן,
ס'איז פון הארצן געשניטן מיין ליד;
און עס פליט צו דיר, בויגט צו דער ערד זיך,
ווי א דינסט פאר איר הארנטע קניט.
און ווי קענען דיך ליידן באדרענגען —
ס'איז דיין הארץ ווי א פעסטונג געבויט:
איז עס טרויער — ביסטו דאך פול פריידן,
איז עס נויט — ביסטו הילף דאך אין נויט.

י ה ו ד ה ה ל ו י

ב.

איך אחריך...

ווי קען איך רו נאָך דיר, פּאָעט, געפינען —
דו וואָגלסט, וואַנדערסט, און מיין הארץ גייט-מיט.
וואָלט איך אויף דיין צוריקקער מער ניט האָפן,
פון אַנגסט וואָלט אויסגעגאַנגען מיין געמיט.
דו מערב-ליכט, צום מערב קום צוריק —
און איטלאַך הארץ און זעל באַשטראַל, באַגליק.
די בערג פון דער צעשיידונג זאָגן עדות,
אַז איך בין טרערנרייך, די וואָלקנס קאַרג.
דו מייסטערוואָרט, וואָס טוסטו צווישן שטאַמלער?
ווי קומט דער טוי אויף דעם פאַרדאַרטן באַרג?

ג.

ידענוך נדוד...

איך בין פריינט נאָך מיט וואַנדער פון יוגנט,
מיטן אורצלטן טייך פון געוויין —
נאָך וואָס שטיין מיט דער צייט אין מלחמה —
און די צייט טוט קיין אומרעכט באַגיין.
די טעג לויפן אין ליניען אין גראַדע,
ס'איז אין הימל געצעכט אַלץ און קלאָר;

וואָס איז ניי, אַז די וועלט איז ניט ניי שוין —
אַזוי לויפט זי פון אייביקע יאָר.
ס'איז איר וועג פון גאָטס פינגער געצייכנט,
און גאָט'ס האַנט ליגט אויף אַלץ, וואָס געשען;
עס האָט איטלאַכע זאַך שוין איר אורזאַך,
און וואָס ניים איז אַמאָל שוין געווען.
ס'האָט דער מענטש זיך באַהעפט אויף צום שיידן,
איין געדאַנק האָט דעם מענטשן באַזעלט:
פון איין שטאַם זאָלן אויסשטראָמען פעלקער,
זיך צעשפרייטן, פאַרנעמען די וועלט.
גוטס און שלעכטס איז אין אַלצדינג פאַראַנען,
אי אַ היילונג, אי קריינק פאַרן ביין;
שעלט דער מענטש דער געפלאָגטער זיין לעבן,
שעלט זיין טאָג און זיין פלאָג, זיך אליין —
און דעם אייגענעם טאָג בענטשט אַ צווייטער,
וועמעס לעבן ס'איז ליכטיק צעשטראַלט;
איטלאַך שפייז ביים געזונטן איז האָניק,
און ביים קראַנקן איז האָניק פאַרגאַלט.
דעם פאַרביינקטן איז שווארץ פאַר די אויגן,
און ער זעט ניט די זון אין זיין לייד —
ווי אויף מיר האָט אַ וואָלקן צעלייגט זיך,
ווען מיר האָבן זיך ביידע צעשיידט.
קוואַל פון חכמה, וואו איך האָב געפונען
דאָס געלייטערטע, ליכטיקע גאָלד —
אונזער פריינטשאַפט, וואָס האָט אונז פאַרבונדן
האָט פאַר אַלץ מיר פאַרגיטיקט, באַצאָלט.
איידער ס'האָט אונז צעשיידונג צעריסן
איז די צייט געווען גאַנץ, פול מיט פראַכט;

פון פארשיידענע מוטערס געבוירן —
האט די צייט אונז איין צווילינג געמאכט.
אונז דערצויגן אויף פעלדער געווירצטע
פון דער שטראליקער חכמה און שיין;
און געזויגן פון ברוסט פון די גערטנער
פון דעם קלארן בארוישנדן וויין.
איך דערמאן דיך פון בערג פון צעשיידונג,
וואו ערשט נעכטן דיין הופט האט גערוט —
און מיין אויג איז פארלאפן מיט טרערן,
און די טרער איז פארלאפן מיט בלוט.
ס'האט די צייט דיך אויף מענטשן פארביטן,
מיט פאלש הארץ און א שמייכל אויף ליפ;
אנשטאט געטלאכע שפייז — ווילדע קרייטער,
און עס איז מיר מיין לעבן ניט ליב.
און מיין כעס און מיין האס אויף נאראנים,
וועלכע מיינען: זיי האבן פארשטאנד, —
און דער שקר ביי זיי איז א גלויבן,
און מיין גלויבן ביי זיי איז אויף שאנד.
זיי פארזייען און שניידן די גארבן,
אבער ליידיק און לער איז דער זאנג;
רעדן־צו נייע אוצרות צו זוכן,
וואס פארטונקלען די פערל פון לאנג.
אבער איך טראג א ליכט אין מיין הארצן,
וואס באלויכט יעדן קאמער פון הויז;
און איך גראב פון די אוצרות די אלטע
די צעשטראלטע בריליאנטן ארויס.

כ'זאָג צום נאַרן, וואָס זוכט זיך צו גריבלען:
קען דער חזיר אויף פּערל פאַרשטיין?
קען מיין רעגן דערפרישן, באַלעבן
דעם פאַרטריקנטן, פעלזיקן שטיין?
מיין באַדערפניש פון צייט איז גאָר ווינציק,
ווי באַדערפניש פון נשמה צום גוף:
אויב דער גוף האַלט זי אויף — גיט זי לעבן,
אויב ניט — שוועבט זי צום הימל אַרויף.

יהודה הלוי

דער שאָטן זאָל זיך אָפּציען...

ישוב צל...

דער שאָטן זאָל זיך אָפּציען פון אונזער וועלט —
די זון זאָל זיך צעשטראַלן קלאָר און שאַרף;
דאָס ליכט פון דוד'ס הויז ווי לאַנג וועט זיין פאַרשטעלט,
און ביז ווי לאַנג וועט שטומען די לוייִמ'ס האַרף?
זאָל גאָט, וואָס האָט פאַריאָגט זיי, ברייִנגען זיי צוריק,
און וועלט זאָל ווערן אויפגעריכט מיט זון פון גליק.

י. י. שווארץ

שלמה'ס פאַרהאַנגען...

ירִיעות שלמה...

שלמה'ס פאַרהאַנגען, ווי זייט איר
שווארץ געוואָרן מיט די יאָרן;
צווישן טאַטערשע געצעלטן
האָט איר אייער פּראַכט פאַרלאָרן.
— ס'האָט אַמאָל געברויזט מיט פריידן
אויף דעם פּלאַץ פון אונזער טרויער;
וויסט פאַרוויסט האָט אונז דער שונא,
און צעבראָכן וואַנט און מויער.
איז דאָס הייליק פאָלק געוואָרן
וואָכיק אין זיין וועג דעם לאַנגן —
פון אַ רויז צווישן דערנער
קענט איר שיינקייט דען פאַרלאַנגען?
— די באַרויבטע און צעשטויבטע
וועט גאָט אויסזוכן און נעמען;
יעדן איינעם ביי זיין נאָמען,
גאָט וועט קיינעם ניט פאַרשעמען.
זייער פּראַכט וועט זיך צעשיינען,
ווען די קייטן וועלן פאַלן;
זייער ליכט, וואָס איז פאַרטונקלט,
ווי אַמאָל וועט זיך צעשטראַלן.

די טויב

יונת־רחוקים . . .

פאַרפלויגן איז די טויב די עלנטע אין וועלדער,
און האָט זיך מער ניט אויפהויבן געקענט ;
געפלאַטערט אַ פאַרמאַטערטע, גע׳פּטר׳טע,
איר ליבהאָבער געזוכט אין ווייטער פרעמד.
האָט אויסגערעכנט טויזנט יאָר ביז צו דער גאולה, —
געבליבן איז זי מיט איר רעכענונג פאַרשעמט :
איר ליבהאָבער האָט זי אויף מער פאַרמשפּט,
און ביז צום טויט האָט ער איר האַרץ געקלעמט.
האָט זי געטראַכט זיין נאָמען מער ניט צו דערמאָנען,
עס האָט אָבער זיין בראַנד אין האַרצן איר געברענט.
וואָס ביסטו ווי אַ בייזער שונא איר — און זי
האַלט אין געבעט פאַרשפּרייט צו דיר די הענט ?
און ס׳האָט איר זעל געגלויבט און ניט פאַרצווייפלט
אין טאָג פון גוטס, און אויך ווען מען האָט זי פאַרלענדט.
זאָל קומען אונזער גאָט און זאָל ניט שווייגן —
אַרום אים שטורעמט פייערפלאַם און ברענט.

י. י. שווארץ

גאָטיס האַנט...

ימין ה׳...

גאָט׳ס רעכטע האַנט, די שטאַרקע,
מיין הילף פון אייביקע יאָרן —
ווי האָסטו היינט פאַרלאָזט מיך
אין טיפער גרוב פון צאָרן?
מיין קראַפט איז אויסגערונען,
מיין לייב צעפליקט אין שטיקער —
ווי לאַנג וועסטו מיך האַלטן
אַלס שקלאַף ביים אונטערדריקער?
געדיינק דאָס קלאָגן פון מדבר,
מיין שפּאַנען פון מצרים —
ווי דאַן — זאָלסטו פון קנעכטשאַפט
מיך פירן און באַפרייען.

י ה ו ד ה ה ל ו י

מיט אויסגעשפּרייטע הענט

מיט אויסגעשפּרייטע הענט צו גאָט טוט תּפלה,
פֿאַלט מיטן פּנים צו דער ערד אַנידער;
און ווענדט זיך, ווי די טויבן צונ'ם טויבנשלאַק,
אַנטקעגן שטאָט ירושלים, ברידער.
דאָס איז דאָס הויז פֿון אייער רו און לעבן,
און אייער גלוסטיקייט פֿון האַרץ און אויגן —
גאָט ליבט די טויערן פֿון ציון זייער,
און ביז צום הימלס טויער זיי דערצויגן.

י. י. שווארץ

געבעט

ידידי, השכחת...

דו האָסט צו מיין ברוסט זיך געטוליעט —
ווי קענסטו פאַרגעסן, מיין ליבער?
ווי האָסטו מיך איבערגעענטפערט
אויף אייביק צו מיינע באַטריבער?

געדיינקסטו, צום לאַנד צו דעם וויסטן
האָב איך זיך נאָך דיר געטאָן יאָגן;
כ'האָב עדות: בארג־שעיר און פּאָרן,
און סיני און סין זאָלן זאָגן.

צו דיר האָט געהערט דאָן מיין ליבע,
איך בין דיר צום הארצן געווען —
ווי טיילסטו דיין ליבע אַ צווייטער,
און מיך — גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן.

פאַרשטויסן אין רוים דער פאַרהאַסטער,
אין ווייטער אַראַביען פאַרטריבן;
געשמאָלצן אין גריכישן טיגל,
אין פּערזישער קנעכטשאַפט צעריבן.

איז דאָ נאָך חוץ דיר אַ דערלייזער,
איז דאָ נאָך ווי איך, וואָס טוט ביינקען?
באַשיינק מיך מיט גבורה, געטרייער,
און איך וועל מיין ליבע דיר שיינקען.

י ה ו ד ה ה ל ו י

אַ צושפּיל

ידע תרע...

באַדאַרפסט דאָך דערקענען
די עלנטע שאָף —
וואָס ס'האָט זיי דער שונא
פאַרטריבן אין שטראָף.
צעזייט און צעשפּרייט זיי
אַהער און אַהין —
דו ביסט דאָך דער פאָטער,
און זיי — דיינע זין.
פאַר דיר אין די אויגן
ווי יאָגט זיי דער פיינט?
וואו איז דיין רחמנות
און ליבלאַכקייט היינט?
אויף וועמען פאַרלאָזסטו
דאָס ביסעלע שאָף?
דיין שאָף, מיין באַשעפער,
ביים פיינט אין די הענט:
ער שיסט אין זיי פיילן,
און שניידט און פאַרלענדט;
און ס'איז ניט קיין אָנהויב,
און ס'איז ניט קיין ענד.

ס'איז שוואַרץ זייער פּנים
און פינצטער פאַר צער;

צעשפּרייט, ווי זיי וואָלטן
ניט האָבן קיין האָר.
אַ לייב איז פון פּאַרנט,
פון הינטן אַ בער;
דאָס פעלד איז פאַרטריקנט,
געזאַלצן ווי טרער.
דאָס גראָז איז פאַרדאָרבן,
און ביטער און שלעכט;
און זייערע הערשער —
דער ברודער און קנעכט.
אָך, ווײ איז און ווינד
צום פאַרטריבענעם קינד.
הייל־אוים מיך צוריק —
מיינע דריקער צעדריק;
פיר דיין פאָלק ווי אַ שיף
פון דער ברויזנדער טיף.

און טרייב־אָפּ דעם חזיר —
ניט שרעקן זאָל ער;
אין פרעמדע געצעלטן
צו לעבן איז שווער.
מיין זין איז פאַרווירט
זינט מיין זון איז פאַרפלעקט —
און ענד פון מיין לייד
איז פאַרהילט און פאַרדעקט.
אויב ניט פול איז די מאָס
פון מיין שטראָף פאַר מיין זינד —
נעם זיך אָן אין דעם זכות
פון יעקב דיין קינד.

יהודה הלוי

פאַרגיטיק, באַלוין,
קער צוריק אונזער קרוין.
און מיין פייער צעגלי,
מיינע בלומען צעבלי.

וואָס זוכן מיין אומגליק,
בייזוויליקע האַסער —
געברענט מיך אין פייער,
געטרונקען אין וואַסער;
פאַרוואַנדלט אין חורבות
די שטאָט ירושלים;
צעפּיצלט, צעבראָכן
יהודה און אפרים.
און פרעג איך דעם סוד,
וואָס פון אייביג איז פאַרבאָרגן —
איז ענטפערן קלוגע
פון היינט און פון מאָרגן:
ביז גאָט אינם הימל
וועט צוזען מיין פּיין —
און וועט די צעשפּרייטע
פאַרזאַמלען אריין;
ער וועט מיינע מויערן
בויען צוריק;
משיח בן־דוד
מיר ברענגען מיט גליק.

י. י. שווארץ

ירושלים

ירושלים, למוגיד...

ירושלים, צו דיינע באַדריקער
טראָג־אונטער דיין ביטערן כוס;
די שעה פון דיין פרייד האָט געשלאָגן,
און גאָט קומט צוריק אין זיין שלאָס.
דו הארץ פון באַגייסטערטע מחנות
די הילכיקע גרוסן פון פרייד —
דו פייער, יהודה, דיין יום־טוב,
פאַרביי איז די צייט פון דיין לייד.

באַרואיק געפאַלענע הערצער,
געשטרויכלטע קניען מאַך שטאַרק;
א יום־טוב א גרויסער, א פערטער,
וועט צוקומען נאָך אויף דיין באַרג.
דאָס אומגליקלאַך פאָלק און צעטראָטנס,
וואָס וועדט נאָך דיין ליבע פאַרצערט;
וואָס טרויערט און קלאָגט אויף דיין חורבן —
גאַרט קושן די שטויב פון דיין ערד.

געזאָגט האָבן מיינע באַדריקער:
ס'האָט אָפּגעקערט גאָט זיך פון מיר —
נאָר כ'וויים, מיין דערלייזער איז מאַכטיק,
און וואונדער באַווייזט ער ווי פריִ'ר;

י ה ו ד ה ה ל ו י

י. י. שוואַרץ

טרייסט

ישן ולבו ער...

דו שלאָפער, מיט האַרץ וואָס פלאַטערט,
וואָס ברענט, איז צעשטורעמט פון פייער —
דערוואַך, טרייסל־אָפּ זיך, פאָרויס טרעט
אין ליכט פון מיין פנים אַ פרייער.

שטיי־אויף, רייט אַרויס, לאָז דיר גליקן,
דיין שטערן איז אויפגעגאַנגען —
און דער, וואָס אין גרוב איז געלעגן,
טוט ביז צום שפּיץ סיני דערלאַנגען.

און זאָלן ניט פרייען זיך שונאים:
ס'איז ציון אויף אייביק געבויגן —
דען דאָרט איז דאָס האַרץ מיינס, וואָס פלאַטערט,
און דאָרט — מיינע אויגן.

אַנטפּלעק מיך און פאַרדעק מיך,
איך צאָרן, און באַלד ווער איך לינדער;
און ווער קען זיך מערער דערבאַרעמען,
ווי איך, אויף מיינע קינדער?

י ה ו ד ה   ה ל ו י

פרייד

יאירון יכוכבי נשפי...

זאָלן לויכטן מיינע שטערן,
זאָל מיין יוגנט זיך אומקערן;
בליען זאָל מיין וואַלד אין שטראַלן,
זאָלן האַרף און פויקן שאַלן.
אַרמבענדער מיינע קלינגען,
צירונג מיינע, מיינע רינגען.
זאָל דאָס הויז פון מיין געטרייען
איף מיין באַרג זיך העל באַנייען.
און צו אים נאָר זאָל איך דינען
פון מיין פולן האַרץ און זינען —
מיט מיין גאָט זיך פרייען ווידער,
און אים זינגען ליבע־לידער.

י. י. שווארץ

צום ליכטיקן מזרח

לבי במזרח...

מיין הארץ איז אין מזרח,
און איך בין אין מערב געפאנגען —
ווי זאל מיר ליב זיין דאס לעבן,
און ווי זאל מיר איינגיין?
ווי זאל איך האלטן מיין צוזאג,
גיין נאך מיין הארצנס פארלאנגען —
ס'איז ציון אין גלות ביי אדום,
און איך — אין די מורישע צוואנגען.
ווי ביליק עס איז ביי מיר שפאניע,
איר גליק און איר שמייכל —
אזוי איז מיר טייער דער שטויב
פונם חרוב'ן היכל.

י ה ו ד ה   ה ל ו י

צו ירושלים דער הייליקער שטאָט

יפה נוף...

פרייד פון דער וועלט און איר צירונג,
געבויט פון דוד׳ס האַנט —
נאָך דיר גאַרט מיין נשמה
פון וויטן מערב-לאַנד.
דערמאָן איך זיך דיין גרויסקייט —
מיין האַרץ פון ביינקשאַפט ברענט:
דיין כבוד, וואָס פאַרשוואונדן,
דיין וואוינונג, וואָס פאַרלענדט.
און ווער וואָלט אָדלער-פליגל
צום פליען מיר באַשערט —
איך וואָלט מיט מיינע טרערן
היים אָנטרינקען דיין ערד.
מיין גרום — און אויב דו האָסט שוין
קיין מלך ניט פון לאַנג —
אַנשטאָט דיין גלעד-באַלזאַם
קריכט עקדיש אום און שלאַנג —
איז דריק איך דיינע שטיינער
צום האַרצן צו און קוש;
דער טעם פון ערד פון דיינער
איז מיר ווי האָניק זיס.

י. י. שוואַרץ

ציון

ציון, הלא תשאלי...

באַדאַרפסט זיך פרעגן דאָך אויף דיינע קינדער,
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע, פרעגן.
פון מזרח, מערב, צפון, דרום — נעם דעם גרוס
פון נאָנט און ווייט, פון אַלע וואַנדער־וועגן,
און גרוס פון איִם, וואָס איז פאַרבייִנקט צום שטאַרבן —
וואָס טוט, ווי טוי דיין חרמון־באַרג מיט טרערן גיסן,
און גאַרט אויף דיינע בערג זיי מאַכן פליסן;
איך בין דער קלאָג־פויגל צו וויינען אויף דיין דאַרבן —
נאָר חלום איך פון דיין דערלייזונג ווידער,
ווער איך די האַרף פאַר דיינע לידער.
מיין האַרץ גייט־אוים נאָך בית־אל און נאָך פניאל,
וואו נאָר עס האָט זיך גאָט צו דיר באַוויזן;
די שכינה איז דיין שכנה דאָך געווען — און גאָט
האָט דיינע טויערן צום הימלס טויער אויפגעריסן.
ניט זון און ניט לבנה און ניט שטערן ——
נאָר גאָט אַליין האָט דיך מיט ליכט באַפלאָסן;
איך גאָר, עס זאָל מיין האַרץ זיך אויסגיסן, וואו ס'האָט
זיין גייסט אויף זיינע אויסדערוויילטע זיך צעגאָסן.
דו, קיניגס היויז, דו, שטול פון גאָט — ווי האָבן קנעכט
אויף טראָנען פון די פּרינצן ברייט צעשטרעקט זיך!
ווי וואָלט איך וואַנדערן אין דיינע פלעצער,
וואו גאָט צו די נביאים זיינע האָט אַנטפּלעקט זיך!

וואו נעמט מען פליגל — איך וואלט ווייט פארפלויגן,
מיט שטיקער הארץ אין חורבן דיינעם ווארפן ——
מיין פנים איינגראבן אין ערד, די שטיינער קושן,
און מיט דיין שטויב זיך אנטרינקען אין פיין און שארפן.
אין חברון אויף די קברים פון די אבות קומען
און א פארגאפטער, א פארציטערטער דארט ווערן;
זיך דורכשניידן דיין וואלד און כרמל-בארג,
צום בארג עברים מיינע אויגן קערן;
דער בארג-אויף-בארג, וואו ס'ליגן דארט פארגאנגען
צוויי פירער און צוויי לערער דיינע, גרויסע זונען.
דיין לופט איז דאך נשמה-לופט, דיין שטויב איז דופטיק,
מיט האניק טוען דיינע טייכן רינען.
וועל נאקעט, בארוועס אויף די חורבות דיינע שפאנען,
וואו ס'זיינען די פאלאצן דיינע דארט געשטאנען;
איך וועל אין דיינע פלעצער זיך פארהאלטן,
וואו ס'ליגט דיין ארון און דיין הייליקייט באהאלטן.
קען עסן און קען טרינקען איינגיין — זעענדיק
ווי הינט די פגרים פון די לייבן דיינע פליקן —
און ווי קען זונליכט ליב זיין פאר די אויגן מיינע,
אז ראבן טוען דיינע אדלערס פיקן?
אוי, טרערנבעכער, האלט זיך אפ איין קליינע רגע, —
האסט מיך מיט ביטערניש געטאן באטרינקען:
דערמאן איך שומרון — טרינק איך זאט דיין צארן,
דערמאן איך ציון — טו איך דיינע הייוון שלינגען.
אך, ציון פראכטיקע, פול חן און ליבשאפט,
וואו דיינע קינדערס הערצער זיינען צוגעבונדן;
וואס פרייען זיך מיט דיין נחמה, און זיי וויטיקן
פון חורבן דיינעם, און באוויינען דיינע וואונדן.

זיי ציִען זיך צו דיר פון גרוב פון טיפן גלות,
און קניִען זיך פון אומעטום אין טיפן שווייגן —
זיי האַלטן זיך אָן דיר מיט אַלע כוחות,
און קלאַמערן זיך אָן דיינע פּאַלמענצווייגן.
איז דאָ אַ לאַנד נאָך איינס, וואָס קען צו דיר זיך גלייכן,
פאַרגלייכן זיך מיט דיינע הייליקייטן?
צו וועמען גלייכן דיינע גרויסע מלכים,
די זינגער און לויים דיינע פון פאַרצייטן?
פאַרשווינדן וועט די פּראַכט פון אַלע היידן־פעלקער,
דיין פּראַכט און קרוין וועט אָבער אייביק גלאַנצן;
ס'האָט גאָט דיך פאַר זיין וואוינונג אויסגעקליבן —
וואויל דעם, וואָס ער וועט אין דיין ערד פאַרפלאַנצן,
געבענטשט איז דער, וואָס וועט דערלעבן זען,
ווי ס'גייט־אויף לויכטנדיק דיין מאָרגנשטערן;
זען גליק אויף דיינע פריינט, זיך פרייען מיט דיין פרייד,
ווען דו באַנייט און יונג וועסט ווידער ווערן.

יהודה הלוי

משה

שלום . . .

פרידן פון אַלע פיר זייטן,
פרידן צו דיר, באַרג־עברים ;
ביי דיר ליגט דער בעסטער פון מענטשן
אין טייערסטן קבר פון קברים.

אויב ווייסט ניט פון דעם — פרעג דעם ים־סוף,
עס האָט אים זיין שטעקן געשלאָגן ;
דו פרעג דעם באַרג־סיני און דאָרן —
זיי וועלן דעם ענטפער דיר זאָגן.

ער איז גאָטס באַגלויבטער שליח,
און איז ניט אַ מאַן פון ווערטער ;
העלף גאָט, איך זאָל האַלטן מיין צוזאָג :
באַזוכן די הייליקע ערטער.

י. י. שווארץ

אַן ענטפער

דבריך במר עובר...

דיינע רייד דופטן זיסער פון בשמים,
זיינען אויפריכטיק, איידל און קלוג —
גרוסן דיר און דעם הויז פון דיין פאָטער,
וואָס קיין לויב איז פאַר אייך ניט גענוג.
ביסט אַנטקעגן געקומען מיט ווערטער,
הינטער וועלכע אַ שווערד זיך באַהאַלט;
און עס לויערן שטעכיקע בינען
אין דעם האָניק, וואָס פליסט פון דיין וואַלד.
אויב ס'איז וואָר, ס'איז אונז פרעמד ירושלים,
ווייל פאַרנומען פון פרעמדע איז היינט —
איז דאָך אָבער דער פּלאַץ אירער הייליק,
איז אונז נאָנט צוליב ברידער און פריינט.
אויב אַזוי, איז אַ חטא, וואָס מיר דאַווענען
מיטן פּנים צום מזרח געקערט;
און אַ חטא האָבן אבות באַגאַנגען
פאַר די מתים צו קויפן דאָרט ערד.
און ניט רעכט, דער פאַרזאָג פון די אַבות,
זיי צו ברייגנען אַהין נאָכן טויט —
ווען דאָס לאַנד איז געלעגן ביי פרעמדע,
און געזונקען אין טומאה און קויט.
און אומזיסט נאָר געבויט דאָרט מזבחות,
און אומנישט דאָרט קרבנות געבראַכט;

איז עס רעכט, מען זאָל מתים גערדיינקען,
און אַן ארון פון גאָט ניט געדאַכט?
זאָלן מיר אַן בית־עולמ׳ס זיך האַלטן,
און פאַרלאָזן פון לעבן דעם קוואַל?
אויב גאָט׳ס הייליקייט איז אונזער נחלה,
ווי פאַרגעסט מען זיין הייליקן באַרג?
איז פאַר אונז דאָ אין מזרח, צי מערב
אַ געזיכערטער פלאַץ אויף דער וועלט?
ווי אין לאַנד, וואָס זיין טויער איז אָפן
קעגן טויער פון הימלס געצעלט —
ווי באַרג־סיני און כרמל און בית־אל,
און נביאים געשיקטע פון גאָט;
און דער שטול פון דעם געטלאַכן כהן,
און דער מלך געזאַלבט מיט גאָט׳ס גנאָד.
עס איז אונזערס דאָס לאַנד אויף דור־דורות,
און אויב וויסט איז און חרוב דאָס לאַנד —
האָבן אויך אַמאָל אונזערע אבות
עס געפונען אין אייגענעם שטאַנד.
אין דער לייַנג און דער ברייט דאָרט געוואַנדערט,
ווי אַ מענטש אין זיין גאָרטן פון פראַכט;
זיך פאַרבירגערט דאָרט, קברים געגראָבן,
זיך אַ האַרבעריג דאָרטן געמאַכט.
און זיי זיינען מיט גאָט אומגעגאַנגען,
און דערוואוסט זיך זיין וועג, און דערקלערט:
ס׳וועלן טויטע דאָרט לעבעדיק ווערן,
זיך באַפרייען פון קייטן פון ערד.
און אַז דאָרט וועט דער קערפּער זיך פרייען,
און די זעל וועט זיך באָדן אין שיין —

איצטער זע און באַנעם, מיין געטרייער,
און פון שטרויכלונג און נעץ היט זיך איין.
ניט פאַרבלענדט זיי פון גריכישער חכמה,
דען זי גיט ניט קיין פרוכט אונז — בלויז קוויט:
אַז די וועלט שטייט פון אייביק און אייביק,
ס'איז דער הימל פון תמיד צעשפּרייט;
אַז עס האָט מעשה־בראשית קיין אָנהויב,
און די צייט האָט קיין אָנהויב און ענד;
האָרך די ווערטער פון אירע חכמים,
און זיי האָבן קיין האַפט, קיין צעמענט.
קערסט זיך אום מיט אַ האַרץ מיט אַ ליידיקס,
פּוסטע ווערטער אין מויל — גיי אַוועק.
נאָך וואָס בלאָנדזשען אויף שטעגן אויף קרומע,
און פאַרלאָזן דעם אָפענעם וועג?

יהודה הלוי

אויפן ים

א.

הציקתני תשוקתי...

ס'האָט דער דראַנג צו מיין גאָט מיך פאַרנומען,
צו מיין אייגענער היים און ירושה ——
אַז עס האָט מיר קיין צייט ניט געגעבן
מיט מיין הויזגעזינט, פריינט זיך צו קושן.
איך באַוויין ניט מיין גאָרטן פאַרפלאַנצטן,
וואָס ער האָט אַזוי שיין זיך פאַרנומען;
איך געדיינק ניט יהודה און עזראל,
מיינע טייערסטע, שענסטע צוויי בלומען.
און מיין יצחק, וואָס איז ווי אַ קינד מיר,
די זוניקסטע פרוכט פון מיין גאָרטן —
האָב שוין באַלד מיין בית-מדרש פאַרגעסן,
און די רו, וואָס געפונען האָב דאָרטן.
און די פראַכט פון יום-טובים און סדרים,
און דעם תענוג פון מיינע שבתים;
כ'האָב צו פרעמדע מיין כבוד געגעבן,
און מיין רום הינטער זיך נאָכגעלאָזן.
ס'איז מיין פראַכט איצט דער שאָטן פון בוימלאַך,
צווייג אין וואַלד איז מיין היים מיר געוואָרן;
אָנשטאָט איידעלע בשמים, איז ליב מיר
דער ריח פון ביליקן דאָרן.

איך האָב אויפגעהערט פרייַ זיך באַוועגן —
ס'ליגט מייַן וועג אין דעם ים דעם צעשפּרייטן;
ביז איך וועל צו גאָט'ס פוסשטול דערגרייכן,
און דאָרט אויסגיסן ס'האַרץ פול מיט לייַדן.
כ'וועל אַן הייליקן באַרג זיך באַהעפטן,
כ'וועל צום טויער פון הימל זיך ציען;
ס'וועט דער ירדן מייַן בלום פריש באַלעבן,
דער שלוח — מייַן בוים וועט צעבליִען.
גאָט מיט מיך — כ'האָב ניט מורא פאַר שרעקן,
ס'טראָגט זייַן מלאך פאָרויס מייַנע שווערדן —
כ'וועל אים לויבן ווי לאַנג איך וועל לעבן,
וויפיל יאָרן איך האָב אויף די ערדן.

ב.

קראו עלי בנות...

גיט־אָפּ אַ הייסן גרוס דער טאָכטער מייַנער,
און אַלע מייַנע ליבסטע גריסט אַצינד —
פון אייַנעם, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן,
פאַרבייַנקט און האָפנדיק צום ים און ווינט.
געשטויסן פון דעם מערב־ווינט צום מזרח־ווינט,
דער טראָגט דאָס שיף פאָרויס, דער יאָגט צוריק;
בלויז ברעטער טיילן־אָפּ פון טיפן אָפּגרונט,
און צווישן אים און טויט — איין אויגנבליק.
באַגראָבן לעבעדיק ווי אין אַן ארון,
אַ שפּאַן די גרויס דער ענגער ארון איז:
ער זיצט —און קען פון פּלאַץ זייַנעם ניט אויפשטיין,
ער ליגט — און קען ניט אויסציען די פיס.

איז קראַנק און איז אין מורא פֿאַר די גויים,
אין מורא פֿאַרן ווינט און פֿאַר פּיראַט;
און יעדער פֿיינער יונג, מאַטראָז און שיפֿער,
איז אויפֿן שיף דער הערשער און מאַגנאַט.
דאָ גילטן ניט דער קענער און דער וויסער —
דאָ גילט דער ריעניקער, וואָס טרייבט דאָס שיף;
איין רגע וואָלקנט זיך מיין פּנים טרויעריק —
נאָר באַלד צעשטראַלט זיך פֿרייד אין האַרצן טיף:
ס'איז נאָר ביז איך וועל גרייכן צו גאָט'ס הייליקייט,
און אויסגיסן פֿאַר אים מיין שווער געמיט;
איך וועל באַדאַנקען אים פֿאַר זיינע חסדים,
אין גליענדיקן לויבגעזאַנג פֿון ליד.

ג.

הבא מבול...

האָט אַ מבול פֿאַרגאָסן די ערד —
און דאָס לעבן פֿאַרשוויינקט און צעשטערט?

ניטאָ מענטש, ניטאָ חיה און עוף —
איז אויף אַלץ שוין געקומען אַ סוף?

כ'בּיינק נאָך לאַנד — זאָל זיין באַרג, זאָל זיין טאָל,
ס'וואָלט אַ וויסטעניש ליב זיין צומאָל.

כ'וואַרף מיין בליק אַרום זיך טריב און שווער —
זע נאָר שיף, זע נאָר הימל און מער.

עס צערודערט דער וואָלפיש דעם תהום —
הינטער אים זידט דער גרוי־ווייסער שטראָם.

און דער ים באַהאַלט גנב׳יש דאָס שיף —
ס׳וויל ניט אָפּגעבן אים שוין די טיף.

ס׳צאָרנט ים — דאָך פול פרייד איז מיין זעל:
ס׳טראָגט דאָס שיף צו מיין הײמלאַנד מיך שנעל.

ד.

זה רוחד...

דיין ווינט, אָ, מערב־זייט, איז אָנגעזאַפּט
מיט נאַרד און רויז און עפּל־דופט.
דו נעמסט זיך ניט פון קעניגרייך פון ווינט,
דו נעמסט זיך פון גן־עדן־לופט.
דו פאַכסט מיט פרייהייט־פליגל און באַפרייסט,
באַנייסט מיין זעל מיט צאַרטן הויך און גלעט;
ווי גאַרט נאָך דיר דער מענטש, וואָס שווימט אין ים,
אין שיף, צונויפגעקלאַפּט פון דינעם ברעט.
דו זאָלסט ניט אָפּלאָזן דאָס שיף באַטאָג,
און אויך באַנאַכט, ווען ס׳טוט די זון פאַרגיין;
דעם תהום פאַרגלעט, דעם ים באַטרעט, און גלעט
די בערג די הייליקע און דאָרט בלייב שטיין.
און בייזער־אָן זיך אויף דעם מזרח־ווינט,
וואָס רודערט־אויף דעם ים, וואָס קאָכט און שרייט —
דען וואָס זאָל טאָן דער אונטערדריקטער שקלאַף,
וואָס האָט זיך איינמאָל שוין אַליין באַפרייט?
ביי גאָט אין האַנט איז מיין געבעט אַצינד —
וואָס ער באַשאַפט די בערג און שיקט דעם ווינט.

ה.

אלוהי...

אָ, גאָט, מאַך די טיפקייט ניט טרוקן,
ניט שטיל־איין די ברויזנדע אינדן —
ביז כ׳וועל פאַר דיין חסד דיר דאַנקען,
די כוואַליעס און מערב׳שע ווינטן.
זיי טראָגן מיך שנעל צו מיין היימלאַנד,
באַפרייען מיך פריי פון די צוואַנגען —
אַז גאָט איז מיין שיצער און רעטער,
איז וואָס האָב איך מער צו פאַרלאַנגען?

ו.

לך נפשי...

עס דאַנקט דיר, אָ, גאָט, מיין נשמה,
עס לויבט דיר מיין טיפסטע געזאַנג;
מיט איטלאַכן שטוים פון די כוואַליעס,
מיט איטלאַכן שטורעם־געדראַנג.

ווען ס׳שפרייט אויס דאָס שיף ווי אַ בושל
די פליגל, און טראָגט מיך שנעל;
און אויך ווען דער תהום קאָכט און שטורעמט,
ווי נאָכגעטאָן וואָלט ער מיין זעל.

עס פרעגלט דער ים זיך אין פלאַמען,
עס זידט ווי אַ קעסל די טיף;
די וואַלפיש, געגרייט צו דער סעודה,
באַגלייטן אין מחנות דאָס שיף.

און פעלט מיר אוים עסן און טרינקען —
דיין נאָמען — מיין שפּייז און געטראַנק;
וואָס אַרן מיך געלט און הזיקות —
עס טוט מיר אויף קיין זאַך ניט באַנג.

פאַרגעסן מיין איינציקע טאָכטער,
מיין שוועסטער־נשמה, מיין פרייד;
איר זון, וואָס זיין אָפּשייד, אויף שטיקער
צעפליקט האָט מיין האַרץ מיר אין לייד.

דער צווייג פון מיין שטאַם און מיין ליבלינג —
קען יהודה יהודה'ן פאַרגעסן?
וואָס באַטרעפט דאָס אַנטקעגן דיין ליבע,
וואָס האָט מיין נשמה באַזעסן?

ביז כ'קום אין דיין טויער מיט דאַנקען,
אין טויער פון הייליקער שטאָט;
און ברייננג דאָרט אַ האַרץ פול געזאַנגען
אַ קרבן צו דיר און דיין גנאָד;
און זיין זאָל מיין קבר אַן עדות
פון ליבע צו דיר, גרויסער גאָט!

ז.

היוכלו פגרים...

צי קענען דען נעסטן זיין קערפּער אין וואונדן
פאַר הערצער צו אָדלערשע פליגל געבונדן?

פאַר דעם, וואָס וויל אַלעס, זיין האָב און זיין לעבן,
פאַר איין קוש דער הייליקער ערד אָוועקגעבן.

י ה ו ד ה ה ל ו י

האַט טרערן געגאָסן אין ווייטיק אין שאַרפן
אין וועג זיך צו לאָזן און שפּאַניען צו וואַרפן.

צו שווימען אויף שיפן, מדבריות דורכשלאָגן,
וואו ס'ברילן די לייבן און לעמפּערטן יאָגן.

האָט ליבע פאַרשטויסן און אַלצדינג פאַרלאָזן,
געוואָרפן זיין היים און זיך וואַנדלען געלאָזן.

די וועלף פון דעם ווילדוואַלד, פול חן אין די אויגן,
ווי מיידלאַך ביי אינגלאַך זיין הארץ צוגעצויגן.

געקלאַג פון שאַקאַל קלינגט אין אויער ווי לידער,
דאָס ברילן פון לייב — ווי דאָס מעקען פון ווידער.

ער שניידט זיך דורך בערג און ער נידערט דורך טאָלן,
צו האַלטן זיין שבועה, זיין נדר צו צאָלן.

און שפּאַנט אַלץ פאָרויס דאָס לאַנד כנען געפינען —
צו טייערע קברים, צום לאַנד פון רואינען.

עס ווילן אים פריינט און געליבטע פאַרהאַלטן —
ער הערט און ער שוויינט און ליידט אין זיך באַהאַלטן.

וואָס קען ער זיי זאָגן, וואָס קען ער דערקלערן —
צי קען ער די נאַרישע מענטשן באַקערן?

צי קען ער פאַרשטיקן זיין הארצנס־פאַרלאַנגען,
פאַרשקלאַפט, ווי אַ פויגל ביי קינדער געפאַנגען?

י. י. שווארץ

ביי אים אין די אויגן איז פינצטער דער שיין,
און ביטער צום גומען דער זיסטער וויין.

עס האָט מיר די קנעכטשאַפט מיין לעבן פאַרביטערט,
און אַנדערע געטער מיין גלויבן דערשיטערט;

געפּלאָגט און געשלאָגן, געדריקט און געמאַטערט,
האָט תמיד מיין זעל נאָר געביינקט און געפלאַטערט

אַהין, וואו עס זיינען באַגראָבן געוואָרן
די הייליקע אבות, די לוחות, דער ארון.

און ווי זאָל איך ניט וויינען, גיסן מיט טרערן —
עס וועלן די טויטע דאָרט לעבעדיק ווערן.

טראָג שנעלער זיך, שיף מיינס, באַגרים דער מדינה,
וואו ס'הויערט און שוועבט נאָך די געטלאַכע שכינה.

געשווינטער, געשווינטער — גאָט'ס האַנט זאָל דיך טראָגן
און פלינק אויף די פליגלען פון מאָרגן דיך יאָגן,

מיט וואָגלער פון ווינטן פון בייזע געשמיסן,
מיט הערצער אויף טויזנטער שטיקער צעריסן.

ח.

אמר בלב ים...

איך ווענד זיך שטיל צום טריבן האַרצן
אין אויפגערעגטן, ווילדן מער:
ניט שרעקן זאָלן דיך די כוואַליעס,
וואָס קאָכן בייז און טריב און שווער.

אויב גלויבסט, אז גאָט האָט ים באַשאַפן,
און אייביק איז זיין נאָמען אויף דער וועלט —
איז דאָך מיט דיר זיין האַנט, וואָס האָט דאָס זאַמד
אַ גרענעץ צו דעם ים געשטעלט.

ט.

המו גלים...

כוואַליעם יאָגן, כוואַליעם שלאָגן,
ברויזן, רוישן אין דעם מער;
ס'זידט דאָס וואַסער ראַש און ראַשער,
מישט זיך, גיסט זיך טריב און שווער.

תהום'ען קראַכן, שטראָמען לאַכן
מיט אַ דונער אין דעם קול;
באַרג און טורעם טאַנצט דער שטורעם —
ברעכט זיך באַרג און ציטערט טאָל.

כוואַליעם קומען, כוואַליעם ברומען,
ס'ברעכט דער ווינט פון מאַסט דעם בוים;
ביז צום הימל אין געטומל
שפּריצט דער ווינט מיט גרויען שוים.

ס'זידט אָן פלאַמען, ניט צו צאַמען,
ס'גייט אַ שיכור־טאַנץ דאָס שיף;
איז באַזויפן, גרייט פאַרקויפן
די קרבנות צו דער טיף.

י. י. שווארץ

דער לויתן, ווי אַ חתן,
לאַדט די וואַלפיש איין צום פעסט;
אַלץ באַצווינגען, אַלץ פאַרשלינגען
זוכט דער ים, און ברומט און פרעסט.

י.

פון ליד: התרדוף נערות..

דיין האַרץ זאָל אין ים זיך ניט שרעקן,
ווען זען וועסטו כוואַליעס באַזיגן;
עס שטייען אָפּהענטיק מאַטראָסן,
דער שיפסקאַפּיטאַן איז אַנטשוויגן.

עס פליען צעריסן די זעגלען,
עס ברעכן און קראַכן די בוימען;
דער ווינט יאָגט און שטיפט מיט די כוואַליעס,
וואָס קאָכן און זידן און שוימען —

ווי לוסטיקע שניטער מיט הויפנס
פון צייטיקע, גאָלדענע זאַנגען,
וואָס פלעכטן די זאַנגען אין גאַרבן
און שפּילן לויט זייער פאַרלאַנגען.

אָט וואַרפן זיך כוואַליעס ווי לייבן,
אָט שאַרפן זיך כוואַליעס ווי שלאַנגען.

אָט־אָט — און דאָס שיף האַלט ביים זינקען —
די זעגלען אויף שטיקער צעפליטערט;

י ה ו ד ה ה ל ו י

פאַרצוויפלטע שטייען די שיפסלייט
און איטלאַכנס האַרץ איז פאַרציטערט.

וואָס העלפן די עצות פון זקנים?
עס ברעכט זיך דער מאַסטבוים אין ברעקלאַך;
די צעדער — גענליכן צו שפענדלאַך,
די דעמבן — ווי דינינקע שטעקלאַך.

דער ים טוט די בערג ווי אַ זעמדל אַ הויב,
און מאָלט די גראַניטענע פעלזן אין שטויב.

און איטלאַכנס האַרץ איז צעבראָכן —
נאָר מיין האַרץ שלאָגט זיכער, אָן מורא:
דאָרט לעבן-אויף געטלאַכע וואונדער, —
דו גיסט אָפּ אַ לויב-ליד דעם בורא,

דעם גאָט, וועלכער שטילט איין די ים׳ען,
וואָס קאָכן אין צאָרן און ברומען —
דו ביסט דיינע זינד זיך מתודה,
און ער האָט דיין תפלה פאַרנומען.

דו לויבסט אים און זינגסט זיינע וואונדער,
און ער האָט אַנטפלעקט באַלד זיין אָרעם:
ער גיסט זאַפט אין טרוקענע ביינער,
און הויכט אַריין לעבן אין פגרים.

און אַט איז דער ים שוין אַנטשוויגן:
די כוואַליעס, ווי שאָף ווי צעשפרייטע;

י. י. שווארץ

די נאַכט — ווען די זון זינקט אַרונטער —
מיט טויזנטער שטערן פאַרזייטע,

אַ נעגערשע שיינקייט — איר שלייער
דער בלויער מיט גאָלד צוגעקליבן;
די שטערן — זיי בלאַנדזשען אין וואַסער,
ווי גרים פון הימלאַנד פאַרטריבן.

זיי צינדן אין וואַסער אָן פלעמלאַך
און צינגלען, און יאָגן זיך, שטיפן;
און ס'זיינען דער ים און דער הימל
די צירונג פון נאַכט, גלאָז־געשליפן.

דער ים איז אין שיין גלייך צום הימל,
צוויי ים'ען צוזאַמענגעגאַנגען;
אַ דריטער ים, ס'האַרץ מיינס, שלאָגט צווישן
מיט כוואַליעס פון נייע געזאַנגען.

יהודה הלוי

אויפן נילוס-טייך

נטה בי...

פאַרבויג זיך מיט מיר צו מצרים,
צום ים-סוף און חורב אַרויס;
איך וועל מיך פאַרנעמען צו שלה,
און ווייטער צום חרוב'ן הויז.

וועל גיין מיטן וועג פונם אָרון
ביז כ'וועל אים געפינען וואו ס'איז;
וועל קושן די ערד פון זיין קבר,
זיין שטויב איז ווי האָניק מיר זיס.

וועל גרייכן צום פּלאַץ, וואו מיין שיינקייט
געהאַט האָט אַמאָל דאָרט איר נעסט:
די טויב איז פון דאָרטן פאַרטריבן,
די ראָב האָט זיך דאָרטן באַזעצט.

י. י. שווארץ

אין מצרים

למצרים עלי כל עיר...

צו מצרים אַ ליִב צווישן לענדער —
ס'איז גאָט'ס וואָרט גאָר צוערשט דאָרט אַרונטער.
ס'איז דער ווייַנשטאָק פאַרפלאַנצט דאָרט געוואָרן,
זייַנע טרויבן צעבליט דאָרט אויף וואונדער.
גאָט'ס שלוחים דאָרט זייַנען געבוירן,
חתן־כלה פאַרייניקט צוזאַמען;
ס'האָט די שכינה געגידערט, געוויקלט
אין זייַלן פון וואָלקן און פלאַמען;
דאָרט דעם קרבן געבראַכט, און געשפּרינקלט
בלוט פון בונט — איז די גאולה געקומען.
ס'האָט זיך משה געשטעלט דאָרט אין תפילה,
און גאָט האָט זייַן תפילה פאַרנומען.
און ישראל מיט מצרים און בבל
איז אַ דרייַלינג געקניפּט און געבונדן.
דאָרט איז אויך אַ מזבח געשטאַנען
גאָט צו ליִבן פאַר גאָר זייַנע וואונדער.
און די וועלט איז נאָך פול מיטן זכר
פון די צייכנס און נסים פון נאָמען;
ס'איז איר ערד צום גן־עדן געגליכן,
און איר טייַך פון גן־עדן טוט שטראָמען.
כ'האָב עס נאָכגעפאָרשט, ווייס פון דעם אַלעם,
נאָר מיין האַרץ לאָזט מיט דעם זיך ניט שטילן —

יהודה הלוי

אויף אַ וויל האָט גערוט דאָרט די שכינה,
ווי אַ וואָגלער אין שאָטן אין קילן —
נאָר פֿאַרבירגערט איז זי בלויז אין ציון,
דאָרט איז תורה און דאָרטן איז גדולה;
ס'איז דער פּלאַץ דאָרט פֿאַר דין און פֿאַר רחמים,
און פֿון דאָרט בלויז וועט קומען די גאולה.

י. י. שווארץ

פרילינג אין עגיפטן

הפשט הזמן...

האָט די צייט דען איר טרויער פאַרוואָרפן,
און אין גלאַנץ און אין שיין זיך באַקליידט?
און די ערד האָט מיט בלומען באַדעקט זיך,
און פון גאָלדוועב געפלאָכטן אַ קייט.
און די פעלדער ביים נילוס זיי בליען,
אין די ליכטיקסטע פאַרבן קאָלירט;
ס'איז דער מדבר אין גרינע טאַפעטן,
פיראַמידן אין גינגאָלד פאַרצירט.
און די רייצנדע טעכטער מצרים'ס
מיט גאָלדענע בלעכן באַהאַנגען —
ווי בויגיקע פלינקע אינדינען
פאַרפירעריש וועקן פאַרלאַנגען.
און דאָס לייכזיניק האַרץ, עס פאַרגעסט זיך
און חלומ'ט פון יוגנט אויפסניי
אין גן־עדן מצרים'ס, ביים נילוס,
וואו ס'ציען זיך אָפן און פריי
די העל־בליענדע גערטנער און פעלדער,
באַדעקטע מיט גאָלדענע זאַנגען —
דער מערב־ווינט בויגט זיי, און ס'דאַכט זיך,
זיי לויבן דעם בורא און דאַנקען.

י ה ו ד ה ה ל ו י

אַ האַרעם אין עגיפּטן

יפֿי־קול . . .

איר, זינגער, באַזינגט זייער שיינקייט,
און, שפּילער, איר זאָלט זיי באַגלייטן —
די טעכטער די שענסטע פֿון מזרח,
דעם חן, וואָס פֿון זיי טוט זיך שפּרייטן.

זיי דאַרפֿן צום קריג ניט קיין שווערדן,
די אָרעמס אַנטבלויזט — זייער וואָפֿן;
די פֿוילע זייער בליק אויפֿצוהויבן —
ווי קען זיי די צירונג פֿאַרשקלאַפֿן.

און וואָלט זייער בליק אָנגעטראָפֿן
דער זון — וואָלט פֿאַרטונקלען איר פּראַכט;
די מאַרמאָר־געזיכטער און לאָקן —
אָט מאַכן זיי טאָג, און אָט — נאַכט.

געוויקלט אין ליכטיקע קליידער,
באַקרוינטע מיט לאָקן אין שוואַרצן;
זיי האָבן ווי שטערן אין הימל
זיך איינגעפּאַסט טיף אין מיין האַרצן.

אָט, דאַכט זיך, פֿאַרבייטסטו אויף בליענדע
בוימער, די פֿרויען, וואָס שטראַלן;

י. י. שוואַרץ

אַריבער צוויי שניר פּערל־ציינער
פריש דופטן די ליפּן־קאָראַלן.

און ברוסטן — ווי ראָזיקע עפּל,
די פרישקייט פון רויזן — געזיכטער;
פיגורן — ווי פּאַלמען ווי שלאַנקע,
וואָס טרוימען אין שאָטנס און ליכטער.

י ה ו ד ה ה ל ו י

אין וועג

צנפני זמן...

די צייט האָט מיך אין מדבר פון מצרים
ווייט פאַרשלאָגן —
באַפעל דער צייט, זי זאָל מיך ווייטער
אַליין פאַרטראָגן;
ביז אָנקוקן דעם מדבר פון יהודה
זאָלן מיינע אויגן —
וואו ס'ליגט מיין לאַנד, מיין וואונדערשיינס,
אין גלאַנץ באַצויגן.
און דאָרטן זאָל דאָס ליכט פון גרויסן נאָמען
מיך פאַרוועבן —
און שיינען זאָל זיין הייליקטום אויף מיר
און שוועבן.

יהודה אלחריזי

געבוירן בערך אין 1165 אין באַרצעלאָנא, שפּאַניע. האָט כל־ימיו אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט. געווען אין דרום־פראַנקרייך, געלעבט אין מאַרסעל, לונעל, און אַנדערע שטעט. אַ בקי אין דער אַראַבישער ליטעראַטור און אַ גלענצנדער סטיליסט אין העברעאיש — האָט ער אויפן פאַרלאַנג פון די פּראָווינצישע קהלות איבערגעזעצט דעם רמב"מ׳ס ווערק פון אַראַביש אין העברעאיש. אין יאָר 1205, אָדער עטוואָס שפּעטער, לאָזט ער זיך אויף אַ ווייטער נסיעה איבער דעם אָריענט. ער איז געווען אין עגיפּטן, ארץ־ישראל און סיריע; געלעבט אין באַגדאַד, אַלעקסאַנדריע און דמשק.

זיינע לידער האָבן זיך ניט שטאַרק אויסגעצייכנט. ער אימיטירט מער ווי ער שאַפט. ער איז געווען אַ ליבטער שרייבער, אַ שאַרפזיניקער, מיט וויציקע איינפאַלן. באַרימט איז ער דערהויפּט פאַר זיין „ספר תחכמוני“. דאָס בוך איז געשריבן אין אַ ליבטער, קלאָרער שפּראַך, מיט אינערלאַכע גראַמען.

אויף זיינע עלטערע יאָרן איז אלחריזי צוריקגעקומען אין שפּאַניע, און איז געשטאָרבן בערך אין יאָר 1225.

יהודה אלחריזי

(די געשיכטע פון דער העברעאישער פּאָעזיע אין שפּאַניע)

א.

(תחכמוני: קאַפּיטל י"ח)

ווייסט, אַז דאָס אמתע פּערלדיקע ליד איז געווען ווי אַ ירושה ביי די אַראַבישע פעלקער אָפּגעהיט. זיי האָבן דאָס ליד פאַרשטאַרקט און באַשיינט, אים באַקרוינט און באַחנט; זיי האָבן פאַרן ליד אַ טעמפּל געבויט, אַ טיש פאַר אים געגרייט, און ברויט פאַר אים געשטעלט; און זייערע זיינען די גרעסטע פּאָעטן פון דער גאַנצער וועלט. און הגם איטלאַכס פאָלק האָט זיך זיינע דיכטער — זיינען אָבער אַלע זייערע לידער, אין פאַרגלייך מיט די אַראַבישע, אומבאַדייטנד און שוואַך, און אַלע זייערע מליצות נישטיק און פלאַך, ווייל עס פעלט זיי די מתיקות פון שפּראַך. דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס בלויז די אַראַבער פאַרמאָגן, און אַלע אַנדערע פעלקער קענען זיי אין דעם ניט דעריאָגן.

און די קינדער פון אונזער פאָלק, נאָכדעם ווי זיי זיינען פון זייער לאַנד געוואָרן פאַרטריבן, האָבן פילע פון זיי אין די אַראַבישע לענדער זיך פאַרקליבן. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט רעדן זייער לשון, און זייער האַרץ און געדאַנק אין דערדאָזיקער שפּראַך אויסגעגאָסן. און זיך אויסמישנדיק מיט זיי האָבן זיי אויך געלערנט פון זיי די קונסט פון ליד, ווי אין פסוק שטייט געשריבן: „זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פעלקער און געלערנט זייערע מעשׂים". דען בעת אונזערע עלטערן זיינען געזעסן אין הייליקן לאַנד, איז זיי דאָס געמאָסטן ליד אין דער הייליקער שפּראַך ניט געווען באַקאַנט. בלויז די ספרים איוב און משלי און תהלים געשריבן אין לייכטע, קורצע פּסוקים, זיינען ענליך צו די פערזן פון אַ ליד — אָבער געמאָסטן און געריימט זיינען זיי ניט. און דערפאַר, וואָס אַ טייל פון שבט יהודה, וואָס אין גלות, איז אין שפּאַניע פאַרבליבן, ווי אין פסוק שטייט געשריבן: „און דער גלות פון יהודה וואָס אין שפּאַניע" — און אַזוי ווי

יהודה אלחריזי

בבל ליגט פונקט אונטערן זעלבן קו־השוה אין מזרח־זייט, און שפּאַניע אין מערב־זייט — דאַריבער האָבן אַלע קונסטן אין די צוויי עקן זיך פאַר־שפּרייט, און די וועלט האָט אין די צוויי פּלעצער געפונען איר תיקון און איר פרייד. דען פון אייביק־אָן זיינען אין בבל געווען חכמים, און דאָס אייגענע אין שפּאַניע, מענטשן פון חכמה און איטלאַכן פאַך, באַקאַנט מיט אַלע סודות פון דער שפּראַך, און אויך אין די סודות פון ליד, הן אין פּראָזע און הן אין ריימען געשמידט; דאַרום האָט זיך זייער לשון קלאָר אָפּגעהיט, און זיין טעם לעבט, און זיין געשמאַק איז ניט אויסגעוועפּט.

ווען די דיכטער האָבן אויפגעהערט צו זינגען שירה —
זיינען די דיכטער פון שפּאַניע געקומען;
ווען מזרח־מענטשן האָבן אויפגעהערט זען זעאונגען —
האָבן די מערב־מענטשן נבואה באַנומען.

און עס איז געווען אין יאָר פיר טויזנט זיבן הונדערט זינט דער יצירה — איז איבער שפּאַניע אַרונטער אַ גייסט פון גבורה און שירה. דאַן האָבן די העברעער גענומען צופּאַסן זייער שפּראַך צו דער פאָרם פון ליד. אָבער זייער שפּראַך־קונסט אין יענער צייט איז געווען געזונקען, און זייער לשון אין זייערע לידער האָט געהונקען. ביז דער אַכטער יאָרהונדערט איז אָנגע־קומען, און זיי האָבן שפּילן אויף דער אַכט־סטרוניקער האַרף גענומען. אין יענער צייט האָט אויפגעשיינט די זון פון לויב איבער שפּאַניע דער מדינה — דער גרויסער נשיא רבי חסדאי אבן שפּרוט — זאָל ער רוען אונטער די פליגלען פון דער שכינה. דען ער האָט יעדן איינעמס פאַרלאַנגען געשטילט, און אין זיינע צייטן האָבן די קוואַליעס פון חכמה זיך צעשפּילט. ווייל דערדאָזיקער נשיא האָט מיט זיין חסד יעדן איינעם לעבעדיק געמאַכט, און האָט מיט זיין ברייטער האַנט צוגעצויגן די הערצער פון אַלע גלות־קינדער, וואָס זיינען געווען פאַרשמאַכט. ער האָט געמאַכט באַקאַנט פון לאַנד צו לאַנד: „זאָל קומען צו מיר, וועד עס וויל נאָר געבן אַ האַנט, און איך — נעם אויף זיך אַלע זיינע נויטן". און עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום אים פון מזרח און מערב יעדער גאון און רב, פון די לענדער פון אדום און ערב*), — און ער האָט דעם טיש פון זיין חסד פאַר זיי געגרייט, און וואַלקן

*) אדום — די קריסטלאַכע, און ערב — די מחמדנישע לענדער.

פון זיין פּראַכט איבער זיי פאַרשפּרייט, און דער פּייערזייל פון זיין כבוד האָט צו זיך געצויגן, און געלויכטן פאַר זייערע אויגן.

און די חכמים פון יענעם דור האָבן אַרום אים זיך געטאָן מערן, און האָבן זיך צעלויכטן ווי די ליכטיקע שטערן. אַ געטלאַכער גייסט האָט אויף אים געטאָן זיך צעגיסן, אין חכמה, אין פאַרשטאַנד, אין קונסט און אין וויסן: די מוחות צו רעגן, און הערצער מיט פייער צו וועקן. און זינט דאָן האָבן זיך אַלע קונסטן אין שפּאַניע אויפגעוועקט מיט פרייד, און האָבן זיך איבער דער גאַנצער וועלט צעשפּרייט. אין חכמה פון ליד האָבן זיך געעפנט די אויגן, און געטלאַכע זעאונגען האָבן דאָס האַרץ געצויגן. אין זיין צייט האָט זיך די חכמה ביי אידן צעשיינט, דען ער איז פאַרן וויסן געוואָרן דער אויסלייזער און פריינט. און נאָך יענער צייט זיינען געוואָרן פאַרטונקלט די שטראַלן, און די הויכע זיילן זיינען געפאַלן — און דער נשיא און אַלע זיינע ברידער זיינען אויסגעגאַנגען. דאָן איז דער ניינטער יאָרהונדערט אויפגעגאַנגען — אין וועלכן רבי יצחק בן־חלפון איז געבוירן געוואָרן. ער האָט מיט זיינע לידער די לענדער פון מערב און צפון פאַרקלונגען, און ער איז געווען דער פאַרלויפער פון די, וואָס האָבן דאָס עבטע ליד געזונגען; און אין איינזיקע זיינע לידער האָט גאָט׳ס האַנט אים באַשאָנקען מיט טאַלאַנט.

און אין זיין צייט האָט געלעבט דער גרויסער נגיד רבי שמואל הלוי — וואָס האָט אַ שטאַרקע האַנט אין קונסט פון ליד אַנטפּלעקט, און אַ סך פאַרהוילענישן פאַר דער וועלט אויפגעדעקט. ביי זיינע עלטערע יאָרן איז דער קליינער רבי שלמה*) אויף דער וועלט געקומען, וואָס האָט צעפּאַכט איבער דער וועלט די בשמים פון זיינע בלומען — און נאָך אַזאַ שיינקייט איז שוין מיר ניט געווען, און נאָך אַזאַ וואונדער ווי דער איז שוין מער ניט געשען. דען אַלע פּאָעטן, וואָס זיינען נאָך אים געקומען, זיינען געלאָפן שעפּן פון זיין ברונעם — זיי האָבן אָבער ניט געקענט דערגרייכן צו זיין אָרט, צו זיין מעכטיקן בילד און שטאַרקן וואָרט. און וואָלט ער לענגער געלעבט — ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ וואונדער ער וואָלט נאָך באַוויזן, נאָר זיין קראַנץ איז יונגערהייט געוואָרן אָפּגעריסן... צו ניין־און־צוואַנציק יאָר איז זיין ליכט געוואָרן אויסגעלאָשן און אויסגענומען, און ביז צו דרייסיק איז ער ניט דערקומען.

*) שלמה אבן גבירול.

יהודה אלחריזי

און אין ניינטן יאָרהונדערט זיינען יענע פּאָעטן אונטערגעגאַנגען. און עס זיינען בלויז איבערגעבליבן זייערע געזאַנגען. זיי זיינען געשטאָרבן — אָבער געבליבן לעבן איז זייער רום; און אויך דער גאַנצער יענער דור איז אויסגעשטאָרבן און געבליבן שטום. נאָך זיי איז דער דור פון די נייע פּאָעטן אויפגעקומען, און זייער דור ווערט אָנגערופן די צייט פון בליטן. דען אויב יענער דור איז געווען ווי דערנער — זיינען זיי געווען די בלומען. און דאָס איז דער דור פון די וואונדערלאַכע פּאָעטן, וואָס ווערן אָנגערופן העלזעער און פּראָפעטן; וואָס פון זיי איז יהודה דער לוי איינער, דער פּערל־קראַנץ פון תורה און דער האַלדזבאַנד פון טייערע שטיינער; און די אַנדערע פּאָעטן פון יענעם דור, זייער אָנדייגק זאָל לויכטן אויף אייביקע יאָר. און הגם קיין איינציקער פון זיי האָט ניט דערגרייכט אין זיינע לידער צו רבי שלמה'ס גרויסקייט, צו זיין פייערפלאַם און זיסן טעם, — דאָך

די פירשטן, זיי האָבן ווי זונען
דעם הימל פון ווייסן באַקרוינט;
די וועלט איז געוואָרן פּאַרציטערט,
די צייט האָט געהאָרכט און געשטוינט.

זיי זיינען געבליבן איינאיינציק,
איינאיינציק איז אויך זייער ליד;
מויל־צו־מויל האָט די שכינה גערעדט,
אויף דער וואָר, אין די הערצער געגליט.

און נאָך יענעם דור זיינען געשלאָסן געוואָרן די קוואַלן פון ליד, און די חכמה פון ליד איז געבליבן אויסגעצערט, און זיינע נביאים האָבן זען געטלאַכע זעאונגען אויפגעהערט. און די אַלע, וואָס זיינען נאָך יענעם דור געקומען, און זיך גענומען דעם קוואַל פון ליד צו געפינען, האָבן זיך אָן טויטע ברונעמס אָנגעשלאָגן, און זייער וואַסער איז ביטער און געשלאָגן. און דערנאָך ווי שלמה[1]) דער קיניג פון ליד איז איינגעזאַמלט געוואָרן, און אברהם[2]) זיין פּרינץ האָט אויסגעלעבט זיינע יאָרן, און יהודה[3]) זיין קריגספירער און משה[4]) זיין נביא זיינען אויסגעשטאָרבן — איז דער קוואַל

---

1) שלמה אבן גבירול. 2) אברהם אבן־עזרא.

3) יהודה הלוי. 4) משה אבן־עזרא.

פון ליד געוואָרן געשלאָסן, און דער אמאָליקער כבוד און מורא זיינען גע־וואָרן פארפלאָסן, און גאָט'ס מלאך האָט זיך שוין מער ניט באַוויזן. דען נאָך אַזעלכע ווי זיי זיינען שוין ניט אויפגעגאַנגען, און עס זיינען שוין מער ניט געהערט געוואָרן ווי זייערע געזאַנגען. און מיר דאָ, ביי היינטיקן טאָג, קלייבן די איבערגעלאָזענע פון זייערע זאַנגען... און טאָג־ווי־נאַכט לויפן מיר אין זייערע וועגן — אָבער מיר קענען צו זיי ניט דערלאַנגען, ווייל יעדער איינער פון אונז טוט בלויז נאַרישקייט רעדן. און די ערשטע האָבן פון גוטן זעמלמעל גענאָסן, און אונז האָבן זיי די פסולת איבערגע־לאָזן. אויך האָב איך געזען די קהלות פון די מזרח־לענדער, וואו גאָט'ס כבוד האָט אויפגעשיינט, און די אידישע קהלות פון פראַנקרייך און דייטש־לאַנד, און די פערזישע און גריכישע קהלות — און עס איז ניטאָ קיין איינ־ציקע חכמה, וואָס זיי איז ניט געלונגען, און קיין איינציקע מדה־טובה, וואָס זיי האָבן ניט באַצוואונגען — נאָר דאָס לאַנד פון ליד האָבן זיי בלויז פון ווייטן געזען, אָבער אריינקומען אהין זיינען זיי ניט ביכולת געווען. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן אין דער חכמה פון ליד אריינגע־דרונגען, און געדיינקט, אַז זיי האָבן זי באַצוואונגען — אָבער ווייט, ווי ווייט עס איז מזרח פון מערב, איז פון זיי דאָס ליד, און דערנעענטערט זיך צו זיי ניט. זייער גייסט קרייזט זיך אום ארום לאַנד פון זינגען, אין אים אָבער קענען זיי ניט אריינדרינגען, און אַז דו רעדסט צו זיי, וועלן זיי דיר זאָגן, אַז נאָך אַזעלכע פאָעטן ווי זייערע זיינען ניטאָ, און נאָך אַזאַ ליד ווי זייערס איז ניט פאַראַן — אָבער קיין מענטש זעט ניט זיין איי־גענעם חסרון, און קיין מענטש איז אויף זיך אליין ניט קיין מבין.

ב.

(תחכמוני: קאַפּיטל ג)

— — — ווייסט, אַז דאָס געהויבן ליד, וואָס איז ווי אַ פּערל צעגליט, און מעסטן מיט גאָלד קען מען עס ניט — איז אונז פון שפּאַניע געבליבן. און וואו די וועלט האָט אַן עק זיך דערקליבן. וואָרים די לידער פון די שפּאַניער זיינען זיס און שטאַרק אין טעם, און זיי גליען, ווי זיי וואָלטן געווען געהאַקט פון פלאַם, און זייערע פּאָעטן זיינען מענלאַך אין זייער פּאַר, און אַלע אַנדערע פּאָעטן פון דער גאָרער וועלט זיינען ווייבלאַך און שוואַך.

יהודה אלחריזי

נאָך מיט דורות צוריק האָבן דאָרטן פּאָעטן גענומען דיכטן, און זיך געמערט ווי ערבות אין וואַלד אין געדיכטן; נייערט זייערע פערזן זיינען געבליבן פאַרבליכט, און זייער געדעכעניש האָט צו אונז ניט דערגרייכט. ווי למשל, מנחם בן־סרוק, דונש בן־לברט, שמואל אבן תבון, און פילע אַנדע־רע. אחוץ די יעניקע, וואָס זייערע לידער זיינען גאָרנישט ניט ווערט, דערפאַר וואָס זיי זיינען שוואַך און אויסגעצערט. ביז דער גרויסער נגיד רבי שמואל איז געוואָרן באַקאַנט, זיין נאָמען זאָל צום גוטן דאָ ווערן דער־מאַנט. זיינע לידער זיינען געווען דערהויבן און זיס, און זייער אינהאַלט ניי און פריש, נאָר די מערסטע פון זיינע לידער זיינען שווער און טיף, און נויטיקן זיך אין אַ פּירוש, וויל מען האָבן פון זיי אַ באַגריף.

און אין זיין דור האָט אויך געלעבט רבי יצחק בן־חלפון, און אייניקע פון זיינע לידער זיינען שטאַרק, און אייניקע — אויסגעדראָשן און קאַרג. אויך רבי יוסף בן־חסדאי, דער פּאָעטער פון „פּאַריתומטן ליד", וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „צי איז שטאַרק און מעכטיק דער הירש, וואָס איז פּרעכטיק" — אַ ליד אַזאַ, וואָס איז איינאיינציק ביי זיין מוטער דאָ, און נאָך אַזוינס איז ביי אונזער פאָלק ניטאָ.

און די לידער פון רבי שלמה דעם קליינעם, ער — וואָס האָט זיין גלייכן ניט אין קיינעם. דען אַלע פּאָעטן פון זיין דור זיינען אַנטקעגן אים אומבאַדייטנד און קליין, און ער באַשטייט אַנטקעגן טויזנט איינער־אַליין. ביז צום העכסטן שטאַפּל פון ליד האָט דערגרייכט זיין האַנט, און די פּאָ־עזיע האָט אים געבוירן אין שוים פון פאַרשטאַנד. דען אַלע פּאָעטן, וואָס האָבן פאַר אים געלעבט, זיינען מיט זיין קומען געוואָרן אויסגעוועפּט. און נאָך אים — איז שוין אַזאַ ווי ער ניט געקומען. און אַלע נאָך אים האָבן זיין גרויסקייט באַנומען, און האָבן עפּעס פון זיין ליד איבערגענומען. און גאָט האָט אים געזאַלבט פאַר קעניג איבער די לידער פון זיין פאָלק, — שלמה'ס איז דאָס ליד פון לידער. גענוג איז פאַרן גרויסן דיכטער דאָס אַליין — זיינע טיפע לידער צו פאַרשטיין. דען זיין פּאָעזיע איז טיפער פון אונזער אַלעמענס באַנעמען, און ווער קען צום הימל אַרויף און זי אַרונ־טערנעמען?

און רבי משה אבן־עזרא, וואָס האָט דערגרונטעוועט די פּערל, וואָס לויכטן קלאָר און בלאַנק, פון דער פּאָעזיע פון געדאַנק. און די לידער פון חכם רבי אברהם אבן־עזרא, אַ הילף אין טאָג פון טויט אויף דער וועלט. און דער געבענטשטער רעגן אויף אַ פאַרטריקנט פעלד; זיינע פּיוטים

זיינען מוראדיק און גרויס געווען, אַזוינס האָט נאָך קיין אויג ניט אָנגעזען. און יצחק זיין זון האָט אויך געשעפּט פון קוואַל, און אויף די לידער פון זון איז אויך געפאַלן זיין פאָטערס שטראַל. נאָר אַז ער איז אין די מזרח־לענדער געקומען, האָט ער די טייערע קליידער פון זיין גלויבן אַראָפּגענומען; גאָט׳ס כבוד האָט אים אויסגעמיטן, ער האָט זיינע קליידער אויף אַנדערע אומגעביטן.

און די לידער פון דעם לוי רבי יהודה, די קרוין אויפן קאָפּ פון תורה און פאַרשטאַנד, און אויף דעם האַלדז פון חכמה די שנור פון רובין און בריליאַנט. דער שטאַרקער זייל אין היכל פונם ליד, ס׳איז קלאָר און ליכטיק זיין געמיט. ער איז דער גיבור, וואָס האָט באַצוואונגען די וועלט, און האָט זיין שפּיז אויף די געפאַלענע אָנגעשטעלט. ער האָט אַלע העלדן פון געזאַנג טויט־געשלאָגן, און אַלע קלינסטע שטייען פאַר זיין ליד דערשלאָגן. אסף און ידותון זיינען אָפּהענטיק פאַר אים, און מען הערט ניט זייער שטים. ער איז אין היכל פון ליד אַריינגעקומען, און אַלע זיינע אוצרות צוגענומען, האָט אויסגערויבט זיין גאַנץ פאַרמעג, האָט צוגעשלאָסן הינטער זיך דעם טויער — און אַוועק. און אַלע, וואָס זיינען אַרויס אין זיינע טריט, זיך צו לערנען די קונסט פון זיין ליד, זיינען צום שטויב פון זיין רייטוואָגן ניט צוגעקומען, און זיי קושן זיינע פוסטריט באַנומען. זיין שפּראַך איז שאַרף און קלאָר, ביז גאָר. מיט זיינע תפלות האָט ער אַלעמען צוגעצויגן און באַצוואונגען, און אין די ליבע־לידער, וואָס ער האָט געזונגען, — פאַלט ליכטיק ווי דער טוי זיין וואָרט, און פייערן רייסן זיך פון דאָרט; און אין זיינע קינות שפּאַלט ער דעם וואָלקן פון געוויין און קלאָג. און שרייבט ער אַ מגילה, צי אַ בריוו — געפינסטו אַלץ, וואָס איז גרויס און טיף, ווי די שטערן וואַלטן זיך אים גרויס צו מאַכן געפלייסט, ווי גאָט אַליין האָט אויף אים אָפּגעשיידט פון זיין גייסט. די טויערן פון ליד האָבן זיך פאַר אים אָפן געשטרעקט, און די שכינה האָט זיך צו אים אַנטפּלעקט. מיט דעם הויך פון זיין מויל טוט ער די כוואַליעס פון חכמה איינשטילן, און ווי אַ לייב טוט ער ברומען און ברילן, און ער געפינט דעם ריכטיקן אויסדרוק פאַר זיינע געפילן. — — —

באמערקונגען

צו שלמה אבן־גבירול'ס לידער

„איך בין האר — און דאָס ליד איז מיין קנעכט", ז. 23 — דאָס איז אַ פראַג־מענט פון אַ גרעסערער פּאָעמע, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען. דער אייגענער געדאַנק ווערט אויך ביי אים אויסגעדריקט אין זיין ליד „אַן ענטפער", אויף ז.52.

צום ליד „אויפן טויט פון ר' האי גאון", ז. 28 — ר' האי גאון האָט געצויגן זיין יחוס פון דוד המלכס משפּחה. מיטן טויט פון ר' האי גאון הויבט־אָן זינקען דער גלאַנץ פון דעם בבלש'ן אידנטום, און די העגעמאָניע פון שפּעריש׳ן געדאַנק גייט אַריבער צו די אידן פון שפּאַניע.

צום ליד „פאַרלאָזנדיק סאַראַגאָסא", ז. 30 — „דאָס געבאָט פון שלמה מיין זיידן" — שלמה המלך, דער קליגסטער פון אַלע מענטשן.

צום ליד „אַן ענטפער", ז. 52 — איינס פון אַ סך פּאָלעמישע לידער, אין וועל־כע דער פּאָעט גיסט־אויס זיין ביטער האַרץ אויף זיינע ניט־פאַרגינער און בעלי־ מחלוקה.

צום ליד „זע, די זון איז בלוט־רויט ביים פאַרגיין", ז. 56 — דידאָזיקע קליינע וואונדערבאַרע עלעגיע איז געשריבן געוואָרן אויפן טויט פון יקותיאל אבן־האַסאַן.

צו דער עלעגיע „אויפן טויט פון יקותיאל אבן־האַסאַן", ז.57 — יקותיאל איז דערהרגעט געוואָרן צוליב אַ בלבול, וואָס זיינע שונאים האָבן אויף אים געמאַכט. מיט איין יאָר שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען אומשולדיק, און די פאַרלוימדער האָבן באַקומען די פאַרדינטע שטראָף.

„דער פירשט איז אין יאָר ניין־און־ניינציק געפאַלן", ז. 59 — ד' תשצ"ט.

„אין יאָר פון אַכטהונדערט" — שנת ת"ת, לויט דער אידישער ציימרעכענונג.

אהרנ'ס הויז — די כהנים.

אהרן — אהרן הכהן.

צו דער עלעגיע „אוי, קינד פון דער וועלט", ז.64 — נאָך אַ קלאָג־ליד געשריבן אויפן טויט פון יקותיאל אבן־האַסאַן.

צו די לידער „פּאָלעמיש", ז. 72, א און ב — זיינען געווענדט צו רבי שמואל הנגיד. די איבעריקע דריי — צו אַ אונז אומבאַקאַנטן פּאָעט.

צום „ליד פון וואַסער", ז. 75 — אַ מאַן מיטן נאָמען משה האָט איינגעלאַדן מענטשן צו אַ שמחה, און אַז דער ווייַן איז אויסגעגאַנגען, האָט מען דערגאָסן מיט וואַסער. אַנדערע פאָרשער זיינען מסופּק, צי דאָס ליד געהערט צו שלמה אבן־גבירול.

צום ליד „עפן דעם טויער, באַגליבטער", ז. 77 הגר, אונזער מוטער שרה'ס דינסט. ישמעאל, איר זון, איז לויט דער לעגענדע פון חומש, דער אורפאָטער פון די אַראַבישע פעלקער.

דער „וואַלד־חזיר אדום“ — עשו, יעקב׳ס צווילינג־ברודער, דער אורפּאָטער פון אַלע קריסטלאַכע פעלקער.

צו דער פּאָעמע „כתר־מלכות“, ז. 92—114 — אין דער פּאָעמע האָט דער פּאָעט אויסגעדריקט זיין גאַנצע וועלט־אַנשויאונג וועגן גאָט, וועלט און מענטש. לויט דערזעלביקער שיטה, וואָס ער האָט גרינטלאַך באַהאַנדלט אין זיין ספר „מקור־חיים“.

כוכב — מערקור.
נוגה — ווענוס.
מאדים — מאַרס.
צדק — יופּיטער.
שבתאי — סאַטורן.

צו משה אבן־עזרא׳ס לידער

צום ליד „צו זיין ברודער יהודה“, ז. 142 — אַנדערע זיינען מיט דער מיינונג, אַז דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן צו יהודה הלוי. דאָס איז איינס פון צענדליקער לידער, אין וועלכע דער פּאָעט קלאָגט זיך אויף זיין ביטערן מזל.

צום ליבע־ליד „קיינער וויל ניט פאַרשטיין אונזער ליבע“, ז. 145 — דאָס ליד איז געשריבן צו זיין ברודער יצחק׳ס טאָכטער. זי האָט חתונה געהאַט, ווי אַנדערע פאַרשער מיינען, מיט זיינעם אַ אינגערן ברודער.

„צו יהודה הלוי“, ז. 152—156, ווי אויך אין זיין ליד „צו אַ פריינט“, ז. 161, האָבן מיר אַ קלאָר בילד פון דעם פּאָעטס גייסטיקן צושטאַנד אין דער קריסטלאַכער שפּאַניע, וואוהין ער האָט אויסגעוואַנדערט נאָכדעם, ווי ער האָט זיך צעקריגט מיט זיין משפּחה. וואונדערבאַר איז דער איבערגאַנג אין דער ערשטער פּאָעמע צו יהודה הלוי. דער פּאָעט גייט־איבער פון דער ווייטמוטיקער שילדערונג פון זיין לעבן אין דער פרעמד אין אַ לויבגעזאַנג צו זיין אינגערן חבר.

צום ליד „אויף להכעים מיינע שונאים“, ז. 167 — „נאָך דאַן אין מדבר האָט מען אויף משה׳ן שוין אַ האַנט געהויבן“ — משה — משה רבנו; דער פּאָעט, וועמעס נאָמען איז אויך משה, געפינט אַ טרייסט אין דעם, וואָס אַלע באמת־גרויסע מענטשן ווערן גערודפט.

צו די „טעדזינגס“, ז. 187—190 — דאָס איז אַ פּערזישע פאָרם פון רובייען, וואָס גראַמען זיך מיט ווערטער פון זעלביקן פאָנעטישן קלאַנג, נאָר די ווערטער האָבן פאַרשיידענע באַדייטונגען. איך האָב זיך געמיט צו טאָן דאָסזעלביקע אין דער אידישער איבערזעצונג.

דער ספר „תרשיש“ באַשטייט פון 1210 קליינע, מערסטנס, פירשורהדיקע לידער, בגמטריא פון וואָרט תרשיש.

צו יהודה הלוי׳ס לידער

צום „עפּיגראַם“, ז. 228 — אַן ענטפער אויף דער פראַגע, פאַרוואָס דער פּאָעט האָט אויפגעהערט שרייבן לידער.

צום ליד „פאַרפלויגן איז די טויב די עלנטע אין וועלדער“, ז. 242 — די כנסת־ישראל איז געגליכן צו אַ טויב.

צום ליד „באַדאַרפסט דאָך דערקענען“, ז. 246, „און זייערע הערשער — דער ברודער און קנעכט“ — דער ברודער — עשו, דער קנעכט — ישמעאל.

צום ליד „ירושלים“, ז. 249 — אויף די דריי יום־טובים פון פסח, שבועות און סכות — פלעגט דאָס גאַנצע פאָלק מוזן עולה־לרגל זיין נאָך ירושלים. ווען דאָס פאָלק וועט ווידער אויסגעלייזט ווערן פון גלות — וועט זיין אַ נייער, אַ פערטער יום־טוב.

די טאָכטער פון אדום“ — די קריסטלאַכע פעלקער.

„דער זון פון דער דינסטמויד“ — ישמעאל, דער זון פון הגר.

צו דער פּאָעמע „ציון, הלא תשאלי“, ז. 255 — די פּאָעמע איז עטלאַכע מאָל איבערגעזעצט געוואָרן אין אידיש. דוד פרישמאַן, מאָריס ראָזענפעלד, און צו לעצ־טערע יאָר זיי, ח. נ. ביאַליק, האָבן געמאַכט איבערזעצונגען פון דערדאָזיקער באַ־רימטער פּאָעמע. ביאַליקס איבערזעצונג איז די באַרימטסטע פון די אַלע אַנדערע. זיינע איז אָבער אַ פרייע איבערזעצונג, איז שטאַרק פאַרקירצט און איז געשריבן געוואָרן אין פרייען פערז. צוליב אַן איינהייטלאַכן טאָן פון בוך האָב איך די פּאָעמע איבערגעזעצט פונדאָסניי.

„באַרג אויף באַרג“ — הר־ההר, וואו משה און אהרן זיינען געשטאָרבן.

„צוויי גרויסע זונען“ — משה און אהרן.

„דערמאָן איך שומרון“ — די מלכות־ישראל.

„דערמאָן איך ציון“ — די מלכות־יהודה.

צום ליד „דיינע רייד דופטן זיסער פון בשמים“, ז. 259 — דאָס איז אַן ענטפער צו איינעם אַ פריינט, וואָס האָט געזוכט אים אָפּצושלאָגן פון זיין נסיעה צום היי־ליקן לאַנד.

צו זיינע לידער „אויפן ים“, ז. 262, „איך געדיינק ניט יהודה און עזראל“, „און מיין יצחק, וואָס איז ווי אַ קינד מיר“ — דריי זיינע באַליבטע תלמידים.

צום ליד „עס דאַנקט דיר, אָ, גאָט, מיין נשמה“, ז. 267, „קען יהודה יהודה'ן פאַרגעסן“ — יהודה הלוי'ס איניקל האָט אויך געהייסן יהודה.

צום ליד „אין מצרים“, ז. 275 — אַן ענטפער צו זיינע נייע פריינט פון מצרים, וואָס האָבן געוואָלט, דער פּאָעט זאָל זיך צווישן זיי באַזעצן און ניט פאָרזעצן זיין נסיעה.

דער וויינשטאָק — די כנסת־ישראל.

גאָט'ס שלוחים — משה און אהרן.

חתן־כלה — גאָט און דאָס אידישע פאָלק.

„דאָרט איז אויך אַ מזבח געשטאַנען“ — דער מקדש־חוניו, וואָס איז געשטאַנען אין די צייטן פון בית־שני אין אלכסנדריה של מצרים.

רשימה פון די ערשטע שורות פון די לידער לויטן סדר, ווי זיי זיינען געדרוקט אין בוך:

שלמה אבן־גבירול

איך בין האר — און דאָס ליד איז מיין קנעכט — — — — 23
מיין ליד ווערט פאַרשטומט פון טרויער — — — — — — — — — 24
און דער ווינט האָט צונויפגעיאָגט וואָלקנס — — — — — — — — 25
די וואָלקנס האָבן זיך צעברומט ווי אָקסן — — — — — — — — 26
זע, ס'האָט די וועלט זיך צעשמייכלט — — — — — — — — — 27
וויין, מיין פאָלק, גורט־אָן זעק אויף די לענדן — — — — — — 28
איר, קינדער פון גלות, וויינט העכער — — — — — — — — — 28
מיין האַלדז איז טרוקן פון שרייען — — — — — — — — — — 30
זיי זאָגן: אַוועק איז זיין יוגנט: — — — — — — — — — — 34
וואָלט מיין נשמה ווינציקער באַגערט — — — — — — — — — 36
לויטן וואָרצל פון בוים איז די ליינג פון זיין צווייג — — — — 38
און מיין אויג נעמט די וועלט דורך, און זעט — — — — — — — 39
דו ווייסט, מיין ברודער, אויף די בייזע צייטן — — — — — — 42
ס'איז מיין ליף אין געפעכט ווי א פאַנציר — — — — — — — 45
איז מיין האַרץ פון שטיין צי פון אייזן — — — — — — — — 46
נשמה וואָס ברויזט און וואָס שטורעמט — — — — — — — — — 48
דער ווייטיק, וועלכער לאָזט זיך נישט פאַרהיילן — — — — — — 50
וויקל־איין זיך אין שטאָלץ און אין רום — — — — — — — — — 52
זע, די זון איז בלוט־רויט ביים פאַרגיין — — — — — — — — 56
אַז דאָס לעבן יקותיאל'ס איז געוואָרן פאַרשניטן — — — — — — 57
האַרץ איז ליידיק און וויסן באַגרעניצט — — — — — — — — 63
אוי, קינד פון דער וועלט, פרעג דיין מאַמען — — — — — — — 64
פאַרפירט פון דער נישטיקייט בין איך — — — — — — — — — 66
און די ליבע און האָפנונג אין האַרצן — — — — — — — — — — 67

דער טרויער פון לוסט און פון יוגנט — 69
צי דיין שווערד, שטעך אריין אין מיין הארצן — 72
ס'האָט דער פאָטער פון אַלע חכמים — 72
האָסט געגנבעט מיין ליד און געלייקנט — 73
דיין ענטפער זאָגט עדות: ביסט שולדיק — 73
פרידן צו דיר, גיי געזונט, זיי געזונט — 74
האָט דער וויין גענומען טאָגן — 75
עפן דעם טויער, באַגליבטער — 77
קום צו מיר מיטן פרימאָרגן — 78
פאַרקלעמט און פאַרשעמט אין דעם ווילד־פרעמדן לאַנד — 79
זעקס יאָר דינט אַ אידישער קנעכט — 79
דו פלאַמיקער, ליכטיקער, צי שוין דיין שווערד — 80
דו רוסט צווישן שוואַרצע געצלטן פאַרלאָזן — 81
דעם טויער פאַרשלאָסענעם עפן געשווינט — 81
איז שוואַרץ און באַחנט ווי אַ מדבר־געצעלט — 82
רוסט אין מיין פּאַלאַץ אין גאָלדענער בעט — 83
דוד'ס שטאָם, וואָס שטייסטו אויסגעפרוירן, שטום? — 83
מיין הארץ האָט דיך ליבן געוואָלט — 84
גאָט, וואָס דו הערסט און פאַרנעמסט — 84
דריי שטייען מיר אַלץ פאַר די אויגן — 85
האַלט דיין אויג, מיין נשמה, צום בורא — 86
מיט געבראָכן געמיט און געבויגענע קני — 86
בויג צו גאָט זיך, מיין קלוגע נשמה — 87
גאָט, וואָס איז דער מענטש? — 88
כתר־מלכות — 92

משה אבן־עזרא

ס'האָט אַ זון אין דער נאַכט פון מיין ליבע — 131
איינגעהילט האָט זיך דער גאָרטן — 132
און דער גאָרטן איז פּראַכטיק צעוואָרפן — 133
איז דאָס מירא דער דופט, וואָס צעשפּרייט זיך — 135
אין נאַכט פון צעשיידונג זיינען שטערן צו מיר — 138
די קעלט איז אַנטלאָפן; דער רעגן — 141

ניט פייניק מיך, צעשיידונג, ווארט א רגע — 142
קיינער וויל ניט פארשטיין אונזער ליבע — 145
פארווירטע, אין שווארצקייט פון נאכט — 147
די טויב, וואס נעסטלט אין גארטן — 151
איך בעט, אז קארג זאל זיין די צייט און גייציק — 152
די שטיינער האבן אויף מיין בראך געטרערט — 155
א פייער שפיגלט זיך און ברענט צעפלאקערט — 157
מיין פריינט, ס׳גיסט מיין אויג נאך דיר טרערן — 161
פארלאזסטו זיך אויף שטילשווייגן אין טרויער — 162
דו מענטש פון פארשטאנד, זאלסט דיין טרויער — 165
צו להכעיס מיינע שונאים און פארלוימדער — 167
אין ווייען און טויטלאכע אנגסטן — 170
עס האט גאט אינם הארצן פון מענטשן — 172
וואו די קברים פון די מענטשן — 172
די וועלט איז א פרוי א מאסקירטע — 173
זאל דער מענטש דורכן לעבן געדיינקען — 173
אומזיסט נאר הנדלט זיך די ערד — 173
געבויט אויף דער ערד זיך פאלאצן — 174
גיי ארויס צום בית־עולם, באטראכט נאר — 175
און יענער, וואס חלומט פון רייכקייט — 175
אלטע פארצייטיקע קברים — 175
פרידן צו די יעניקע וואס רוען — 176
פארפלויגן זיינען מיינע טעג ווי שאטנס — 177
וועלט, גיב דיין הארץ, און די אויגן — 178
מיין נשמה באגערט צו איר קוואל — 181
כ׳האב דערוואכט אין מיין דרימל: די תאוות — 184
איילט שנעל צוריק צום וואוינונג פון די טייערע — 186
פארוואס איז מיין געליבטער בייז אויף מיר — 186
טערזינס — 187

יהודה הלוי

די מארגנשטערן זינגען דיר א ליד — 205
נאך איידער דו האסט מיך באשאפן — 206

מיין געדאַנק האַלט מיך וואַך אין דיין נאָמען — 207

שלאָף ניט, דיין וועלט ניט פאַרשלאָף — 208

ס'איז גוט און וואויל צו רוען אין דיין הויז — 210

צום קוואַל פון לעבן מיינעם ווענד איך מיין געדאַנק — 211

גרויסער גאָט, ביסט מיין איינציק באַגערן — 212

דו ליגסט אין אַ קינדערשן חלום — 214

ווי טאָג אַזוי נאַכט צו גאָט זאָלט איר לויבן — 215

זאָל וואויל געפעלן זיין אין דיינע אויגן — 216

גאָט, וואו זאָל איך דיך געפינען — 217

דו נאַרישע טויב, פאַלסט מיט איטלאַכן טריט — 219

די ערד האָט נעכטן נאָך געזויגן ווי אַ קינד — 221

אויב שיידן זיך איזביידן אונז באַשערט — 223

די נאַכט, ווען ס'האָט מיין שיינקייט מיר אַנטפּלעקט — 226

די צויבערין, וואָס האָט זיך אויף אַ צייט צעשיידט — 226

ווען איך האָב אים אויף מיינע קני פאַרשפּילט — 228

זי וואַשט איר זיידן קלייד אין מיינע טרערן — 228

וואַך אויף, געליבטער מיינער, פון דיין דרימל — 228

אַז דער קוואַל פון געזאַנג איז פאַרדאָרבן — 228

דו פוילענצער, שעמען זיך מעגסטו — 229

וואָס ווילט איר פון מיר, טעג פון יוגנט מיינער — 229

די טויב ברומט און רעדט אין די צווייגן — 230

ס'ווערט דיין יוגנט געביטן אויף עלטער — 233

ווי קען איך רו נאָך דיר, פּאָעט, געפינען — 236

איך בין פריינט נאָך מיט וואַנדער פון יוגנט — 236

דער שאָטן זאָל זיך אָפּציען פון אונזער וועלט — 240

שלמה'ס פאָרהאַנגען, ווי זייט איר — 241

פאַרפלויגן איז די טויב די עלנטע אין וועלדער — 242

גאָט'ס רעכטע האַנט, די שטאַרקע — 243

מיט אויסגעשפּרייטע הענט צו גאָט טוט תפילה — 244

דו האָסט צו מיין ברוסט זיך געטוליעט — 245

באַדאַרפסט דאָך דערקענען — 246

ירושלים, צו דיינע באַדריקער — 249

דו שלאָפער, מיט האַרץ וואָס פלאַטערט — 251

זאָלן לויכטן מיינע שטערן — 252

מיין האַרץ איז אין מזרח — — — — — — — — — — — — 253
פרייד פון דער וועלט און איר צירונג — — — — — — — — 254
באַדאַרפסט זיך פרעגן דאָך אויף דיינע קינדער — — — — — 255
פרידן פון אַלע פיר זייטן — — — — — — — — — — — — 258
דיינע רייד דופטן זיסער פון בשמים — — — — — — — — — 259
ס'האָט דער דראַנג צו מיין גאָט מיך פאַרנומען — — — — — — 262
גיט־אָפּ אַ הייסן גרוס דער טאָכטער מיינער — — — — — — 263
האָט אַ מבול פאַרגאָסן די ערד — — — — — — — — — — — 264
דיין ווינט, אָ, מערב־זייט, איז אָנגעזאָפּט — — — — — — — 265
אָ, גאָט, מאַך די טיפקייט ניט טרוקן — — — — — — — — — 266
עס דאַנקט דיר, אָ גאָט, מיין נשמה — — — — — — — — — 266
צי קענען דען נעסטן זיין קערפּער אין וואונדן — — — — — — 267
איך ווענד זיך שטיל צום טריבן האַרצן — — — — — — — — 269
כוואַליעס יאָגן, כוואַליעס שלאָגן — — — — — — — — — — 270
דיין האַרץ זאָל אין ים זיך ניט שרעקן — — — — — — — — — 271
פאַרבויג זיך מיט מיר צו מצרים — — — — — — — — — — 274
צו מצרים אַ לויב צווישן לענדער — — — — — — — — — — 275
האָט די צייט דען איר טרויער פאַרוואָרפן — — — — — — — 277
איר, זינגער, באַזינגט זייער שיינקייט — — — — — — — — 278
די צייט האָט מיך אין מדבר פון מצרים — — — — — — — — 280

אינהאַלט פון בוך:

א ווידמונג — 5
אַריינפיר — 7—8
שלמה אבן־גבירול, עסיי — 11—22
שלמה אבן־גבירול׳ס לידער — 23—114
משה אבן־עזרא, עסיי — 117—125
קורצע עסייען פון משה אבן־עזרא — 126—130
משה אבן־עזרא׳ס לידער — 131—190
יהודה הלוי, עסיי — 193—203
יהודה הלוי׳ס לידער — 205—280
יהודה אלחריזי: די געשיכטע פון דער העברעאישער
פּאָעזיע אין שפּאַניע — 283—289
באַמערקונגען — 291—293
רשימה — 295—299

דרוק-פעלער :

אויף דער זייט 21, שורה 16, דאַרף אָנשטאָט
אַ ס ט ר אָ נ אָ מ י ש ע זיין אַ ס ט ר אָ ל אָ ג י ש ע.